ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# חמדת ישראל
# סדר דברים

אידיש

**444**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

ספר

# חמדת ישראל

## על התורה

## סדר דברים

כולל כל תרי"ג מצות ופרטיהן עם הרבה טעמי המצות
מספר החינוך, וסיפורים נאים מגמרא ומדרשים השייכים
להמצות, ונלוה אליו מאמר מספר מנורת המאור
מאת אליהו דוב בהרב הגאון מו"ר ישראל דוד ז"ל מווילקאמיר
דער ספר ענטהאלט, אלע תרי"ג מצות
אויף וועלכע מאנסלייט און פרויענצימער זענען
פערזארגט, מיט נייטיגע דינים, און פיעל טעמים פון מצות,
מיט סיפורים פון גמרא און מדרשים.
אויך אין קורצען די אידישע היסטאריע מיט ריכטיגע ראיות
אויף די הייליגקייט פון דער אמונה, וועלעכע קאן ווירקען
אויף דעם אידישען גייסט און פערשטאנד, צו ליב האבען
דעם דת, דאס פאלק און זיין לאנד

**הוצאת אמונה**

ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

# דברים

## תיד) לא תכירו פנים במשפט. (א—יז)

די מל"ת איז, מען טאר ניט אויף נעמען קיין רב און קיין דיין וועלכער עס איז ניט ראוי נאך די מעלות פון תורה און יראת שמים, אויב עס געשעהט אויף א רב אדער א דיין וועלכער איז ניט ראוי, איז אלע מכשולים וואס קומט ארויס דורך איהם איז חל אויף דעם אויף נעהמער ווי אויף דעם רב.

דער מדרש שמואל זאגט ר' אושעיא האט גילערנט, א חכם וואס איז אויף געקומען געווארען דורך געלד 1) ווייסט מען איהם ניט רבי און מען שטעלט זיך ניט פאר איהם, ר' זעירא און נאך איינער האבען צו זאמען גילערנט, איז פערביי געגאנגען איינער פון די אויף געקומענע דורך געלד, זאגט דער אנדערער צו ר' זעירא לאם מיר זיך מאכען ניט זעהענדיג מיר זאלען זיך ניט דארפען שטעלען פאר איהם, ענטפערט ר' זעירא איך דארף זיך נאר ניט באהאלטען איך טייז אפען אז מען דארף זיך פאר איהם ניט שטעלען 2).

## תטו) לא תגורו מפני איש. (שם)

דיא מצות לא תעשה איז, דער דיין זאל זיך ניט פורכטען פאר דעם בעל דין.

יעדער יוד דארף וויסען אז א רב וואס ער פסקנ'ט אדער וואס ער זאגט, זאגט ער מיט דעם דין תורה, און ער טאר ניט מורא האבען, אלזא אזוי ווי דער רב פסקנ'ת זיך און מאכט טריף א בהמה און דעם קצב קאן זיין דער גרעסטער היזק, אז דער קצב האט קיין פערדרוס אויף דעם רב, דיא זעלבע נור וואס דער רב זאגט צו איין א כלל זאך וואס גיהער צום שמארט, אדער אויף א פרט זאך טאר מען אויף איהם קיין פערדרוס ניט האבען ווייל ער איז א געצוואונגענער צו גיין מיט דעם ריינעם אמת 3).

---

1) אפילו וואס מען נעמט געלד ביי א רב אויף א שטאטיגע זאך צב"ש מען דארף געבען דיא אלמנה אדער דיא יתומים פון פריערדיגען רב איז אויך ניט גלייך. נור אז דיא שטאט איז א געצוואונגען צו דעם זאל מען נעמען ביים רב בתורת הלואה.

2) אלזא איז דיא עצת דער אויף נעמען א רב זאל זיין אזויא: דיא שטאט דארף אויס קלויבען מענטשין מבינים אויף א רב בעלי רעה אהן א שום פניה און דיא מבינים זאלען אויף נעמען דעם רב. פיל שטעט האבען אזויא גיטאהן אשרי להם.

3) לײדער אבער זעהן מיר אז מען פערשפילט ביים רב ווערט כען דעם רב א שונא. און א אנדערער ווערט נאך א נאכיאגער דעם רב, אדער ער מצערלט דעם רב. אויף דעם האט שוין לאנג געזאגט ר' ונתן פרעגער ז"ל, דער קצב האט קיין פערדרוס ווייל עס קומט קיינעם ניט אן, אבער דעם פארדריסט ווארום דער צווייטער געווינט.

# ואתחנן

## תטז) וְלֹא תִתְאַוֶּה. (ה–יח)

דיא מצות לא תעשה איז, ניט צו גלוסטען וואס געהער צום צווייטען, ווי נור מען ניט א טראכט ווי מען זאל בעקומען דעם צווייטענס א זאך, אונ די זאך שטייט ניט צום פארקויפען, איז מען באלד עובר דעם לאו, אויב מען בעקומט די זאך, איז מען עובר נאך א לאו לא תחמוד, וועלכע איז ערקלערט אין פרשת יתרו.

א מענש זאל ניט זאגען וואס קאן איך מאכען אז דער געדאנק טרייבט מיר צום גלוסטען, באמת איז א טעות מען זאל ניט דענקען דאס יעען קאן ניט צווינגען דעם געדאנק, דאס זאגען נור נארען, נידערטרעכטיגע מענשען, אין דיא ריכטיגקייט איז יעדער מענש א בעל הבית אויף זיינע געדאנקען, עס טראכט זיך ניט אין דער זאך וועלכע מען פארשטעהט אז דאס קאן ניט זיין, צב"ש וועט דען א איינפאכער מענש דענקען צו נעמען א בת מלך פאר א פרוי ווייל דאס איז אונמעגליך טראכט מען דאך ניט, דיא זעלבע דארף א יוד זיך פארשטעלען, דיא זאך וואס מען קאן ניט טאר מען ניט, דארף מען גאר ניט טראכטען וועגען דעם.

די הארץ איז ביי יעדערען אין האנד ווי ער וויל קאן ער איהר בייגען, ווי די גמרא זאגט, די רשעים איז די הארץ איבער זיי, אבער די צדיקים איז די הערצער ביי זיי אין די הענד.

דיא חכמים זאגען ווער הייסט רייך, דער וועלכער עס פרייט זיך מיט זיין טהייל, וואס דער וואס בענוגינט זיך איז אימער צופרידען אונ לעבט רוהיג, דער וועלכער עס יאגט זיך אלץ נאך איבער פליסיגע פערמאגען, בערוהיגט זיך ניט אין גאנצען לעבען, דארום זאגען די חכמים (אין אדם מת וחצי תאותו בידו) דאס הייסט א מענש שטארבט ניט אב אונ האט העלפט פון זיין לוסט בעקומען, ווארום וויא פיעל ער האט וויל ער דאפעל, אין קורצע ווארטען זאגען דיא חכמים, קנאה, תאוה, כבוד, ברייננגען אום דעם מענשען פון דער וועלט.

## תיז) שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹהֵינוּ ה' אֶחָד. (ו–ד)

די מצות עשה איז, צו גלויבען אז עס איז דא נור איין גאט אויף דער וועלט אונ אויף אלע וועלטען.

אויף דער מצוה דארף מען איבער טראכטען, דאס מען איז פארטיג מוסר נפש זיין זיך איבער דער אמונה.

אויף דער מצוה איז מען מחויב יעדער רגע. ווען מען טראכט נור וועגען דעם, איז מען יעדער מאהל מקיים א בעזאנדערע מצוה.

אין פרשת יתרו ביי די מצוה פון אנכי איז עטוואס ערקלערט וועגען דיא מצוה, וועלכע דאס איז דער יסוד פון דער תורה אונ פון דיא גאנצע בריה גשמיות אונ רוחניות.

## יח) וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹהֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ. (ו—ה)

דיא מצות עשה איז, צו ליבען גאט מיט דעם גאנצען הארצען אונ מיט די גאנצע זעלע, אונ מיט דעם גאנצען פערמאגען.

דיא ליעבע צו גאט דארף איבער וועגען אללע ליבעם וואס א מענש האט ליעב, צב"ש דיא ערשטע ליעבע האט א מענש מיט געבארען אין דיא נאטור, זיך אונ די קינדער, ווען עס קומט אבער פאר ביידען זיך, אדער די ליעבע צו קינדער דארף מען פארביינגען, ווי מיר געפינען אברהם האט געפיהרט זיין זאהן צו דער עקדה.

ווען יעקב האט זיך בעגעגענט מיט זיין אב געקלאגטען זאהן יוסף, איז איהם יוסף געפאלען אויף זיין האלז איהם קושען, אונ יעקב האט זיך גאר ניט גיקערט צו איהם, אונ גלייך גילטיג האט ער גאר געלייענט קריאת שמע טייל ווי יעקב האט דער זעהען יוסף'ן האט זיך אין איהם דער וועקט דער גרעסטער טארט ליעבע וואס קאן שאהן אין דער וועלט מעהר ניט געבען, דען יעדער פאטער האט ליעב זיין קינד, נאך מעהר דעם געראטענעם קינד, נאך מעהר וואס ער איז פון איהם אוועק אזוי לאנג אונ קיין ידיעה ניט געהאט, נאכמעהר ער האט איהם שאהן אב געוויינט לסוף לעבט ער אונ איז א מיליאנער אונ דער וועלכער עהרליכער יוד אז מצרים האט איהם גאר ניט געשאדעט, נוא! ווען מיר מענשען וואלטען דער זעהען אזוי א קינד פון אמעריקא פיל וואלט דאס געווען די שמחה גרוים, עס וואלט ניט גילעגען אין זינען קיין זאך, יעקב אבער האט ערשט פארשטאנען וואס איז דאס ליעבע צו גאט, אז ווייא עס האט זיך זיין איהם דער וועקט דיא העכסטע ליעבע פון דער וועלט, יעטצט איז צייט צו ליינען קריאת שמע, ווייל די ליעבע פון יוסף'ן מוז בטל ווערען צו די ליעבע פון השי"ת, דען דער איינציגער לעבין איז דאך געווים ליעב דאך ווען עס קומט אויס דארף מען אויך פארביינגען פאר די ליעבע צו השי"ת, וויא מיר געפינען אברהם, אונ חנניא מישאל ועזריה, ר׳ עקיבא ר׳ חנינא בן תרדיון, אונ נאך פיעל צדיקים, האבען זיך געלאזען מוסר נפש זיין איבער אהבת השם, ליידער אבער איז דוקא ניט אזוי דער מענש דארף זיין איבער געגעבען מיט זיין גאנצען ביינזט אונ מיט זיין גאנצען פארמאגען צו די ליעבע פון גאט, לסוף איז גאר די ליעבע צו גאט די לעצטע זאך, מען פארביינגט אהבת השם איבער א תאוה פון געלד אדער איבער א תענוג אונ איבער ליעבע פון קינדער פארביינגט מען אהבת השם

הַשֵׁם אִין גאַנְצֶען אוּנ מֶען פאַרְזאָרְגְט זִיי הַכְּלַלִים וָועלְכֶע נֶגֶד הַתּוֹרָה אוּנ אַנְדֶערֶע פאַרְקוּקְען נָאר אוּנ דיא קִינְדֶער בְּלַייבֶּען נָאר אִין גאַנְצֶען אָב גֶערִיסֶען פוּן יוּדִישְׁקַייט.

דֶער רמב"ם זָאגְט וָוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן אִין דֶער תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת, אוּנ מֶען זָאל בֶּעטְרַאכְטֶען דִי גאַנְצֶע פוּן דִי וָועלְט מִיט אַלֶע בְּרוּאִים, אוּנ מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן אִין דִי פְּעוּלוֹת פוּן בּוֹרֵא אוֹיף דֶער וָועלְט וִוי גְרוֹיס זַיין הַשְׁגָחָה אוֹיף יֶעדֶען בֶּעזוּנְדֶער וִויא יֶעדֶער מֶענְשׁ קָאן דָאס בַּיי זִיךְ וָועלְבְּסְט שְׁפִּירֶען בֶּעקוּמְט מֶען אַ רִיכְטִיגֶע לִיעבֶּע צוּ השי"ת.

דִי רִיכְטִיגֶע לִיעבֶּע צוּ גָאט אִיז, מֶען זָאל דֶעם צְווייטֶען יוּדֶען מְקָרֵב זַיין צוּ יוּדִישְׁקַייט, צב"ש וָוען מֶען לִיעבְּט אֵיינֶעם, זוּכְט מֶען נָאךְ צוּ שַׁאפֶען אִיהם גוּטֶע פְרַיינְד, דִי וָועלְכֶע וָועלֶען מֶען הָאט רִיכְטִיגֶע אַהֲבַת הַשֵׁם, בּאַרְף מֶען נָאךְ זוּכֶען מְקָרֵב צוּ זַיין יוּדֶען צוּ אַהֲבַת הַשֵׁם, וִויא מִיר גֶעפִינֶען בַּיי אַבְרָהָם׳ן עֶר הָאט עֶרְקְלֶערְט אֱמוּנַת הַשֵׁם צוּ מַאנְסְלַייט, אוּנ שָׂרָה הָאט עֶרְקְלֶערְט אֱמוּנַת הַשֵׁם צוּ פְרוֹיעֶנְצִימֶער, דאָרוּם הָאט גָאט גֶערוּפֶען צוּא אַבְרָהָם׳ן אוֹהֲבִי, מַיין לִיעבּ הָאבֶּער, דֶען אַבְרָהָם הָאט רִיכְטִיג פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס הֵייסְט אַהֲבַת הַשֵׁם, (ספרי).

## תיט) וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ. (ו—ז)

דִי מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, צוּ לֶערְנֶען אַלֵיין תּוֹרָה אוּנ אוֹיךְ לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער תּוֹרָה.

יֶעדֶער יוּד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען, אַ רַייכֶער, אַיין אָרֶעמֶער, אַ גֶעזוּנְדֶער, אַ קְרַאנְקֶער, אֲפִילוּ בַּעַל יְסוּרִים דאַרְפֶען קוֹבֵעַ עִתִּים לְתוֹרָה זַיין בַּייא טָאג אוּנ בַּיי נאַכְט וִוי וַוייט מֶעגְלֶעךְ אִיז.

תּוֹרָה לֶערְנֶען אִיז אָבְּגֶעוואוֹיגֶען גֶעגֶען אַלֶע מִצְוֹת.

דֶער ווילְנֶער גָאוֹן בְּרֵיינְגְט פוּן אַ יְרוּשַׁלְמִי, פַאר יֶעדֶער וָוארְט לֶערְנֶען תּוֹרָה הָאט מֶען אַ בֶּעזוּנְדֶערֶע מִצְוָה. פְרִיֶער שְׁטְרָאפְט מֶען דֶעם מֶענְשֶׁען פַאר בִּיטוּל תּוֹרָה, נאָכְהֶער פַאר אַנְדֶערֶע זאַכֶען.

אַ מֶענְשׁ זָאל נִיט אָב לֵייגֶען דֶעם לֶערְנֶען אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, פִילֵייכְט חָלִילָה דֶער וָוארְט מֶען נִיט דֶעם שְׁפֶּעטֶער.

פַאר דֶעם חֵטְא פוּן בִּיטוּל תּוֹרָה, שְׁטאַרְבֶּען קְלֵיינֶע קִינְדֶער 1), אִיבֶּער בִּיטוּל תּוֹרָה קוּמְט גְזֵרוֹת רָעוֹת אוֹיף יוּדֶען.

דִי גְמָרָא זָאגְט אֶפְשָׁר וָועט זִיךְ וָועלֶען אַ אָרֶעמַאן פְּטֶר׳ן פוּן תּוֹרָה, נֶויינְט מֶען אִיהם דֶעם תַּנָא הִלֵל קֵיין גְרֶעסֶער אָרֶעמַאן פוּן אִיהם אִיז גֶעוֶועזֶען צוּא גֶעפִינֶען, וִוי עֶס אִיז יָדוּעַ דִי גֶעשִׁיכְטֶע עֶר פְלֶעגְט גוּר פֶערְדִינֶען אַיין הַאלְבֶּן;

---

1) משום דשלשה שותפין הן באדם כו׳, והנה כ״ה השותף אינו בגהל הע״ק בצרק מבטל השותף השני השותפות, כמאחז״ל טול אתה את שלך.

גילדען א טאג פלעגט ער מיט איין העלפט זיין פאמיליע ערנערען און די אנדערע העלפט פלעגט ער געבען דעם שומר פון בית המדרש ער זאל איהם אריין לאזען ווייל דער בית המדרש איז געווען פערצייטינס אויסער דער שטאט, איינמאל האט ער ניט געהאט צוא געבען דעם שומר איז ער ארויף אויף דעם בוידעם הערין וויא די חכמים לערנען האט מען אויף איהם געפונען א בארג שנייא, אויף איהם איז מקוים געווארען די רייד פון הנא אין אבות דער וואס איז מקיים די תורה פון ארעמקייט איז דער סוף אז ער איז מקיים די תורה פון רייכקייט, דער הלל איז געווארען נשיא איבער אללע יודען.

דער רייכער קאן זיך ניט פטר'ן ווייל ער איז א טרוד אין די געשעפטען, ווייזט מען איהם ר' אליעזר בן חרסום האט געהאט טויזענד שטעט און טויזענד שיפען, און זיין רייכטהום האט איהם ניט געשאדעט צום לערנען.

דער רבינו יונה זאגט, די מענשען וועלכע ווען זיי ענדיגען זייער ארבייט זייא מאכען צו די געשעפטען, גייען זייא צו הויז אדער זייא זיצען אויף די גאלעריעס און ריידען דברים בטלים אדער ווי היינטיגע מאדע דאס עס קלויבען זיך צוא זאמען קאמפאניעס פארברייגגען די צייט אין שאך אין קארטען אין דאמינעס, אויסער וואס עס קאן געפאלין ביי דעם אנדערע עבירות איז איבעראל דא ביי דעם דער עון ביטול תורה, זייער זינד איז זעהר גרויס, ווייל זיי זענען מבזה די תורה, ווי פארגעסט מען דאס די עוויגע וועלט אין גאנצען לכל הפחות דארף יעדער יוד האבען א קביעות צום לערנען צוא הויז, לומדים זאלען לערנען גמרא און פוסקים, איינפאכע מענשען זאלען לערנען די היילגע ספרים וועלכע אויף יודישע דייטש געמאכט.

דער מדרש זאגט ווען א יוד איז אפילו מחויב געווארען אויף א חטא מיתה בידי שמים וואס זאל ער טאן און בלייבען לעבען, איז זיין עצה וויא פועל ער איז געוואהנט צו לערנען זאל ער לערנען מעהר.

די תורה איז אויך מציל פון גיהנם, עס איז וועגען ביטול תורה פיעל גערעדט אין ש"ס, אין מדרשים, און אין זוהר הקדוש.

אויף איינענע קינדער איז מען מחויב זייא צו דינגען מלמדים מיט אלע קאסטען אוים צו לערנען דעם קינד וויפיל א יוד איז מחויב צו וויסין אין דער תורה, דאס הייסט ביז אז ער איז שוין א למדן פאר זיך צו פערשטעהן פרעגין און ענטפערין אין ש"ס און פוסקים.

לערנען די קינדער דרך ארץ איז אויך אין כלל פון ולמדתם.

אפילו ווען דער זאהן האט שוין קינדער איז דער פאטער איהם מחויב צו שטיצין אויב ער איז פערמעגליך, כדי דער זאהן זאל קאנען עוסק זיין בתורה.

דעם קינדס קינדער האט א דין וויא א איינענער זאהן, דער גרויס פאטער זאל זייא שטיצין צו תורה אויב זיין קינד איז ניט פערמעגליך.

מיט פרעמדע קינדער איז מען אויך מחויב צו לערנען וויא עס איז אייך

געפירט

געפירט ביי יודין מחזיק צו זיין תלמוד תורה'ס מיט ישיבות דארום איז א חוב גדול אויף יעדער יוד ער זאל געבען א טהייל אין מחזיק זיין תלמוד תורה'ס אונ ישיבות.

דער מלמד טאר ניט בטלן קיין איבעריגע צייט, דאך אז עס איז פאר מיר דא צוויי מלמדים, איינער בטלה אבער ער לערינט בעסער פאר דעם וואס בטלה גיט, דארף מען געבען דעם קינד דעם וואס קאן בעסער אונ בטלת איידער דעי וואס קאן ווייניגער אונ בטלה ניט.

דער מלמד וועלכער לערינט ניט ריכטיג האט ער אויף זיך א ארור וויא עס שטייט אין דער תורה (ארור עושה מלאכה ה' ברמיה) פארפ־ולכט איז דער וואס טוהט די געטליכע ארבייט מיט פאלשקייט.

דיא גמרא בריינגט ווען יואב האט אויסגעטויט דיא עמלקים האט ער געלאזט לעבען דיא נקבות פון דיא עמלקים, פרעגט איהם דוד ווארום האסטו געלאזט לעבין דיא נקבות? ענטפערט איהם יואב עס שטייט אין דער תורה (תמחה זכר עמלק) איז דאך פערזאגט נור דיא זכרים צו טייטין, זאגט דוד מען לייענט דאך אבער זכר עמלק איז דאך דער טייטש עס טאר קיין אנדיינק פון עמלק ניט בלייבען, ענטפערט יואב איך האב ניט קיין שולד מיין רבי האט מיר אזוי געלערינט, איז א סברא ביי דער גמרא צו זאגען אז דוד האט יואב'ס רבין געטויט.

דער מלמד טאר ניט זיין צו פיל וואך ביי נאכט, ווארום ער וועט זיין צו טראגין ביי טאג, וועט איהם דער קאפף ניט דינען צום לערנען. אויך טאר דער מלמד זיך ניט פייניגין, ווארום ער וועט ניט האבען קיין כח צו לערנען הייסט עס א גזלה.

דער מלמד דארף וויסין וויא צו האלטין דעם קינד אין דער מורא אבער ניט שלאגין אומדערבארעמט.

דער סדר תלמוד דארף זיין, לערנען אונ איבערלערנען צו געדיינקען. דער רבי טאר ניט ברויכין קיין כעס געגין די קינדער, נור ערקלערין זיי מיט פערשטאנד מיט גוטין וועלין זיי בעסער פארשטעהן.

דער מלמד דארף דיא קינדער איינבראנצין אמונה פון קינדהייט אן, אויסקלויבין פון ספרים ידיעות פון עקרי הדת, אונ איהם פעסט איין זעצין אין מוח, בכדי אויף די שפעטעריגע צייט זאל איהם צו האלטען ער זאל ניט אראב גיין פון די אמת'ע וועג דרך התורה והיראה.

דער וואס דער פאטער האט איהם ניט געלערינט איז ער מחויב ועלבסט צו דינגען א רבין צו לערנען ווי גייטיג.

א אשה איז אויך מחויב צו בעזארגין איהרע קינדער זאלין ניט בלייבין קיין עמי הארץ.

די אשה וועלכע לערינט דינים, אויך וואס זיא ניט אכטונג איהרע קינדער זאלען

זאלען לערנען איז איהר שכר זעהער גרויס. די גמרא זאגט פרויען האבען קיין אנדער זכות נור וואס זיי זעהען דער מאן מיט די קינדער זאלין לערנען.

פיעל גיבין די קינדער ניט לערנען ווייל זיי זעהען ניט איין אין זיי גיין פעהיגקייט, דאס איז אבער א טעות, דיא תורה האט אין זיך א סגולה דאס יעדער מענש אפילו ניט קיין גוטע קאפף אדער אזעלכער וואס איז פערלאפין טעהרערע יאהרין נעלכע ער האט גאר ניט גילערינט, דאך אז ער נעמט זיך צום לערנען קאן ער אויסשטייגען דער גרעסטער מענש, ווי עס איז ידוע פון ר' עקיבא'ן וואס ער איז גיוועזין איין פערדונגענער פאסטוך אונ איז אוועק לערנען אין ער גיקומען מיט פיער אונ צוואנציג טויזנד תלמידים.

דיא גמרא דערציילט ווידער עס איז געוועזין א גביר הורקנוס, זיינע זיהן האבען זיך בעשעפטיגט מיט ערד ארבייט אין פאטערס פעלדער, פון זייא איז גיוועזין איינער מיט זיין נאמען אליעזר, זייא זיינען אלע פראסט גיוועזין אין לערנען דער אליעזר האט גיארבייט זהן חשק ווייל זיין גייסט האט איהם אימער געטריבין צו דער תורה, פלעגין איהם דיא ברידער אן טאן כל הצרות. זיי פלעגין פאר איהם אויסזוכין דיא שווערסטע ארבייט אונ אימער אויף איהם מסר'ן פאר דעם פאטער, איין מאהל האט זיך ביי איהם דיא קוה פארשעפעט אין אקערין אונ אויסגעבראכען א פוס, דא האט זיך אליעזר בעטרעכינט יעצט איז צייט, ווי לאנג וועל איך מיר קוועהלין אונ ליידין פון דיא ברידער, האט ער גילאזט שטעהען די קוה מיטין אקער אונ איז אנטלאפין קיין ירושלים צו ר' יוחנן בן זכאי וואס ער האט דאן דיא ישיבה געפירט אין ירושלים. דיא ברידער האבין גיוויינליך פארמסר'ט פאר דעם פאטער וואס ער האט אוועק געווארפין דעם פאטער. צו דער עלטער האבין זייא דעם פאטער אנגירעדט ער זאל גיין אין ירושלים פאר דיא חכמים איהם מעביר נחלה זיין.

ר' אליעזר האט געטאהן דאס זייניגע אונ געשטיגען אין לערנען וואס ווייטער גרעסער.

הורקנוס איז גיקומען אין ירושלים האט איהם ר' יוחנן בן זכאי האסטיג ניט געוואלט אויסזאגין וואס דא איז געווארין פון זיין זוהן אליעזר, האט ר' יוחנן בן זכאי געמאכט א סעודה פון הורקנוס כבוד וועגין אונ פארבעטין דיא גרעסטע לייט פון ירושלים אונ האט מכבד גיוועזן אליעזר'ן מיט א דרוש. הורקנוס איז פארשטיינט געבליבין אונ דערקט ווארשיינליך איז דאס מיין אליעזר, ער האט אבער זיך זעלבסט ניט געוואלט גלויבען, איז דאס מעגליך פון איין אקערבויער זאל אזוי איין תלמיד חכם ווערין, דא האט זיך הורקנוס געשאפט מוטה אונ זאגט, איך בין געקומען מיין זאהן אליעזר'ן מעביר נחלה זיין, יעצט אבער גיב איך איהם איבער מיין גאנצען פארמעגין אונ דיא ברידער זאלין גיט האבען פון דעם. ר' אליעזר האט אבער ניט אנגינומען. ר' שמעון בן גמליאל דער נשיא האט איהם פאר א איידעם גענומען. נאך זיין רבי, ר' יוחנן בן זכאי'ס טויט איז ער געווארין ראש הישיבה.

וֶוגֶן דֶעם ר׳ אֱלִיעֶזֶר׳ן אִיז אַרוּם גִישְׁמוּעֶסְט בַּיי אוּנְז אִין פ׳ בהר.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ פְרֶעגְט, אַז תּוֹרָה אִיז אַזוֹי הוֹיךְ וָוארוּם הָאט מֹשֶׁה גִיבֶּענְשְׁט זְבוּלֻן׳ן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאנְדִילְט, פְרִיעֶר פַאר יִשָׂשכָר׳ן וָואס עֶר הָאט גִילֶערִינְט. עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר, ווייל זְבוּלֻן הָאט גֶעוֶועט אוּנ שְׁטִיצְט יִשָׂשכָר׳ן, עֶר נֶעמְט דֶעם בִּיסִין פוּן טִויל אוּנ גִיט צוּ יִשָׂשכָר עֶר זָאל זִיצִין רוּהִיג אוּנ לֶערְנֶען דַאפִיר קוּמְט אִיהם פְרִיעֶר צוּ בֶּענְטְשִׁין.

אַ אֵיינְפַאכֶער מֶענְשׁ דוּרךְ דֶעם וָואס עֶר שְׁטִיצְט דִי לוֹמְדֵי תּוֹרָה אִיז עֶר זוֹכֶה אוֹיף דִיא אֱמֶת׳ע וֶועלְט צוּ פֶערְשְׁטֶעהְן דִיא תּוֹרָה וָואס דֶער לַמְדָן וֶועלְכֶער עֶר הָאט אִיהם גֶעשְׁטִיצְט הָאט גִילֶערִינְט ווייל דָאס הֵייסְט אַ רִיכְטִיגֶע שׁוּתָּפוּת.

פוּן דֶעם קָאן מֶען פֶערְשְׁטֶעהְן וויא גְרוֹיס דִיא מִצְוָה פוּן הַחֲזָקַת הַתּוֹרָה אִיז, בִּפְרָט בַּיי יֶעצְטִיגֶע צֵייט.

דֶער סִפְרֵי זָאגְט אַז אַ יוּד אֲפִילוּ עֶר לֶערִינְט אוּנ לֶערִינְט מִיט אַנְדֶערֶע אוּנ אִיז מְקַיֵים דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה נוּר אַז עֶר אִיז נִיט מַחֲזִיק קֵיין לוֹמְדֵי תּוֹרָה, אִיז עֶר פַארְשָׁאלְטִין פוּן בּוֹרֵא.

שְׁטִיצִין דִי תּוֹרָה בֶּעשְׁטֶעהְט אִין דֶעם, אוּנְטֶערְהַאלְטִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס אִין יֶעדֶער שְׁטָאט אוּנ יְשִׁיבוֹת פוּן אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט, גֶעבֶּען פַאר דִיא טֶעכְטֶער מַאנֶען בְּנֵי תּוֹרָה, שְׁטִיצִין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, ווי דִי גְמָרָא זָאגְט דֶער וָואס מַאכְט אַ גִישֶׁעפְט שׁוּתָּפוּת מִיט אַ תַּלְמִיד חָכָם, אָבֶּער דֶער וָואס אִיז מְהַנֶה אַ תַּלְמִיד חָכָם, אַזוֹי וויא עֶס אִיז גִיוֶועזְן אֵיינְגֶעפִירְט אִין דֶער צֵייט פוּן דֶער גְמָרָא צוּ שְׁטִיצִין דֶעם ת״ח זַיין גִישֶׁעפְט 1) אוּנ דֶער וָואס גֶעבְּט אַ אֵיידֶעם אַ לַמְדָן אִיז גְלַייךְ ווי עֶר בַּאהֶעפְט זִיךְ צוּ דֶער שְׁכִינָה.

בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים לֹא דִי וָואס מֶען לֶערִינְט אַלֵיין נִיט רַייסְט מֶען נָאךְ אָב דִי קִינְדֶער פַאר דֶער צֵייט פוּן דֶער תּוֹרָה, מֶען לֶערִינְט דֶעם קִינְד נוּר בִּיז גְמָרָא, ווי עֶס אִיז יָדוּעַ דֶער תֵּירוּץ פוּן דִי וֶועלְט טֵייל עֶס אִיז שְׁוֶוערֶע יָאהְרִין, אִין אֱמֶת רֶעדְט דָאס אַ מֶענְשׁ מִיט פַארְשְׁטֶעלְטֶע אוֹיגִין, אוֹיף אַלֶע זַאכִין פוּן הוֹיז אִיז נִיט שְׁוֶוער, צוּ דֶען ווייל אוֹיף דֶעם זָאגִין דִי חֲכָמִים דָאס הַשֵׁי״ת שִׁיקְט צוּ בֶּעזוּנְדֶער שְׁטֶעהְט דָאס נִידֶערִיגֶער פַאר אַנְדֶערֶע אוֹיסְגַאבֶּען.

אַנְדֶערֶע זַייגֶען זִיךְ מוֹרֶה הֶתֵּיר אוּנ זָאגִין סִיי ווי וֶועט עֶר קֵיין רַב נִיט זַיין, וָועהְט אוֹיס אַז דִי תּוֹרָה אִיז נוּר גִיגֶעבִּין פַאר רַבָּנִים, דֶער טָעוּת אִיז זֶעהְר גְרוֹיס יֶעדֶער יוּד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען אוּנ פַארְשְׁטֶעהֶען דִי תּוֹרָה וָוארוּם אוֹיף יֶעדֶער טְרִיט קָאן מֶען חָלִילָה אַרַיין פַאלִין אִין אַ אִיסוּר כָּרֵת אָדֶער אַ אִיסוּר פוּן גִלֶה, צב״ש דִינִים פוּן שַׁבָּת פוּן נִדָה אָדֶער דִינִים פוּן הַאנְדִיל, אוּנ דָאס אִיז אַ כְּלָל אַז מֶען לֶערִינְט נִיט ווייס מֶען נִיט וויא אַ יוּד צוּ זַיין, מֶען ווייס נִיט וָואס מֶען טָאר אוּנ וָואס מֶען טָאר נִיט, וָואס עֶס פַּאסְט אוּנ וָואס עֶס פַּאסְט

ניט

1) נקיטא ליה שיקא.

נִיט, אִיז דָאךְ נאכְהֶער דֶער פָאטֶער אוֹיף אִיהם אוּנ אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶם קִינְדֶער פֶערַאנְטְוָוארְטְלִיךְ, בִּפְרַט אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְין וִוי בַּאלְד אַז עֶר הָאט נִיט גִילֶערִינְט אִיז רֶעכְט עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף אַלֶע הַרְבֵּה עֲבֵירוֹת, חִלּוּל שַׁבָּת אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת, אִיז דָאךְ גֶעוִויס גְרוֹיס דֶער שְׂכַר פוּן פָאטֶער וֶועלְכֶער לֶערִינְט דֶעם קִינְד אוּנ גְרוֹיס דֶער עוֹנֶשׁ פוּן פָאטֶער וֶועלְכֶער לֶערִינְט נִיט דֶעם קִינְד.

אַנְדֶערֶע רֶעדְט אַיין דֶער יֵצֶר הָרָע דָאס דִי לוֹמְדִים זַיינֶען קֵיינֶע מְפַרְנְסִים נִיט, דַארוּם נֶעמְט עֶר נִיט קֵיין אֵייךְעם אַ לַמְדָן, אוּנ מֶען וִויל אוֹיךְ דֶעם קִינְד נִיט לֶערְנֶען דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אַ טָעוּת, פוּן אַ בֶּן תּוֹרָה אַ סוֹחֵר קָאן זַיין, פוּן אַ סוֹחֵר אַ בֶּן תּוֹרָה נִיט לֶערְנֶענְדִיג קָאן נִיט וֶוערִין, דֶער בֶּן תּוֹרָה גְלֶעְנְצְט אִימֶער, דֶער עַם הָאָרֶץ גְלֶענְצְט נוּר בְּעֵת עֶס גֵייט אִיהם גוּט דִיא וֶועלְט. בִּכְלָל דַארְף מֶען וִויסִין אַז עֶס אִיז נוּר עַל פִּי הַשְׁגָּחָה וֶועמֶען עֶס אִיז בֶּעשֶׁערְט צוּ הָאבִּין נַחַת פוּן קִינְדֶער הָאט עֶר פוּן בֶּן תּוֹרָה מֶעהר נַחַת, אוּנ וֶועמֶען עֶס אִיז נִיט בַּאשֶׁערְט קֵיין נַחַת הָאט עֶר נָאךְ פוּן עַם הָאָרֶץ מֶעהר צָרוֹת, אוֹיסֶער אַלֶעם אִיז דָאךְ דֶער תַּכְלִית פוּן מֶענְשִׁין אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דָאךְ דִיא נָאכְקָאמֶענְדֶע דוֹרוֹת, לָאז מִיר זֶעהְן דִי קִינְדֶער וֶועלְכֶע קוּמֶען אַרוֹיס פוּן עַם הָאָרֶץ צוּ דִי וֶועלְכֶע קוּמֶען אַרוֹיס פוּן אַ בֶּן תּוֹרָה.

אַנְדֶערֶע רֶעדְט אַיין דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס אִיז דִיא פְּעוּלָּה פוּן לֶערְנֶען אַז עֶר דַארְף גֵיין צוּ זֶעלְנֶערַיי, וִויא אוּם פַארְשֶׁעמְט מֶען אִיז מִיט דִיא מַעֲנָה, פַארְצַייטִיגֶע דוֹרוֹת הָאבִּין דֶעם לֶעבִּין גֶעאָפְּפֶערְט, וויפִיעל מֶען הָאט דִיא גֶעצְוואוּנְגֶען נִיט צוּ הִיטִין קֵיין תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת אוּנ הָאבִּין דַוְקָא גֶעהִיט דִיא מִצְוֹת אוּנ גִילֶערִינְט דִיא תּוֹרָה, אִיז דָאךְ גֶעוִויס הַיינְט בַּיי אוּנְז וָואס מִיר זַיינֶען אוּנְטֶער מַלְכֵי חֶסֶד, וֶועלְכֶע מֶען וֶוערְט אוּנְז נִיט צוּ הִיטִין דֶעם דָת אוּנ לֶערְנֶען דִיא תּוֹרָה, אַז עֶס דַארְף נִיט שְׁטֶערִין צוּם לֶערְנֶען דֶער דִינֶען דִי קְלֵיינֶע צֵייט, אוּנ בֶּאֱמֶת זֶעהט מֶען ב"ה אִין מְדִינוֹת וָואס מֶען קוּקְט נִיט אוֹיף דֶעם אוּנ לֶערְנֶען אוּנ הָאבִּין אֲפִילוּ חֲתוּנָה צוּ דֶער צֵייט אוּנ גֵייעֶן נאכְהֶער דִינֶען אוּנ דֶער בּוֹרֵא הֶעלְפְט זֵיי.

נָאךְ אַלֶע עֶרְקְלֶערוּנְג דַארְף אַ יוּד וִויסִין, אַז דִי גַאנְצֶע חִיּוּת פוּן יוּדִין אִיז דִי תּוֹרָה, אוֹיף דִיא וֶועלְט אוּנ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דִי חֲכָמִים זָאגִין אַז פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים מַאנְקִירְטְּ אוּנ פְּרוֹיֶענְצִימֶער וֶועלְכֶע הָאבֶּען נִיט קֵיין צוּ בּוּגֶד צוּ דֶער תּוֹרָה. אַזוֹי וִויא דִיא פִישׁ קָאן נִיט לֶעבִּין אָהן וַואסֶער אַזוֹי קָאן נִיט עֶקְסִיסְטִירִין דֶער יוּד אָהן תּוֹרָה, ד"ה תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב דֶער תַנַ"ךְ אוּנ תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה. אוּנ וָואס מֶען אִיז מֶעהר דֶער וַייטֶערְט פוּן תּוֹרָה וֶוערְט מֶעהר נִתְחַדֵּשׁ גְזֵירוֹת אוֹיף יוּדִין. נָאכְמֶעהר עֶס זֶעהט דָאךְ אוֹיס אַז מֶען יָאגְט נוּר דִיא וָואס לֶערְנֶען דִיא תּוֹרָה אָבֶּער דִי וֶועלְכֶע וַוארְפִין אַרָאב פוּן זִיךְ דִיא תּוֹרָה, אוּנ נָאכְמֶעהר זֵיי מַאכֶען נָאר שְׁפַּאס פוּן דִיא וָואס הַאלְטִין זִיךְ אַן דֶער תּוֹרָה אוּנ הַאלְטֶען זִיךְ

קליגער

קלינגער פאר דיא לומדים, דיא לייט דארף דאך גוט זיין, זייא דארפין דאך פרייא זיין פון דיא גזרות, עס איז אבער ניט אזוי, אין דער צייט פון גזרות איז דער וואס רופט זיך נור מיט דעם נאמען יוד, מיט דעם גרעסטין רב שטעהען אין איין שטאנד, ווי דיא גמרא אין ברכות דערציילט. עס איז ארויס א גזרה ניט צו לאזין לערנען יודין קיין תורה, האט ר' עקיבא צו נויף געקליבין קומפאניעס אונ דאט גילערינט תורה ברבים, צו דער צייט איז גיוועהן איינער מיט זיין נאמען פפוס בן יהודה האט דאס איהם גיקריינקט וואס מאכט זיך ר' עקיבא צום נאר, ער הייבט אן מיט די מלוכה, מיט מסירת נפש דארף מען ניט לערנען, יוא ניין איז פיל גלייך, אין גענצנטהייל אז מיר וועלין מיט זייא מיט מאכען וועט אונז בעסער זיין, ער האט גאר ר' עקיבא'ן וויא מבטל גיוועהן, ער האט איהם אפילו גאר קיין רבי ניט גערופין, ער זאגט צו איהם, עקיבא! דוא האסט גאר קיין מורא פאר דיא רעגירונג. ענטפערט איהם ר' עקיבא איך וועל דיר זאגין א משל, דער פוקס איז געגאנגען ארום טייך האט ער גיזעהן וויא דיא פיש קלייבען זיך קומפאניעס אונ לויפין ארום פון איין ארט צום צווייטען, פרעגט ער זייא ווארום לויפט איהר? זאגען זייא מיר לויפין פון דיא נעטצין וואס מענטשין פארשפרייטין אויף אונז, זאגט ער צו זיי אויב איהר ווילט גייט ארויס פון וואסער אויף דער יבשה וועלין מיר לעבין צו זאמען ווי אונזערע עלטערין האבען גילעבט, ענטפערין איהם דיא פיש דוא בימט דאס וואס מען זאגט אויף דיר דער קלינגסטער פון די חיות, דוא בימט גאר דער נארישער פון אלע, ווען אז מיר האבין מורא פאר דעם טויט אין דעם ארט פון אונזער לעבין אין וואסער איז דאך געווים אז אין דעם ארט וואו מיר קאנען ניט לעבען וועלין מיר דאך געווים שטארבין. די זעלבע ווען אין דער צייט וואס מיר זיינען עוסק בתורה וואס ביי דעם שטייט (כי הם חיינו ואורך ימינו) קומט אויף אונז גזרות, ווען מיר וועלין מבטל זיין פון לערנען זיינען מיר דאך געווים ניט זיכער מיט אונזער לעבין.

עס האט ניט פיל גידויערט אונ מען האט ר' עקיבא'ן פעסט גענומען אונ געבונדין אונ גיזעצט אין פעסטונג, מיט דער צייט האט מען דעם זעלבען פפוס'ן אויך געבראכט אין פעסטונג אונ גיזעצט נעבין ר' עקיבא'ן, דא פרעגט ר' עקיבא נוא! פפוס וואס זאגסטו היינט, מיר קומט איך האב דאס פערדינט איך האב דאך גילערינט, וואס טוהסט דוא דא? אוי! זאגט פפוס וואהל איז צו דיר ר' עקיבא (דא רופט ער איהם שוין רבי) וואס דוא זיצט איבער תורה, וויא איז צו מיר פפוס וואס איך זיץ איבער דברים בטלים.

תיט) ודברת בם וגו' ובשכבך ובקומך. (ו—ח)

דיא מצות עשה איז, צו לייענען קריאת שמע אין דער פריה אונ אין אבינד.

קריאת שמע הייסט דיא דריי פרשה'ס שמע, והיה אם שמוע, ויאמר.
אין שמע ווערט גירעדט וועגין אהבת השם, ווי צו ליבען גאט. אין והיה ווערט גירעדט וועגין תורה אונ מצות. אין ויאמר ווערט גירעדט וועגין יציאת מצרים אונ צו דער מאנען זיך אין אלע מצות.

די צייט פון קריאת שמע לייענען אין דער פריה איז, דיא צייט וויא עס ווערט טאג ביז דרייא שעה אויף דעם טאג, נוייל דער טאג רעכינט זיך איטמער צוועלף שעה פון מארגענשטערין אויפגאנג ביז שטערין ארויסגאנג.

דער זמן קריאת שמע פון אבינד איז, פון דער צייט וואס גייט ארוים די שטערין ביז ענדע נאכט, נור דיא חכמים האבען געמאכט א געזעצטע אב געשטעלטע צייט ביז האלבע נאכט זאל זיין אב געדאווינט. מעריב מיט קריאת שמע, נור אז עס האט זיך געמאכט דאס ער האט ניט געדאווינט קיין מעריב ביז האלבע נאכט, מאג ער דאווענען נאך האלבע נאכט אויך.

אויך לייענט מען קריאת שמע פאר דעם שלאף.

אין דיא סידורים שטייט המפיל פאר קריאת שמע, גלייכער איז אבער מען זאל פריער אפ זאגין די גאנצע קריאת שמע פון שמע ביז ענדע אדון עולם אונ דער נאך זאגין המפיל, עס זאל אויסקומען צו זאגין המפיל באלד פאר דעם שלאף.

בעת לייענען קריאת שמע אין דער פריה אונ אבינד דארף מען האבען א כונה יוצא צו זיין מצות קריאת שמע, דען דאס איז א כלל ביי אלע מצות דארף מען האבין א כונה יוצא צו זיין די מצוה.

דעם פסוק שמע ישראל טאר מען ניט זאגען ארום גייענדיג.

אז מען האט ניט מכוון גיוועזן אין פסוק שמע ישראל מוז מען איבער זאגין.

אין שם דארף מען טראכטין היה ער איז גיוועזן, הוה ער איז, יהיה ער וועט זיין.

אין אחד דארף מען מאריך זיין צו טראכטין דעם געדאנק דאס גאט ב"ה קעניגט אויף דיא זיבען הימלען אונ אויף דיא ערד אונ אויף דיא פיער זייטען וועלט, אונ מען איז פארטיג צו אלע צייטען אויף מסירת נפש.

דעם ז' פון ווארט תזכרו דארף מען הויכין, עס זאל ניט אוים זעהן וויא געזאגט תשכרו.

דיא ווערטער וואס פאנגט זיך אן מיט דעם זעלבען אות וויא עס ענדיגט זיך דער פריערדיגער ווארט, צב"ש על לבבך, ואבדתם מהרה, אדער איין ווארט ענדיגט זיך מיט א מ אונ דער צווייטער ווארט פאנגט זיך אן מיט א א צב"ש ושמתם את, דארף מען היטין דאס יעדער ווארט זאל קאנטיג זיין בעזונדער, ווארום אויב מען זאגט דיא ווערטער צו זאמען קאן אויסקומען איין אנדער געדאנק, צב"ש ושמתם את זעהט אוים וויא געזאגט ושמתמת, אדער

אז מען זאל זאגין צו זאמען דיא ווערטער על לבבך האט דאס קיין גידאנק עס ועהט אוים וויא געזאגט על־לבבך, אדער אנדערע ווערטער אין דעם אופן דארום דארף מען היטין ניט צו זאגען קיין צוויי ווערטער צו זאמען.

דיא גמרא זאגט ווער עס איז מדקדק אין דיא אותיות פון קריאת שמע קיהלט מען איהם אב דעם גיהנם, ווידער זאגט דיא גמרא דער וואס לייענט קריאת שמע בכונה איז ער מנצח דעם יצר הרע.

דארום קאן מען זאגין איז אבגישטעלט צו לייענען קריאת שמע פריה אונ אבענד, אזוי ווי דער מענש יאגט זיך אימער נאך דיא קערפערליכע תאות, דארף ער האבען עס זאל איהם דערמאנען דאס ער איז איוד. אלזא ווען מען זאל לייענען אין דער פריה קריאת שמע בכונה איז דאס גענוג אויף דעם גאנצין טאג, אונ דיא קריאת שמע פון אבינד איז גענוג צו געבייגקען דיא גאנצע נאכט

דארום מוז מען האלטין פעסט דעם גידאנקען פון קריאת שמע, ווייל די זאך וועלכע מען טוהט מיט א געדאנק געדיינקט מען דאס עס זאל מאכען א איינ־דריק צו טאהן.

ווען א יוד וואלט מאכי באמת זאגין בכונה די קריאת שמע. וואלט אויף איהם געווים ווירקין וויא נייטיג איז, וויא דיא גמרא זאגט דער וואס לייענט קריאת שמע וויא גייטיג האט בכח איבער צו ברעכין דיא גאטור פון יצר הרע 1).

מען דארף היטין דעם זמן פון קריאת שמע, אז מען לייענט קריאת שמע נאך דעם זמן, איז מען ניט יוצא קיין קריאת שמע, ווייל פאר אונז מענטשין האט דער בורא אבגישטעלט דעם זמן צו היטין אזוי ווי עס ווערט געהיט דער זמן ביי שבת, יום טוב, יום כפור, די וועלכע איז דער זמן פון קריאת שמע. נאך די אבגעשטעלטע צייט איז אזוי ווי מען בענטשט אתרוג חנוכה, אדער מען בלאזט שופר סוכות.

פארשטעהן קאן מען דאס מיט א משל, דיא קייזערליכע אסיגנאציע איז געלד, עס איז אבער דא א אופן וואס דער בילעט גילט גאר ניט, דהיינו אין די צייט וואס מען דארף זייא איבערבייטין איז מען פריער מודיע דער וואס האט בילעטין זאל אויסבייטין ביז דעם אבגישטעלטין טאג, דיא קלוגע דיא פארזיכטיגע האפין אונ בייטין אוים וואס פריער, די נארישע פראסטע מענטשין דוכט זיך אוים ווי באלד אז עס איז דא דעם קייזערס אונטערשריפט בין איך זיכער. די וועלכע איז דאס אויך, דער פראסטער מענטש מיינט ווי נור ער שרייבט אחד, איז גוט, אבער נאך די צייט הייסט דאס דער בילעט גילט ניט אפילו מיטין קייזערס חתימה.

1) נצחו מוטב ואם לאו יקרא ק"ש. פי' יקרא בכונה יתירה ודאי יועיל.

**תכ) וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת עַל יָדֶךָ תכא) וְהָיוּ לְטוֹטָפוֹת בֵּין עֵינֶיךָ. (ו—ח)**

די צְוויי מִצְוֹת עשה'ס איז. א) צו לייגען תְּפִילִין אויף די לינקע האנד 1). ב) צו לייגען תְּפִילִין אויף דעם קאפּ.

דעם שֶׁל יַד דארף מען לייגען העכער פון עלינבויגען אין דעם ארט וואו דיא פלייש איז הויך. מען דארף זיך היטין ניט צו לייגין צו נאהענט צום עלינבויגין.

דער גאנצער שֶׁל יַד דארף ליגין נור אויף דיא גראבע פלייש, אונ עס זאל זיין עטוואס אוים געבויגין בכדי עס זאל אויסקומען נעהנטער צום הארצין.

דער קֶשֶׁר פון שֶׁל יַד דארף זיך ניט אב רוקין פון מעברתא 2). אפילו ווען עס ליגט אין תְּפִילִין זעקיל.

דער ארט פון שֶׁל ראש איז, דאס דער פאדערשטער ברעג פון שֶׁל ראש זאל זיך ענדיגין ניט ניעדעריגער פון דעם ארט וואס וואקסט האר איבער דעם שטערין.

דער קֶשֶׁר פון שֶׁל ראש דארף ליגין הינטין אויף דעם ביין פון אקין העכער פון דיא גריבּיל.

די תְּפִילִין דארף זיין עכט פיר קאנטיג אויבין אונ דער דעק אויף וואס דער בית זיצט ד"ה (מעברתא) אונ די תפירות דארף זיין אלם פיר קאנטיג.

דער שֶׁל ראש דארף זיין פערנאנדער געשיידעט די פיער בתים.

אלע דינים ווי צו מאכין די תְּפִילִין אונ די רצועות אונ ווי צו שרייבין די פרשה'ס איז ידוע צו סופרים.

מען דארף אכטונג געבין עס זאל זיך ניט איבער קערין דיא רצועות אויף דער לינקער זייט.

ווען עס רייסט זיך איין די תפירות פון די תְּפִילִין אדער די רצועה, דארף מען פרעגין א שאלה.

אנדערע האבין א טעות אז עס רייסט זיך איין די רצועה גייען זיי צונויף אהן א סופר, איז דאס א עון פלילי, נוייל עס איז אין דעם דא דינים וועלכע עס ניט ידוע צו אלעמען, ,,ינם קאן גאר זיין חלילה מען זאל צונויף בייען מיט פאדים, קאן מען חלילה לייגין פסולה תְּפִילִין.

מען דארף אכטונג געבין אויף די תְּפִילִין אונ די רצועות אויב זיי זייגען נים קאליע געווארין נאך דעם דין ווי זיי דארפין זיין. איבערהויבט דארף מען אכטונג געבין אויף די ווינקעלען פון די בתים זיי זאלין זיין קאנטיג.

צוויי מאהל אין זיבען יאהר דארף מען איבער זעהן דיא פרשה'ס פון דיא תְּפִילִין, אפשר זייגען זיי קאליע געווארין.

דער

1) ידכה, יד כהה. 2) דאס איז דער דעק פון בית.

דער של ראש דארף זיין אב געדעקט מען זאל איהם קאנען זעהן בעת מען גייט אין איהם. דער של יד דארף זיין צו געדעקט בעת מען גייט אין איהם.

מען טאר ניט מפסיק זיין צווישען לייגען דעם של יד מיט דעם של ראש, אפילו צו ענטפערין אמן אונ יהא שמיה רבא אונ קדושה אונ ברכו, נור צו הערין אונ מכוון זיין, אפילו קיין וואינק טאר מען אויך ניט טאן.

אויב עס טרעפט זיך א טעות אונ מען איז יא מפסיק צווישען דארף מען אנטאפין דעם של יד אונ מאכין נאך א מאל להניח אונ צו קוועטשין נאך א מאל דעם קשר אונ דער נאך מאכען אויף דעם של ראש על מצוה.

דער לייגין דיא תפילין דארף זיין אזויא. מען לייגט ארויף דעם של יד אויף דעם ארם ווי מיר האבען ערקלערט. אונ פאר דעם פארציהען דעם קשר מאכט מען דיא ברכה להניח תפילין אונ מען פארציהט באלד דעם קשר אונ מען וויקילט ארום די רצועות, אונ מען לייגט באלד דעם של ראש אונ מען מאכט על מצות תפילין פאר דעם פארקוועטשין די רצועות אויפין קאפף, נאך דעם וויא מען פארקוועטשט מיט דיא רצועה זאגט מען ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד 1).

דער נאך מאכט מען די כריכות אויף דעם מיטעלסטין פינגער אונ דעם שין אויפין האנד.

די צייט פון לייגין תפילין איז. ווי מען דערקאנט א מענטשין ווייט פיער איילין וועלכע מען איז מיט איהם עטוואס בעקאנט.

דיא גרויסע האר וואס רופט זיך א צוב, הייסט עס א חציצה ביי תפילין 2).

בעת מען זאגט הנני מכוון דארף מען האבען א כונה יוצא צו זיין דיא מצוה פון תפילין ווי עס שטייט אין הנני מכוון.

איין געלינקסטער דארף פרעגין אויף וועלכער האנד צו לייגין תפילין, ווייל עס איז אין דעם דא פרטים.

דיא בתים דארף זיין שווארץ, אבער דאס וואס מען זוכט נאך בתים מיט א גלאנץ איז דאס א טעות, עס קאן נאך א מאל אויסקומען צו א ספק פון פסול אויב דער גלאנץ איז דיק וועלכע מען קען אבשיילין, דארום איז פיל גלייכער שווארצע אהן גלאנצעטע.

די רצועות דארף זיין געארבייט אונ געשווארצט לשמה. די רצועות דארף זיין אויסען שווארץ, אז עס גייט אב דער שווארץ דארף מען איבער שווארצין.

די ברייט פון רצועה דארף ניט זיין ווייניגער ווי די לייגנ פון א גערשט.

---

1) כדי שלא יהא בינתיים הפסק בין ברכה לחידוק. 2) במשנ"ב סימן כ"ז ועיין בשה"ג.

מען טאר ניט מאכען פון רצועה של ראש א רצועה של יד, אבער פון של יד א רצועה של ראש מאג מען יא מאכען.

אז עס פאלט אראב דער של ראש דארף מען פאסטען, אז עס געפאלט שווער דער פאסטען דארף מען געבען צדקה.

תפילין דארף האבען א גוף נקי, דארום פאר דעם לייגען תפילין דארף מען זיך בודק זיין אויב מען האט נייטיג צו מענשליכען געברויך, און היטען זיך פון מיאוסע געדאנקען, ניט עסין אין זיי ניט שלאפין אין זיי 1).

מצות תפילין איז א מצוה וועלכע די גאנצע תורה איז צו איהר געגליכען, דער וואס לייגט ניט קיין תפילין הייסט ער א פושעי ישראל בגופו. דער וואס לייגט פסלה תפילין איז אויסער וואס ער איז די מצוה ניט מקיים האט ער נאך אויף זיך איין עונש פון ברכה לבטלה יעדער מאהל לייגען, דארום דארף יעדער יוד אין דער מצוה זעהר פארזיכטיג זיין אין אלע פרטים, ראשית דארף מען קויפען תפילין ביי א סופר מומחה און א ירא שמים, די רצועות זאל מען זעהן אז עס איז געארבייט לשמה.

בעונותינו הרבים קוקט גאר די וועלט אויף דעם ניט מען קויפט נור א נאמען תפילין וועלכע נאך דעם פרייז איז צו פארשטעהן אז עס איז אונמעגליך צו גלויבען אז די בתים און די רצועות און די פרשה'ס זאלין זיין געשריבען און געארבייט נאך דעם דין נאך. עס ווערט א זעלכע תפילין געמאכט ווי אלע פערשידענע ארבייט וועלכע א פאבריק מאכט. אוי לאותו בושה, א בגד פאר זיך צו פאר די הויז פאמיליע זוכט מען וואס שענער וואס בעסער וועלכע וואס אלע יאהר דארף מען האבען איין אנדער בגד, און תפילין איז גענוג איין פאר אויף יאהרין לאנג, האלט דאס גאר ניט.

דער שיעור פון תפילין איז וויא די ברייט פון צוויא פינגער אויף צוויי פינגער דיא מעברתא עטוואס גרעסער מאכט אויך ניט אויס, אבער דיא וואס טראגען גאר גרויסע תפילין, דיא דענקען דאמיט צו זיין א מהדר במצות, לא די וואס דאס איז ניט קיין הידור מצוה, ניבער פארשפילין זייא אין גאנצין די מצוה, ווארום עס איז אונמעגליך דיא תפילין זאלין ליגען אויף איין ארט, הייסט דאס ניט געלייגט קיין תפילין, און דאס רופט זיך קרקפתא דלא מנח תפילין 2), און מען נייט חלילה ארונטער אונטער דעם כלל פון פושעי ישראל בגופן, וויא עס איז ערקלערט אין ספר (חבש פאר) פון הגאון הצדיק מבויסק. דארום דארף יעדער פארהיטין די כניעות וואס דורך דעם ליגט ניט די תפילין אויף איין ארט.

א) ניט טראגין קיין צו גרויסע תפילין. ב) ניט טראגין קיין גרויסע דאר. ג) נאך דעם אבשערין זיך צו רעכט מאכין דעם קשר. ד) אפט מאל ווערט

---

1) מותר שלא יפיח חלילה בתפילין. 2) דיא קאפ וואס לייגט קיין תפילין.

גרעסער ווייל די רצועה ציהט זיך אויס, דאס גלייכן ווינטער ווייל סען ניט שווער אנגעקלייבט געפאלט שווער דער ארויפרוקין דעם ארביל פון בגד, און מען פוילט זיך אויסטאהן דעם ארביל פון בגד, לייגט מען דעם של יד נור וואו ליגט ער נידעריגער וויא אויף דיא גראבע פלייש, הייסט דאס ניט געלייגט קיין תפילין און מען מאכט נאך א ברכה לבטלה. דאס גלייבען איז שווער צו לייגין אויף אזא ארט אגרויסין של יד.

אז מען איז אונטערוועגנס זאל מען מיט נעמען תפילין, ווייל עס איז געוויינליך שווער עס זאל פאסין דיא מאס פון געליענע תפילין.

דער רבינו יונה זאגט ווען אז א יוד איז מחויב צו העלפען דעם צווייטען אין א טובה וואס איז נוגע אין קערפערליכע זאכען איז דאך געוויס אז ער איז איהם מחויב צו העלפען אין דער זאך וואס איז נוגע צום נפש, לבן וויא מיר האבען דא ערקלערט קאן א יוד און אפילו נאר א פרומער יוד, ניט ווילענדיג כשל ווערין און בלייבען ניט געלייגט קיין תפילין, דארום איז א חוב קדוש אויף יעדער יוד ער זאל זיך אויסלערנען מאכען א קשר של ראש בכדי אז עס וועט איהם פארקומען זאל ער קאנען פאריכטין זיך אדער דעם צווייטען, ווייל אן דעם קשר ווענדט זיך דער ליגין דער של ראש ריכטיג.

דער ווילנער גאון זאגט, דארום איז צו טיילט דער של ראש אין פיער בתים, יעדער פרשה ליגט אין איין באזונדער בית, און דער של יד ליגט אלע פרשה'ס אין איין בית, זאגט ער אזוי: אין מענטשין איז דא פינף חושים (שפירונג) א) „חוש הראיה" זעהען, ב) „חוש השמיעה" הערין, ג) „חוש הריח" שמעקען, ד) „חוש הטעם". דאס איז דיא פיער עפענונגען וואס גייט ארוים דיא נערווין פון מוח צו דיא אויגען, צו דיא אויהערין, צום נאז, צום גומען 1).

דער פינפטער חוש הייסט „חוש המישוש" טאפין, זיין קוועלע איז אין הארצען און פון הארץ פארשפרייט זיך אויף דיא פיער ערטער, און ווייל דיא תפילין ווייזט דאך משעבד צו זיין דיא חושים צו השי"ת, דהיינו דער חוש הראיה, ניט קוקין וואו מען טאר ניט, דער חוש השמיעה ניט הערין וואס מען טאר ניט, און דאס גלייכען אלע חושים, דארום איז דער של ראש פיער בתים אזוי וויא די פיער חושים גייען אריין אין מוח דורך באזונדערע עפענונגען, און אין של יד איין בית אזוי וויא דער חוש המישוש גייט אריין אין הארצען דורך איין עפענונג.

דארום קאן מען זאגען בינדט מען דיא האנט ארום מיט זיבען כריכות, אי' דאס געגין זיבען נעמען פון יצר הרע פון זיינע זיבין מדות רעות, בינדט מען זיך ארום צו ווייזין מען זאל בינדין דיא בייזע תאוות וועלכע דער מענש ציהט זיך נאך דעם פון דער יוגענד — וואס שטערט דעם מענטש פון גוטעם הסרוך

אבוגה

1) ועה אין ערות לישראל וויא עס איז דארט ארום גירעדט.

אמונה אונ בטחון. דארום וויקלענדיג טראכט מען פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון, צו וויסן אז דער מענטש לעבט אונ ווערט געשפייזט נור פון רצון הבורא, אפילו דיא טובה וואס מען בעקומט פון א מענטשין איז דאס אויך רצון הבורא וואס דער בורא האט אין יענעם אריין געגעבען דעם רצון ער זאל טאהן דיא טובה, ממילא איז דאך שוין אויסגענומען דער נאך יאגען זיך נאך שלעכטעס אז עס ווענד זיך נור אין רצון הבורא.

## תכד) וכתבתם על מזזות ביתך ובשעריך (ו—ט)

דיא מצות עשה איז, אנצושלאגען א מזוזה אויף דעם אוסאק פון היינער אונ טויערין.

אין דיא מזוזה איז געשריבען דיא צוויא פרשה'ס שמע אונ והיה אם שמוע.

דיא מזוזה לייגט מען צו זאמען אונ מען לייגט איהר אריין אין א שיידיל אויף דעם אָרט פון שם שדי וואס איז אנגעשריבען אויף דעם צווייטען זייט דארף מען ארויף לייגין א גלעזיל, אונ מען שלאגט אן דיא מזוזה פון אויבין אונ פון אונטען מען דארף פארזיכטיג זיין ניט אריין שלאגין חלילה אין דיא ווערטער. אנדערע לייגען איין דיא מזוזה אין א פאפירענעם שיידיל, איז ניט זייער גלייך, ווארום דער פאפיר ציהט אן נעץ ווערט פון דעם גאנץ לייכט פסול די מזוזה. דארום איז פיל גלייכער אין א בלעכענער אדער אין א הילצערנער שיידיל.

דער רעכט איז אז דיא מזוזה זאל זיין האָרט צום אוסאק צו געלייגט 1) דאס הייסט צווישין די מזוזה מיט דעם אוסאק זאל גאר ניט ליגין, דארום זאל דער שיידיל זיין אָפין צום זייט פון א׳סאק

פאר דעם אנשלאגין דיא מזוזה מאכט מען א ברכה בא"י אמ"ה אקב"ו לקבוע מזוזה.

דער אנשלאגין דיא מזוזה דארף זיין אין אויבערשטין דריטיל פון אוסאק נור אבגערוקט פון אויבערשטין אוסאק א טפח (פויסט).

אויב מען שלאגט אן די מזוזה אין אויבערשטין טפח דארף מען איבער־שלאגין נידעריגער אבער אהן א ברכה, אויב מען האט אנגעשלאגין דיא מזוזה אין דיא אונטערשטע צוויי דריטיל דארף מען איהר איבער שלאגין העכער אונ מיט א ברכה 2).

מען קאן דיא מזוזה אריין לאזין אין אוסאק אויך, אבער ניט טיעף נור פון אויבין אונ מאכען א קאנט וואו דיא מזוזה ליגט.

דיא מזוזה דארף מען אנשלאגין אויף דעם אוסאק אין רעכטין זייט פון

---

1) רעק"א. וכן נהג הגאון רי"ד מבריסק. 2) הח"א פוסק בלא ברכה והקש"ע תמה עליו.

אריין גאנג, אויב מען שלאגט איהר אן אין דער לינקער זייט דארף מען איבער שלאגין אונ מאכען א ברכה.

דיא מזוזה דארף מען אנשלאגין עמוואס קרימלעך צום איניווייניגסטען זייט. אויב דער אויסאק איז א שמאלער קאן מען שטעלין די מזוזה שטייענדיג.

א הויז פון פיעל צימערין דארף יעדער צימער האבין איין בעזונדערע מזוזה, אפילו אז דיא צימערין האבין נים קיין טירין.

אין דיא זעלבע הויז וויפיעל מזוזות מען שלאגט אן איז מען יוצא מיט איין ברכה.

אויף גאנקעס דארף מען פרעגין א שאלה וועגין א מזוזה אנשלאגין.

טויערין אונ טירלעך פון הויף זיינען חייב אין מזוזה.

טויערין אונ דערביא איז דא א קליינע טירל צום אריין גאנג 1) דארף מען אנשלאגין א מזוזה מיט א ברכה.

שטאלין פון האלץ, שפייכלערס, קראמען, קלייטין, זיינען חייב אין מזוזה.

אנדערש איז מען נים חייב אין מזוזה סיידין אז די שטייענדע אויסאקעס האלטין צו צעהן טפחים, אונ איבער זייא איז דא אריבער געלייגטער אויסאק.

ווען דער אויבערשטער אויסאק איז קיילעכדיג, אבער דיא וואנט דינט פאר א אויסאק דארף מען פרעגין א שאלה וויא צו טאהן.

עס איז דא אין מצות מזוזה פיל חלוקי דינים 2), דארום ווער עס איז נים בקי אין דיא דינים פון מזוזה זאל ער פרעגין א למדן פאר דעם אנשלאגען דיא מזוזה, ווייל עס איז דא פיעל ערטער וואס איז גאר פטור פון מזוזה אבער זיא איז אפילו חייב אין מזוזה אבער קיין ברכה דארף מען נים מאכען ביים דעם אנשלאגין.

דער חוב פון מזוזה איז אויף דעם וואס וואהנט דארט.

פאר דעם ארויס גאנג פון א דירה וועלבע גאך איהם ציהט אריין א יוד, טאר מען נים אראב נעמען דיא מזוזות, נור דער וואס ציהט אריין דארף אב צאהלין פאר דיא מזוזות.

דיא גמרא ברייננט, איינער האט אראב גענומען דיא מזוזות פאר זיין ארויסגאנג, איז ביים איהם דיא פרויא אונ צוויא קינדער געשטארבין.

צוויא מאהל אין זיבען יאהר מוז מען איבער זעהן דיא מזוזות.

דיא גמרא (ירושלמי פאה) דערציילט, איינער א גביר מיט זיין נאמען ארטבן האט געשיקט צו רבין (דאס איז ר' יהודה הנשיא וואס האט מסדר גיוועזן דעם משניות) א טייערין בריליאנט א מתנה האט איהם רבי אב געשיקט א מזוזה, פרעגט איהם ארטבן

---

1) והוא שיש ביניהם עמוד רחב טפח.

2) מיר שטעלין נור דיא געוויינליכע דינים אין דיא געוויינליכע צימערין, עס איז אבער נים אלע צימערין אונ טויערין אונ אויסאקעס גלייך, דארום אויף גים איין געוויסע זאך דארף מען פרעגין א שאלה.

ארטבן איך האב אייך געשיקט אזוי א טייערע מתנה אונ איהר שיקט מיר אב א מזוזה וועלכעס מען בעקוממ דאס נאר פארקלייגע קליין געלד. ענטפערט אים רבי מיין פערמאג אונ דיין פערמאג זיינען ניט אין שטאנד אב צו צאלין דיא ווירדע פון מזוזה, ווייל אונזער ברייכמהום מוזין מיר היטין אונ דיא מזוזה היט אונז 1). דער ארטבן איז ניט גיוועזן צו פרידין מיט רבים ענטפער ווי גיוויינליך דיא וואס האלטין זיך פארקלוג צו די געלד מאכט זיי קלוג אבער זייא האלטין זיך געבילדעט ווילין ניט גלייבין אז היטין דיא מצות, תהילים אבער צדקה אונ אנדערע סגולות פון דיא חכמים זאלין קענען העלפין קערפערליך. האט איהם רבי געוואלט זיין מתנה אב שיקין צוריק. מיט א צייט איז זיין איינציגע טאכטער שלאף געווארען צום שטארבען (שאלתות פ׳ קקב) האט ער זיך מתודה גיוועזן אז ער ווערט געשטראפט ווייל ער האט גרינג געהאלטין מצות מזוזה. אזוי ווי צב״ש דיא היינטיגע פרייע גבירים וואס אלע פיינקיים אפילו וועלכע מען טאר ניט פוצט מען דיא הייזער, מען שטעלט אוים אין דיא קארידארין, אויף דיא אויטויגם פיגורין פון מענטשין וועלכע דאס איז א איסור פון געצענדינסט, אונ דיא טייערע מזוזה מיט איהר היליגע ערקלערונג וואס דאס איז דער יודישער הערף דאס ברויכט מען ניט. און זאגט ארטבן ווייא ריכטיג איז דיא רייד פון רבינו הקדוש אז דיא מזוזה היט פון אלע אונגליקין וויא דיא גמרא זאגט (כעין מזוזה בנים מתים בשבם קטנים), ער האט אנגעשלאגין די מזוזה, די טאכטער איז געזונד געווארין אונ ער האט גענומען אויף זיך צו זיין א בודק מזוזות. (יומא יא) .

ביי א מהייל מענטשין איז איין גירעדט אז די מזוזה איז נור צו פארהיטין פון מזיקין דאס איז א טעות, דער עיקר איז מזוזה א מצוה וועלכער יעדער יוד איז מחויב צו האבען אנגעשלאגין, אונ פון מזיקין היט דאס אויך 2), עס איז פיל צו ריידין וועגין דעם געדאנק פון מזוזה, נור איין ערקלערונג וועלין מיר ברייגגען וועלכער איז זעהר וויכטיג.

אויף דעם אנדערין זייט פון מזוזה איז אן געשריבין דער שם ש ד י וואס איז נור דער שם אנגעשריבין? דער שם איז א ראשי תבות (שאמר לעולמו די) ד״ה ווען דער בורא האט בעשאפין דיא וועלט האט ער דאך גיקענט בעשאפען וועלטין גאר אהן א גרענע דאך האט ער פריימיג פארנאכט פארענדיגט אונ האט געזאגט די גענוג, דיא וועלט זאל א גרענעץ האבען, דער מענש הייסט א עולם קטן א קליין וועלטיל ווי מיר האבין ערקלערט אין עדוה לישראל, זאל זיך דער מענש אויך אזוי פירין, ווען זייגע כוחות הייבין זיך אן צו שפרייטין זיין אויג נוארפט ווייט, זיין הארץ גלוסט נאך אונ נאך, נאך געלד, נאך גישעפטין, נאך הייזער

---

1) בשכבך תשמור עליך . 2) אין דעם בעריהמטען ספר „מעשה אלפס" איז דא פיינע ערקלערונג אין דעם ענין פון מזוזה אונ דעם געדאנק פון מזיקין, מיר זיינען גאר ניט אין שטאנד איהם ראנקבאר צו זיין, פאר זיין מהייערין ווערק צו דיא יעצטיגע צייט ,

הייזער, נאך פערגעניגען עס טרייבט איהם עס זאגט איהם, ער האט ניט קיין טאג ניט קיין נאכט ביז עס נעמט צו פון איהם זיין קראפט אונ פערשטאנד אונ פארגעסט גאר אין גאנצין אונ דיינקט אז די וועלט איז אעוויגע, זאל ער זיך אין מיטין אב האלטין אונ דערלאנגען א געשרייא די! גענוג! — פארדינגען א רוביל דארף מען, אבער איבעריגס צו פיל אונ בפרט וועלכע ניט כשר איז דארף ער אן שרייען אויף דעם געלד, נאנין גענוג! האלט! יעדער זאך מוז א גרענעץ האבען.

יעדער מענש דארף היטין זיין געשעפט דער וואס היט קיין געשעפט איז ער קיין מענטש, עס איז אבער איף אלעם א צייט, מען דארף זיך אויך היטין דיא אב געשטעלטע צייטין פון דאווענען פון לערנען פון א יודישין ספר האלטין, אדער אריין ציהען דעם געשעפט אין פרייטיג אדער ערב יום טוב שפעט,

ווען אויך עס קאן איהם פערקומען דיא גרעסטע לייזונג זאל ער אין מיטען אב האלטען אונ געבען א געשרייא די גענוג! עס איז שבת, עס איז יום טוב.

דיא מענטשין וועלכע האבען א נאמיר צו פארברייגגען אין פערגעניגען, מיט א צייט, מיט א מאס, נאך דעם דין נאך שאדעם קיין זאך ניט, ווען ער זעהט אבער עס ציהט איהם אריין איבער דיא צייט איבער דיא מאס, זאל ער זיך אב האלטען אונ זאגען די.

דארום איז אויף דעם אנדערין זייט אנגעשריבין דער שם שדי, דער מענטש זאל זיך דערמאנען אלע צייט ווען ער גייט אריין אונ ווען ער גייט ארויס פון הויז דעם געדאנק ווייא מיר האבין ערקלערט.

אלזא איז דיא מזוזה א ריכטיגע וואך ביי דיא טיר, ער זאל ארויס גיין אין נאס מיט דעם געדאנק צו זיין עהרליך אונ ווען ער קומט אריין פון גאס זאל ער ניט אריין ציהען אין הויז דעם שלעכטין ווינד פון גאס דורך דיא שלעכטע מענטשין

דיא גמרא אין יומא דערציילט, אונקלס הגר דאס איז וואס מיר האבען פון איהם דעם היילגין תרגום אונקלס, ער וואר א פלימעניק פון רוימעשין קעניג האט דיא מוטער געשיקט צו איהם וויכטיגע מענטשין איהם איבערצובריידין ער זאל זיך צוריק קערין, אויב ניט זאלין זיי איהם ארעסטירין, קורץ אין געגינטייל ער האט זייא איבער גערעדט, האט זיא זיך מישב געווען אונ געשיקט א שר מיט אנשי חיל אונ פערזאגט זייא זאלין מיט איהם ניט האלטין קיין דיספוטין אונ איהם אריין זעצין אין א קארעטע אונ ברייגגען. דער שר האט אזוי גיטאן. קומענדיג צום טיר לייגט אונקלס ארויף זיין האנד אויף דיא מזוזה אונ זאגט ה׳ ישמר צאתי ובואי וכו׳, ווייל ער איז שוין געווען א פאלגער יוד. דער שר איז געבליבען שטיין פערוואונדערט וואס בעדייט דאס? — אויב זייא פערלאנגען זאגט אונקלס בין איך גרייט זייא צו ערקלערין. פון גרויס התפעלות ווי אונקלס

האט

האט איהם ערקלערט האט ער פארגעסין זיין בעפעל אונ האט איהם אונקלוס'ן געלאזין צו רוהע, ווייל ער האט פערשטאנען וויא גירעכט אונקלוס איז.

נאך דיא אלע ערקלערונג איז צו פארשטעהן וויא וויים מען דארף פארזיכטיג זיין אין מצות מזוזה, דען דאס איז איין שטענדיגע מצוה, ווען מען גייט אריין אונ מען גייט ארויס דער מאנט מען זיך אן דעם געדאנק וואס איז דער מזוזה איז געשריבען אז עס איז דא א בורא יחיד, אונ מען דארף איהם ליעבען מיט דעם גאנצין הארץ אונ מיט די גאנצע זעלע אונ מיט דעם גאנצין פארמעגין, וועט מען שוין נים וועלין זיין פעריאגט נאך דיא הבלי הזמן אונ מען וועט גיין אין דיא ריכטיגע וועג, האנדלען ערליך, פיהרין די הויז יודעש, וויא דיא גמרא זאגט, דער וואס טראגט תפילין אויף זיין קאפ, ציצית אין בגד, א מזוזה אין טיהר, איז ער מוחזק אז ער וועט גיט זינדיגען, דען זייא דערמאנען איהם, זיי הייסען מלאכים וואס זיינען דעם מענשין מציל פון א חטא, אויף דעם זאגט דוד המלך חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם עס רוהט א מלאך ארום דעם פרומען אונ באשיצט איהם.

נאך די ערקלערונג ווי גרויס עס איז דיא מצות מזוזה, דארף מען נאך זוכין די מזוזה זאל זיין מיט מעהר הידור גישריבין, וויא שעמט מען זיך גיט אן צו זעהען וויא אויף דיא הויז זוכט מען נאך יעדער זאך וואס שענער אונ וואס בעסער אונ מען זאלעוועט גיט קיין געלד קיין מיהע, אונ א מזוזה וויל מען פטר'ן גור ווי, עס זאל נור ביליג קאסטין, וואס נאך דעם פרייז איז גאר גיט צו גלויבין אז דיא מזוזה איז כשר געשריבין ווי דער דין איז. אלזא דער וואס וויל מקיים זיין ריכטיג דיא גרויסע מצוה מזוזה זאל קויפין א מזוזה בייא זיך אין זיין שטאט בייא א סופר א ערהרליכען אונ גיט שטיין אויף דיא אפליבע קאפיקעס וואס דארף קאסטין טייערער.

## תכה) לא תנסו את ה' אלהיכם. (ו—יו)

דיא מצות לא תעשה איז, גיט צו פרובירין דעם אמת'ן נביא צו פיעל, נור ווען ער איז ביי אונז פארערכנט פיר איין פרומען מאן אונ האט שוין צוויא דרייא מאהל געזאגט נביאות אונ עס איז געוועזען ריכטיג, איז ער שוין בעגלויבט פיר א נביא אמת אונ זאגט גיט קיין אייגענע, אלזא ווען מען פרובירט איהם איז פיעל גלייך וויא געפרובט גאט, דען ער איז דאך מוחזק פיר א שליח פון בורא.

אין דעם כלל פון דער מצוה איז, א מענש זאל גיט זאגען, איך וועל טאהן מצות אונ פרובירען זעהען אויב מיר וועט גוט זיין. אויסער בייא דיא מצוה פון מעשר מיט צדקה קאן מען יא פרובירען, וויא דער נביא זאגט אין נאמס גאטען, פרובירט מיר זאגט גאט אויב איך וועל אייך גיט געבענען

די״א

יא היסלען אונ װעל איך סיט אזױא פיל גוטעס באלאױנען בױ איהר װעט לעבעט זאגען איהר האט געװנג 1).

## תכו) החרם תחרימם אתם. (ז—ב)

דיא מצות עשה איז, דאס דיא זיבין פעלקער, כנעני, חתי, אמורי, פריזי, חוי, יבוסי, גרגשי, צו פערניכטען. װייל זייא זיינען דיא ערשטע אנפירער פון געצענדינעם.

איינגענטליך איז א פראגע, וויא אזויא הייסט דאס דיא תורה פארניכטען זיבען נאציאנען? אונזער הייליגע גמרא ערקלערט אבער די מצוה ווייטער דיבטיג. מיר קערהאסין גיט קיין נאציאן וועלכע האלטין דיא שבע מצוה. א) דינין 2), דאס הייסט ריכטין די דינים פון עהרליכקייט. ב) ברכת השם, גיט לעסטערין דעם בורא. ג) ע"ז, גיט דינען קיין געצענדינעם. ד) גלוי עריות, גיט ברויכין קיין זנות. ה) שפיכת דמים, קיין בלוט גיט פערגיסין. ו) גזל גיט בערויבין. ז) אבר מן החי, גיט אב שניידין קיין גליעד פון א לעבעדיגע זאך אונ עסען. ווער עס היט יים די זיבין דינים איז ער נאר אונטער דעם קלאס מענש גיט גירעכינט, אונ זייערע פערדארבענהייט פעראונגליקט מענשין.

דיא גמרא ירושלמי דערציילט 3), ביים פארטיליגין איז סיט א גרוים ארדענונג צו געגאנגען, יהושע האט אריין געשיקט ובדייא בריף צו דיא זיבין פעלקער פאר דעם איינגעמען זייא, ווער עס וויל ארויס פון דיא לאנד מיט נעמין זאל גיין, ווער עס וויל שלום שליסין נאך דיא פונקטין נאך, היינו אננעמען דיא זיבין מצות, אונ צאלין אלע אב גאבען, אונ זיין אונטערטאניגער קאן שלום שליסין, ווער עס וויל מלחמה האלטען זאל ארויס אויף דער שלאכיים. דער גרגשי איז ארויס מיט נעמען פון דיא לאנד נאך אפריקא.

א טהייל פון די כנענים האבען שלום געשלאסין. מיט די איבעריגע האט מען מלחמה געהאלטין אונ מען האט זייא פארטיליגט.

## תכז) ולא תחנם. (—ב)

דיא מצות לא תעשה איז. מען טאר סיט איין עכו"ם קיין וואהל-געפעלינקייט

---

1) ר' חיים וואלאזינער ז"ל איז געווען א קורצע צייט רב אין ווילקאמיר, פאר זיין טאג זיינין זאגט ער דיא אנגעקומענס איהר ווילט מיר פאלגין ז.ל.מ איהר וועט געבין א חומש, ר"ש א פינגביל פון גרויסר קאפיטאל [דהיינו גדן, ירושה, א נעווינס, וכו'], אונ א פינפטיל פון רוח], (וויא זו פירין דעם רעכנונג איז דאס אין ספר ונתבה חטר). עס איז גידרוקט פון ר' חיים'ן א ספור בי איזה איז פארפאלין געווארין א זאך, א גידרוקט פון דריי גילדין האט מען איס אנגעזאגט וואס ער פירסין, אינגעזעהן דיא ביכער האט מען גיפונען א מקות אין חומש דריי גילדין. אין צווייטן טאג פרום האט מען געפונען דיא זאך. 2) עס זאל זיין דייטש צו ריכטען; פונקטין ניך וואן עס גיפאלט א ספונך. 3) ירושלמי שביעית פ"ו.

געפעליגקייט ניט טאהן, ניט שענקען זייא קיין מתנות, ניט ריהמען זייערע זאכען.

## תכח) ולא תתחתן בם. (ז—ג)

דיא מצות לא תעשה איז, ניט מתחתן זיין זיך מיט קיין פרעמדע נאציאנען.

אויף זנות מיט זייא איז מען חייב איבער פיער עבירות, נדה. שפחה, זונה, גויה. דיא נביאים שילטען דעם מענטשען מיט כרת 1).

---

# עקב

## תכט) לא תחמד כסף וזהב עליהם ולקחת לך
## תל) ולא תביא תועבה אל ביתך. (ז—כו)

די צוויי מצות לא תעשה'ס איז, א) פון אלעם וועלכע עס איז געברויכט געווארין פיר איין צו פוצונג צו דער ע"ז, טאר מען פון דעם קיין הנאה ניט האבען. ב) ניט צו האבען קיין הנאה פון ע"ז, אונ פון וואס עס בעדינט צו דער ע"ז, אונ נור וואס עס איז געמאכט פון וועגין דיא ע"ז, טאר מען אלעם קיין הנאה ניט האבען.

## תלא) ואכלת ושבעת וברכת. (ח—י)

דיא מצות עשה איז, צו בענטשען נאך דעם עסין.

אז מען עסט נור א כזית פון געבאקענע פון דיא פינף מינים. א) ווייץ, ב) קארין, ג) גערשטין, ד) האבער, ה) ארקעס (זה כוסמין), דארף מען בענטשען.

מען וואשט זיך אונ מען מאכט המוציא אונ מען בענטשט פיער ברכות. דאס הייסט ביי אונז ברכת המזון.

נשים זיינען אויך מחויב צו בענטשען.

דיא גמרא זאגט, ווען אז דיא תורה הייסט מאכען א ברכה ווען מען איז זאט, איז דאך געוויס אז מען דארף מאכען א ברכה פריער אויף עסען אונ געטראנק ווען מען האט הונגער.

אויך האבין דיא חכמים מתקן געווען ברכות אויף עסין אונ געטראנק נאך דעם עסין אדער טרינקען, ד"ה ברכה אחרונה, אונ ברכות אויף מצות, צב"ש

אויף

1) ובעל בת אל נכר יכרת.

אויף תְּפִילִין אויף צִיצִית אויף אָנְשְׁלָאגִין אַ מְזוּזָה אויף דיא מִצְוָה פון אָתְרוֹג אונ דאס גְלַייכֶען, וויא עס איז פיל עֶרְקְלֶערְט אין אורח חַיִּים.

מיר גֶעפִינֶען פאר נֵייטִיג צו פארבְּרֵייטֶערין אין די דִינִים פון בְּרָכוֹת
אונזֶער סֵפֶר זָאל הֵייסִין אַ כְּלִי שָׁלֵם.

בֶעפָאר מיר בֶּעשְׁרַייבִּין דיא דִינִים פון בְּרָכוֹת בְּרֵיינְגֶען מיר דיא הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פון דיא חֲכָמִים אין מַסֶכֶת בְּרָכוֹת.

דיא גְמָרָא זָאגְט אזוי, אין איין פָּסוּק שְׁטֵייט לה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ דאס הֵייסְט דיא וֶועלְט אונ אַלֶעס וואס עס גֶעפִינְט זִיךְ אין איהר גֶיהֶער עס צום בּוֹרֵא, אונ אין נָאךְ אַ פָּסוּק שְׁטֵייט וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם, דאס הֵייסְט דיא וֶועלְט איז אָב גֶעגֶעבִּין צום מֶענְטְשִׁין, איז דָאךְ אַ קַשְׁיָא? עֶנְטְפֶערְט דיא גְמָרָא עס איז נִיט קֵיין קַשְׁיָא, די וֶועלְט גֶיהֶער אַוַדַאי צום בּוֹרֵא. נור מיט דֶעם וואס מֶען מאכְט דיא בְּרָכָה קוֹיפְט מֶען אָב דיא זַאךְ מֶען זָאל מֶעגִין הֲנָאָה הָאבִּין. דארום זָאגְט דיא גְמָרָא, דֶער וואס עֶסְט אָהן אַ בְּרָכָה גַזְלְ'ת עֶר דֶעם בּוֹרֵא, ווייל דיא בְּרָכָה הֵייסְט די גֶעצָאלְט פאר די זַאךְ, אונ אַז מֶען נֶעמְט אָהן גֶעצָאלְט איז מֶען אַ גַזְלָן, אונ גַזְלְ'ת דיא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, ווייל דוּרךְ דֶעם קוּמְט אַ קְלָלָה אויף דיא פְּרוּכְט.

דיא גְמָרָא זָאגְט אין שַׁבָּת, ר' חִיָּיא בַּר אַבָּא דֶערְצֵיילְט, עֶר איז גֶעקוּמֶען אין דֶער שְׁטָאט לוּדְקִיא איז עֶר גֶיוֶוען אַ אוֹרֵחַ בַּייא אַיינֶעם אַ קַצָּב וואס עֶר האט זוֹכֶה גֶעוֶוען צו זֶעהר פיל רַייכְטְהוּם ווייל עֶר האט עֶהרְלִיךְ גֶעהַאלְטִין דֶעם שַׁבָּת, האט עֶר גֶעוֶוערִין אַ גאלְדֶענֶעם טִישׁ וֶועלְכֶער עס טְרָאגִין איהם זֶעכְצִין מֶענְטְשִׁין, צום טִישׁ איז דָא זֶעכְצִין זִילְבֶּערְנֶע קֵייטִין, אין טִישׁ איז אַרַיין גֶיזֶעצְט פֶערְשִׁידֶענֶע גֶעשִׁיר, שִׁיסְלֶען טֶעלֶער גְלֶעזֶער טאצֶען, אונ גֶעגְרֵייט דֶער טִישׁ מיט טַייעֶרֶע שְׁפֵּייז אונ גֶעווּירְץ, אַיידֶער מֶען האט גֶעגְרֵייט דֶעם טִישׁ האט מֶען גֶעזָאגְט לה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ, אַז מֶען האט אַרָאב גֶענוּמֶען פון טִישׁ האט מֶען גֶעזָאגְט הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לה' וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם.

דארום הָאבִּין דיא אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה 1) אונז מְתַקֵן גֶעוֶוען בְּרָכוֹת פאר דֶעם עֶסֶען אונ טְרִינְקֶען, אונ נָאךְ דֶעם, אַזוי וויא דֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ איז, ווען מֶען גֵייט אַרַיין אין אַ פְרֶעמְדֶע הויז אונ מֶען וויל וואס נֶעמֶען בֶּעט מֶען עֶרְלוֹיבְּנִיס, נאכְהֶער אַז מֶען האט שוֹין גֶינָאסִין פון דֶער זַאךְ דאנְקְט מֶען אָב. איז דָאךְ צו פארְשְׁטֶעהְן ווען אַז בַּייא אַ מֶענְטְשִׁין וואס די זַאךְ איז נָאךְ אויךְ נִיט זַיינֶע, נֶעמְט מֶען נִיט אָהן עֶרְלוֹיבְּנִישׁ אונ וואו מֶען בֶּעדַאנְקְט נִיט נאכְהֶער, איז דָאךְ גֶעווִיס פאר הקב"ה, וואס דֶער מֶענְשׁ מיט אַלֶעמֶען איז בַּייא איהם אין האנְט, פְּשִׁיטָא אַז מֶען דארף זִיךְ הִיטִין נִיט הֲנָאָה צו הָאבֶען פְרִיעֶר אונ נאכְהֶעם אָהן אַ בְּרָכָה 2).

---

1) דאס איז גיוועז הונדערט צוואנציג אידעשע דיא גרעסטע לייט אין דער צייט פון עזרא הכהן. 2) אין ספר „מעשה אלפס" איז דא א שיינע ערקלערונג א גרויסארטיגער מוסר פאר דעם יונגען דור וואס זיינען נאבלאסיג אונ מאכען ניט א ברכה.

דאריום זאגט די גמרא אויסגאמינג ביא דעם, דאס יעדער יוד איז זיך מחויב צו לערנען פון א חכם צו וויסען ריכטיג וויא צו מאכין א ברכה, ווייל גיט א לחן קאן לייכט דורך פאלין אין א טעות פון א ברכה, אונ אז מען זאל מאכען די ברכה ניט נאך דעם דין נאך, צב"ש פארבייטען די ברכה פון בפה"א אויף מזונות, אדער אויף דיא זאכען וואס מען דארף מאכען בפה"א וועט מען מאכען בפה"ע, אדער האבען א טעות ווען מען דארף מאכען דיא לאנגע ברכה וועט מען מאכין בורא נפשות אדער פארקערט, הייסט עס א ברכה לבטלה וועלכעס דער איסור איז אזוי האריב וויא א פאלשע שבועה.

ביי דיא וועלכע איז איין גירעדט א טעות, אז מען נויים ניט ריכטיג ווי צו מאכען א ברכה מאכען אנדערע שהכל, איז דאס א דרך פון א בור, דאריום האבען מיר ארויס גינומען פון דיא פוסקים להלכה וויא צו מאכען א ברכה אויף יעדער זאך

דער ספר חסידים זאגט אזוי: בעת ער וואשט די הענט אדער ער מאכט א ברכה אויף שפייז אדער אויף א מצוה וועלכע מען איז אין דעם איינגעוואהנט. צב"ש, אשר יצר. בענטשין, דיא ברכות פון תפילין, פון שמונה עשרה, ווייל מען איז מיט דעם איינגעוואהנט, זאגט מען דאס אהן א שום כונה, אויף דעם האט ישעיה הנביא געזאגט אין גאטס נאמען, גאט זאגט צו ישעיה'ן זעה'י מיינע .קינדער טוהען זייער זאך גאר לפנים, זייא האלטען דיא מצות ווייל זייא טוהען נאך זייערע עלטערין, זייא דאוונען ווייל זייערע עלטערין דאוונען, זיי וואשין דיא הענד אונ מאכען א ברכה ווייל זיי זיינען איינגעוואוינט, אבער ניט זיי הערין וואס זיי ריידין, ווי באלד אז בעת זיי מאכין די ברכת המזון זייא ניט קיין כונה צו וועמען זייא זאגען דיא ברכה. איז זיין כעס זעהר גרויס, אונ שטורעם צו שטראפען הפלא ופלא וויא דער נביא רעכינט אוים.

דאריום בעת מען מאכט דיא ברכה דארף מען וויסען וועלכע ברכה מען דארף מאכען, ניט מאן קיין מלאכה בעת מען מאכט דיא ברכה. ניט מאכען גיך דיא ברכה, נור אין זינען האבען דעם טייטש פון דיא ווערטער, צו וויסען צו וועמען מען מאכט דיא ברכה.

## כללים פון ברכה ראשונה אונ ברכה אחרונה.

### א.

עס איז דא אויף עסען אונ געטראנק אב געטיילט זעקס מיני ברכות פאר דעם עסען אונ טרינקען. אונ דרייא מיני ברכות נאך דעם.

א) אויף אלע מיני בוים פרוכט מאכט מען א ברכה בורא פרי העץ 1).

1) ער בעשאפט דיא פרוכט פון ביים.

אויסער אויף וויין מאכט מען בורא פרי הגפן 1), ווייל ער איז זייער חשוב האט ער א בעזונדערע ברכה.

ב) אויף אלע מיני ערד פרוכט מאכט מען בורא פרי האדמה 2), אויסער אויף פת וועלכע איז געבאקין פון דיא פינף מינים, קארין, ווייץ, גערשטין, האבער, ארקוס, מאכט מען המוציא לחם מן הארץ 3). אויב פון דיא פינף מינים איז געמאכט גיוואהרין געבאקענע געריכטין, צב"ש צוקער געבעקס, מילכיגע גיבעקס, פלאדין, אדער גיקאכטע געריכטען צב"ש טייגען גיקעכץ, פארפיל, לאקשין, גריצין, אדער גיפרעגילטע טייגלעך מאכט מען בורא מיני מזונ'ת 4).

אויף איבעריגע אלע מינים וועלכע וואקסט ניט פון דער ערד אדער אויף בוימער, צב"ש וואסער, בראנפין, ביער, אייער, פישין פליישיגס מילכיגס אלער האנר מאכט מען שהכל נהיה בדברו 5).

עס איז דא אופנים וואס מען מאכט אויף ערד פרוכט אונ בוים פרוכט אויך שהכ"ל וויא עס איז ערקלערט ווייטער.

## ב

בורא פרי העץ מאכט מען נור אויף דיא פרי וועלכע וואס דער צווייג פון בוים בלייבט ווינטער איך, אונ דער צווייג גיט ארוים אויף דעם צווייטען יאהר ווידער פון זיך בלעטער פרוכט ווען אויך דער צווייג מאג זיין גאנץ דינג, אבער אויב דער צווייג קאנצעט זיך ווינטער אונ עס בלייבט ניט מעהר וויא דער וואָרציל וואס איז בעהאלטין אין דער ערד, ווען אויך אים זומער גייט ארוים א צווייגיל פון ווארציל וויא באלד אז ווינטער איז דער צווייג ניט גיוועזן בלייבט עס ניט קיין בוים אונ מען מאכט אויף זייא בורא פרי האדמה.

## ג

דיא ברכות בפה"ע אונ בפה"א ענטהאלטין אין זיך זעקס כללים.

א) דווקא אויב מען עסט וויא דרך איז דיא פרי צו עסען רויה אדער געקאכט, אויב דער דרך איז צו עסין רויה אונ מען עסט דאס געקאכט, אדער פארקערט, איז דיא ברכה שהכל.

ב) דיא פרי זאל האבין א חשיבות, אבער דיא פרי וועלכע האט ניט קיין חשיבות, צב"ש וואלד עפיל, איז דיא ברכה שהכל.

ג) דיא ברכה איז אב גישטעלט נור אויף דער עיקר פרי, וועלכע אויף דעם איז זיא געפלאנצט געווארין, אבער אויף דיא שאלעכץ אדער די קערנלעך

וועלכע

---

1) ער בעשאפט דיא פרוכט פון ווינשטאק. 2) ער בעשאפט דיא פרוכט פון דיא ערד. 3) ער האט ארויס גיצויגין דיא ברויט פון דיא ערד. 4) ער בעשאפט מארטין שפייז. 5) אלעס איז געווארין דורך זיין רייד. מען זאגט נהיה מיט א קמץ.

וועלכע די פרוכט איז ניט געפלאנצט געווען ווי אזוי די שאלעכץ און די קערלעך די ברכה אנדערש

ח) די פרי זאל זיין רעכט צייטיג, אבער אונצייטיגע פרוכט איז די ברכה אנדערש.

ט) גאזין טעלכע טאקסט פון זיך טעלבע ווי ווערן ניט געזייט. עס קאן זיין דער בעסטער מאכל. צב״ש שצאוועס איז די ברכה שהכל.

י) די פרי זאל קאנטיג זיין, אויב עס איז נאר ניט קאנטיג איז די ברכה אנדערש.

ד

בורא פרי הגפן מאכט מען אויף וויין טעלבע עס איז אויס געקוועטש ווייטנדריבין פון ווין ווערן אבער פערווייקסטע ראזינקעס פון טיין ווערן, נור אז עס איז דא א נעקסטע מהייל ווייניגסט איז די ברכה בפה״ג.

ה

המוציא מאכט מען אויף געבעקס פון די פינף מינים מעהל, קארין, ווייץ, גערשטין, האבער, ארקום, געקנעטין מיט וואסער. אפילו ווען מען ניט אריין אין דעם נאך אנדערע זאכען, צב״ש פוטער אדער אייער ווי באלד די וואסער איז מעהר פאר די צו געגעבענע, מאכט מען המוציא.

דאס איז א כלל, אויף וואס מען מאכט המוציא דארף מען זיך וואשין, און אז מען עסט א כזית דארף מען בענטשין אויך.

אפילו אויף א געבאקענע זאך וואס מען מאכט במ״מ, נור אויב מען עסט דאס וויפיל געוויינליך מען האט געגעסן פת אין א סעודה, טרוקענע אדער סיטין צו עסין צום פת, דארף מען זיך וואשין און מאכען המוציא, פיל גלייכער איז צו עסין מזונות ווייניגער ווי פיר אייער גרויס 1).

די בעקערס וואס מאכין רעציפטניקעס (הולינקעס) פון רעזקע מעהל, זאל מען ניט מאכין מיט ווייצין מעהל, ווארום דאס ווערט א ברויט דארף מען נאר מאכין המוציא און אפשט מאהל קאן נאר זיין מען זאל נאך דארפין בענטשין אויך 2), און דער עולם ווייס ניט זייען ווי דאך מבשיל את הרבים, נור צו שיטין עטוואס מעהל פון שטייפקייט ווערין. אויב עס פארערט מאג מען.

ו

בורא מיני מזונות מאכט מען אפילו ווען עס איז אין נור וואס פאר איין מאכל אריין געבישט א ביסיל פון די פינף מינים צום כעם. צב״ש אז עס איז ארייז;

---

1) משום דו״א דשיעור סעודה ד׳ בצים, עי׳ מ״ב קס״ח כ׳. 2) דהיינו אויב מען שיט צו א כזית ווייצינע מעהל צו זיבען כזית רעזקע מעהל און מען וועט דאס עסן אין די צייט וויפיל עס דויערט עסען א שטיקיל חלה חיא פיער א יער גרויס.

אריין געשאטין א ביסיל ווייצין מעהל אין א בעקעסעגע אדער אין רעצקענע מעהל אדער קארטאפיל מעהל אונ מען האט פון דעם געבאקין אדער געקאכט מאכט מען בורא מיני מזונות.

אונ אויב ער עסט א כזית מאכט ער על המחיה. אפילו אז מען קאכט גרייץ (וואס מען מאכט אויף זייא במ"מ) מיט קארטאפיל, איז מען אנדערש נים מחויב קיין ב"א על המחיה סיידין אז מען עסט אויף א כזית גרייץ.

אבער אז מען שיט צו עטוואס מעהל עס זאל נור שטייפער זיין, מאכט מען דיא ברכה וועלכע געהער צו דעם מאכל אזוי וויא עס וואלט גאר נים זיין צו געשאטין.

א עקעגוואריג אדער א פרוכט וועלכע איז קאליע געווארין, אפילו וואס די ברכה איז במ"ם אונ מען קאן דאס נאך עסין בדוחק, אדער טיין וועלכער איז שטארק זויער געווארין אונ אנדערע מענטשין טרינקען דאס נאך, מאכט מען שהכל, אבער אז מען קאן דאס גאר נים טרינקען אדער עסען איז אויף דעם גיטא קיין ברכה.

## ברכה אחרונה.

אז מען עסט א כזית פון דיא וועלכע מען מאכט במ"מ מאכט מען נאך דעם על המחיה.

אז מען טרינקט א רביעית טיין מאכט מען דער נאך על הגפן.

אז מען עסט א כזית 1) פון דיא פינף מיני פרוכט וועלכע די תורה ריהמט מיט דעם ארץ ישראל אונ דאס זיינען זיי. א) פייגין, ב) וויינטרויבין, ג) מילגרויטען, ד) איילבירטען, ה) טייטלען, מאכט מען נאך דעם על העץ ועל פרי העץ, אויב דיא פרוכט איז געוואקסין אין ארץ ישראל ענדיגט מען דיא ברכה על הארץ ועל פירותיה.

דיא אלע ברכה אחרונה'ס הייסט דיא לאנגע ברכה.

אויף דיא איבעריגע אלע מינים וועלכע מען מאכט אויף זייא בורא פרי העץ אדער בורא פרי האדמה אדער שהכל, אז מען עסט פון זייא א כזית אדער מען טרינקט א רביעית, מאכט מען נאך דעם בורא נפשות.

דעם כלל דארף מען וויסין, וואס מיר דערמאנען ברכה אחרונה איז אלעם גירעדט אויף א כזית אונ עס דויערט וויא פיל עס דארף דויערין עסען א שטיקיל פלה גרויס (וויא פיער אייער אדער א רביעית 2) אז מען טרינקט אויס וויא עס

דויערט

---

1) אונ אנדערע פוסקים ווילין האבין אז א גאנצע פרי אפילו א קליינע וויניגער ווי א כזית פון נור וואס פאר א מין פון בפה"ע אדער פון בפה"א אדער שהכל, איז מען מחויב מאכען א ברכה אחרונה, דארום איז דער רעכט נים צו עסען קיין איינציגע זאך וועלכע האלט וויניגער ביז א כזית. 2) וי"א על כזית לזאת או לשתות פחות מכזית או לשתות רביעית.

דויערט צו טרינקען א רביעית 1). נור בכדי ארויס צו גיין פון ספק, זאל מען א כזית, ייזען אהן א הפסק אין מיטין, מען זאל געווים באדארפען מאכען א ברכה אחרונה 2) אונ א רביעית אויס טרינקען אהן א הפסק אין מיטין

אז מען טרינקט א רביעית וויין אונ מען בייסט צו א כזית מזונות, דארף מען נים מאכין קיין צוויי ברכה אחרונה'ס, נור מען מאכט איין ברכה אונ מען זאגט על המחיה ועל הכלכלה ועל הגפן ועל פרי הגפן אונ מען ענדיגט ברוך אתה ה' על הארץ ועל המחיה ועל פרי הגפן.

אויב מען האט גיגעסין פון דיא פינף מיני פרוכט (וועלכע זיינען דא אויס גירעכינט) א שיעור וואס מען איז חייב א ברכה אחרונה אויב מען עסט זיי אונ מזונות, לייגט מען צו אין אנפאנג ברכה אחרונה דיא ווערטער על העץ ועל פרי העץ אונ צום סוף נור ועל הפירות. אויב דיא פירות איז געוואקסין אין ארץ ישראל ענדיגט מען ועל פירותיה

דער זעלבער דין איז אויב מיט וויין אונ אויב מיט וויין אונ מיט מזונות.

אז מען עסט פון דעם מין וואס מען מאכט דיא לאנגע ברכה אונ וואס מען דארף מאכען בורא נפשות, פון ביידע נור איין כזית, מאכט מען ב"נ, דאס גלייכען אז מען עסט פון על המחיה מיט על העץ נור איין כזית, מאכט מען בורא נפשות.

אז מען עסט עטליכע מינים פון ב"נ איין כזית, צב"ש א שטיקיל הערינג מיט א שטיקיל עפיל אונ דאס גלייכען, מאכט מען בורא נפשות אויף אלע צו זאמען.

אז מען דארף מאכען די לאנגע ברכה אונ ב"נ מאכט מען פריער דיא לאנגע ברכה דער נאך ב"נ 3).

אז מען עסט פרוכט וועלכע מען מאכט אויף זיי דיא לאנגע ברכה אונ מען עסט בוים פרוכט וואס מען מאכט בורא נפשות, וויא באלד אז מען דערמאנט על העץ דארף מען שוין נים מאכין קיין בורא נפשות.

אז מען האט אב גיגעסין אדער אב גיטרונקען אונ מען האט נאך נים געמאכט קיין ב"א, איז דער דין, כל זמן מען פארשטעהט אז דיא שפייז איז נאך נים פארדייעט געווארין, דארף מען נאך מאכען א ב"א.

אויף דיא זאכען וואס מען מאכט בורא נפשות, אז מען האט געמאכט א ברכה אונ מען האט גיגעסין אדער געטרונקען, אויב מען איז אין מיטין ארויס גענאנגען

1) הגר"א והגרש"ז ס"ל דאף בשתיה השיעור בכדא"פ אמנם נהוג עלמא כהרמב"ם דהשיעור שתית רביעית, והנראה דהשיעור בשתי פעמים משום גרגרן. 2) משום דיש הרבה לדבר בשיעור אכ"פ עי' מנחת חינוך פ' ויקרא ובחת"ס ובספר ראשית בכורים וס' תורת חסד וספר דרכי הוראה. וש"ב הגאון מוהרא"מ מזאבלודאווע אמר לי כי נשא ונתן בזה עם ארמו"ר הגאון ר' י"א ז"ל ולא הכריע בזה. 3) ובספר דברי מלכיאל חלק ג' מבואר דכ"ז הוא רק אם הב"נ בא מן שהכל אבל אם בא מבפה"א או ב"נ קודם, משום דיש דעות דיוצאין ב"נ דפ"א מהא דהזכיר תנובת השדה.

גיגאנגען אדער מען איז צו גיגאנגען אין איין אנדער ארט עסען אדער טרינקען דארף מען פון דאס נייע מאכען א ברכה. נור אויב ער האט געלאזין א קומפאניע סעננטשין, דארף ער ניט מאכען פון דאס נייע קיין ברכה. אבער אויף דיא זאכען וואס מען מאכט דיא לאנגע ברכה אונ ער איז ארויס געגאנגען, דארף מען פון דאס נייע ניט מאכין קיין ברכה אפילו אז ער האט ניט געלאזין קיין קומפאניע 1).

## דינים פון בוים פרוכט.

אויף אלער האנד בוים פרוכט רויהע אדער געקאכטע אדער גיפרעגילטע מאכט מען בורא פרי העץ.

אויב דיא פרי איז גאר ניט קאנטיג, צב"ש גיפרעגילטע אגרעסין וועלכע מען לאזט פארקילין אונ מען צו שניידט דאס אין פלעצלעך אדער ווייןפערליך פארקילטע נאלערעס (פאווידלע) איז דאך דיא פרי ניט קאנטיג מאכט מען שהכל.

אויף דיא יוך פון געקאכטע פרוכט אויב מען זופט דאס מיט דיא פרי צו זאמען דארף מען ניט מאכען קיין בעזאנדערע ברכה. אויב מען זופט דיא יוך בעזונדער מאכט מען שהכל. אויסער געטריקענטע פלוימען וועלכע עס ווערט געבראכט גאנצע טנגען איינגעלייגטע איז דאך דער עיקר פלאנצונג פון קאמפאט וועגין, איז אויף דיא יוך אהן דיא פלוימען אויך בורא פרי העץ.

קערנער פון פירות אויב מען עסט זייא מיט דיא פירות דארף מען ניט מאכען קיין בעזונדערע ברכה, אויב מען עסט זיי בעזונדער איז אזוי דער דין, אויב דיא קערנער האט א טעם צו עסין מאכט מען סייא אויף רויהע סייא אויף געקאכטע שהכל, אויב זיי האבין ניט קיין טעם סיידין צו געוויכטערהייט געקאכט אדער אויף איין אנדער אופן צו גערייכט איז דיא ברכה שהכל, אונ אויף רויהע מאכט מען ניט קיין ברכה.

שאלעכין פון דער פרי אונ די שאלעכץ איז געשמאק צו עסען רויערהייט איז די ברכה שהכל. אויב רויערהייט עסט מען איהר ניט נור גיפרעגילט, איז צו גערייכטערהייט דיא ברכה שהכל אונ רויהערהייט עסט מען אהן א ברכה.

אויב דיא פרי איז געפלאנצט פון דיא קערנער וועגין אדער פון שאלעכץ וועגין אויך צב"ש אזוי ווי יארדעס פון קירבעס אדער פאמעראנצין שאלעכץ 2) מאכט מען אויף דעם דיא זעלבע ברכה וויא אויף די פרי.

אויף ווין רויהע אדער געקאכטע אדער אפילו צו גערייכט דיא ווין מיט האניג אדער מיט בשמים איז אלץ בורא פרי הגפן.

אפילו

---

1) משום ספק ברכות להקל, שמא יש לה דין סעודה ולקביע קמא הדר. 2) כן הוא דעת ח"א על פאמעראנצין שאלעכץ בפה"ע ובאמת רואים אנחנו כהיום כי נמכרים מקולפים ברחובות וחוצות ונתחזק כהיום פסק הח"א ביותר.

אפילו אויב דיא וויין האט א בים פון עסיג איז אויך דיא ברכה בפה"ג, אבער אז וויין איז קאלט ביז גאר זייער אז עס איז שווער צו טרינקען מאכט מען שהכל.

וויין וואס אבער שרויף גענאסן וואסער אויף וויין הייוען מאכט מען שהכל.

אז מען מאכט א ברכה אויף וויין און דער ביי שטיים אנדערע משקאות פון שהכל פטה"ה דיא וויין דיא ברכה פון שהכל.

## דינים פון עץ פרוכט.

אויף אלערהאנד ערד פרוכט רויהע אדער געקאכטע אדער גיפרעגילטע וואס רופט זיך איינגעמאכץ, צב"ש רעטעך, בוריקעס איז די ברכה בורא פרי האדמה.

אויב דיא פרי איז נאך נים קאנטיג, צב"ש צוריבענע ארבעס אויף נאגין דיען ביז עס איז נאך נים קאנטיג די מראה פון די ארבעס אדער רעצקע גריופן גאנץ דינן ווי מעהל, אבער מען מאכט ארעצישניק פון רעצקע מעהל איז דיא ברכה שהכל, אבער ארבעס צו ריבן מיט א לעפיל איז דאך קאנטיג דיא מראה פון דיא ארבעס, אדער צוריבענע קארטאפיל איז דיא ברכת בפה"א. אויב עס איז גערייבן אויף א ריבאייזן גאנץ דין, צב"ש א קארטאפיל מיינעכץ אדער פאטשוקעס פון קארטאפיל, הייסט עס נים קאנטיג דיא פרי מאכט מען שהכל.

דיא יוך פון ערד פרוכט געקאכטע מאכט מען אויף דיא יוך בפה"א, צב"ש ראסיל פון בוריקעס געריבט און פעט פון דיא בוריקעס מאכט מען אויף דיא יוך אויך בפה"א. אויב געקאכט מיט עסיג אדער מיט ווערצלאלץ מאכט מען שהכל. אויב עס איז צו גענאסן מער וואסער ווי די יוך פון די בוריקעס מאכט מען שהכל.

גריופן פון רעצקע אויב עס איז קאנטיג דיא גריופן, צב"ש רעצקענע קאשע איז דיא ברכה בורא פרי האדמה.

שאלעכץ פון ערד פרוכט אפילו אז עס האט א טעם נור וויא באלד אז דיא פרי איז דאך נים ניזיים געוואדין פון שאלעכץ וועגין, צב"ש דיא גרינע קאסטאנצע פון ארבעס איז דיא ברכה שהכל. אויב דער שאלעכץ האט קיין טעם איז ניטא קיין ברכה.

שאלעכץ ניפרעגילטע, צב"ש אנגעמאכטע שאלעכץ מאכט מען שהכל.

## דינים פון בורא מיני מזונות.

מעהל פון דיא מיני דגנים, קארין, ווייץ, גערשטין, האבער, ארקעס, אז מען באקט פון דעם מיט פערשידענע צוגאבין, צב"ש פוטער-גיבעקס אייל-גיבעקס

גיבֶּעקְס, גיפִילְטֶע גיבֶּעקְס, צב״ש פְלַאדִין אונ דאס גְלֵייכֶען, איז דֶער דין אזוי. אויב מֶען עֶסְט פון דֶעם וֵוייניגֶער וויא דֶער שִׁיעור פון א סְעוּדָה, איז די בְּרָכָה בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת. אויב מֶען עֶסְט וויא דֶער שִׁיעור פון א סְעוּדָה דארף מֶען זיך וואשִׁין אונ מאכֶען הַמּוֹצִיא אונ בֶּענְטְשִׁין. פיל גְלייכֶער איז צו עֶסִין פון מְזוֹנוֹת וֵוייניגֶער וויא פִיער אֵייֶער גְרוֹים,

פארְקְנֶעטִינֶע טֵייג מיט וואסֶער אונ מיט אַנְדֶערֶע צוּרַאטִין, צב״ש מיט אֵייֶער אָדֶער מיט מִילְך פוּטֶער אֵייל אָדֶער שְׁמאלְץ אויב דיא וואסֶער איז וֵוייניגֶער פאר דיא צוּרַאטִין איז דיא בְּרָכָה במ״מ, אויב דיא וואסֶער איז מֶעהר האט דאס א דין וויא נור בְּרוֹיט.

פון דיא פִינְף מִינִים אַז מֶען קָאכְט פון דֶעם, צב״ש פארְפִיל, לאקְשִׁין, אָדֶער מֶען פְרֶעגִילְט טֵייגְלִיך, איז דיא בְּרָכָה במ״מ אונ דיא ב״א עַל הַמִּחְיָה, אֲפִילוּ אז מֶען עֶסְט דאס צו זאט.

גיבֶּעקְס וועלְכֶע מֶען איז מְחוּיָב אויף דֶעם צו מאכֶען הַמּוֹצִיא אונ מֶען האט דאס צו בְּרֶעקִילְט אונ גֶעקָאכְט, צב״ש מַצָּה פארְפִיל אָדֶער גיפְרֶעגִילְטֶע שְׁטִיקְלֶעך חַלָּה אָדֶער בְּרוֹיט אין פוּטֶער אָדֶער אין שְׁמאלְץ, אויב יֶעדֶע שְׁטִיקִיל איז וֵוייניגֶער וויא א כְּזַיִת פאר דֶעם פְרֶעגְלֶען, אֲפִילוּ וֶוען נאך דֶעם פְרֶעגְלֶען וֶוערְט עֶס אָנְגֶעקְוָואלִין אונ עֶס איז גְרוֹיס וויא א כְּזַיִת וואס דאס איז א האלְבֶּע אֵיי, איז דיא בְּרָכָה במ״מ אונ עַל הַמִּחְיָה.

עֶס איז דא עֶרְטֶער וואס מֶען בְּרֶענְט אִיבֶּער קֶערְנֶער פון די פִינְף מִינִים אונ מֶען פְרֶעגִירְט דאס מיט פוּטֶער אונ מֶען גִיסְט אִיבֶּער דֶעם וואסֶער, מאכְט מֶען אויף דיא וואסֶער שֶׁהַכֹּל.

דיא בֶּעקֶערְס זֵיינֶען זיך מֵיקֵל אונ באקִין קִיכְלֶעך פון וואסֶער אויף האבֶּער גְרִיץ אָדֶער זייא קָאכִין אוֹיס ראזינְקֶעס וואסֶער אונ באקִין מיט דֶעם קִיכְלֶעך אונ די וֶועלְט עֶסְט דאס אָהן גֶעוואשִׁין, זֵיינֶען זיי מַכְשִׁיל אֶת הָרַבִּים וואָרוּם אויף אַזֶעלְכֶע קִיכְלֶעך דארף מֶען זיך וואשִׁין.

## אֵיינִיגֶע דִינִים וועלְכֶע גֵייט אָן בַּייא אַלֶע בְּרָכוֹת.

א) אויף דֶעם עֶרְשְׁטִין בִּיסִין אָדֶער דֶעם עֶרְשְׁטִין זוּפּ וואס מֶען מאכְט דיא בְּרָכָה, טאר מֶען נִיט מַפְסִיק זֵיין בִּיז אַראבּ שְׁלִינְגֶען.

ב) אַז מֶען טְרִינְקְט א זאך פון רְפוּאָה וֶועגִין נור דאס האט א גֶעשְׁמאק, מאכְט מֶען א בְּרָכָה. אויב דיא זאך האט נִיט קֵיין גֶעשְׁמאק טְרִינְקְט מֶען אָהן א בְּרָכָה, נור מֶען זאגְט יְהִי רָצוֹן שֶׁיִּהְיֶה עֵסֶק זֶה לִרְפוּאָה. דארוּם וויא דֶער דֶרֶך איז פון דיא חוֹלִים צו טְרִינְקֶען רויהֶע אֵייֶער דארף מֶען מאכֶען א בְּרָכָה.

ג) אַז מֶען עֶסְט גיבֶּעקְס מיט קאוֶוע מיט טֵייא אָדֶער קאקאו אָדֶער מיט אַנְדֶערֶע מַשְׁקֶה אֲפִילוּ מיט וויין דארף מֶען פְרִיֶער מאכֶען במ״מ אונ צו בֵּייטִין עֶמְנָואס אונ נאכְהֶער מאכֶען דיא בְּרָכָה אויף דיא מַשְׁקֶה.

ד) אז מען האט גענומען דיא פרי אין האנד אונ געמאכט א ברכה אונ זיא איז אראב געפאלין אונ פארשמוצט געווארין. אדער דער כוס פון האנד איז אויס געגאסין געווארין נאך דער ברכה, ווענד זיך אזוי, אויב ער האט נאך פון דעם מין אונ האט געטראכט צו עסין אדער צו טרינקען פון דעם דארף ער קיין ברכה ניט מאכען נאך א מאהל, אונ אויב ער האט ניט געטראכט מעהר צו עסען אדער צו טרינקען פון דעם, דארף מען מאכען א ברכה פון דאס נייע.

ה) אלע זאכען וואס מען עסט אדער מען טרינקט אין מיטען עסין, דארף מען ניט מאכין קיין ברכה, אויסגענומען איז דיא וועלכע איז ערקלערט ביי די דינים פון סעודה.

ו) אז מען האט פאר זיך צוויי מינים עסען אדער געטראנק אדער אפילו פיל מינים וואס האבען דיא זעלבע ברכה דארף מען מאכען איין ברכה אויף אלע אונ נים גורם זיין קיין איבעריגע ברכה.

ז) אויב מען האט אריין גענומען אין מויל אהן א ברכה, ווענד זיך אזוי, אויב דיא זאך איז אזוי א זאך וואס איז דער נאך ניט מיאוס אז מען וועט דאס ארויס שפייען זאל מען דאס ארויס שפייען אין האנד אריין אונ נאכהער מאכען א ברכה. אויב דאס איז מיאוס נאך דעם ארויס שפייען זאל ער דיא זאך אריין לאזין אין איין זייט באק אונ מאכען א ברכה.

ח) מען טאר ניט מאכען קיין ברכה אויף קיין שום זאך טיידין אז דיא זאך איז שוין פאר איהם. פאר דיא ברכה דארף מען האלטען דיא זאך אין רעכטין האנד.

ט) איידער מען מאכט דיא ברכה דארף מען באטראכטען ריכטיג וועלכע ברכה מען דארף אויף דער זאך מאכין, בפרט יעצטיגע צייט איז מצוי פיל געריכטין וועלכע עס איז ניט אן צו דערקענען וואס פאר א מין דאס איז, דארום איז גלייך מען זאל פרעגין אויף דער זאך וואס דאס איז, צב"ש מאקאראנ־קעס איז געמאכט פון מאנדלען מיט צוקער אונ עס זעהט אויס ווי פון מעהל אדער מען באקט טארט פון קארטאפיל אדער פון ניס, אדער לאקשין פון אייער מיט שמאלץ אדער פון קארטאפיל מעהל איז דיא ברכה שהכל אונ מען מיינט אויף דיא אלע אז דאס איז פון מעהל מאכט מען במ"מ, איז דאך דאס א ברכה לבטלה.

י) באלד נאך דיא ברכה זאל מען דיא זאך עסען אדער טרינקען דארום ווען מען גיסט אב א ביסיל וואסער פאר דעם טרינקען זאל מען פריער אב גיסין אונ דער נאך מאכען דיא ברכה 1).

יא) מען דארף אין זינען האבען דעם טייטש פון דער ברכה.

מען

1) ועוד משום בזיון ברכה.

יב) מען טאר ניט מאכען קיין ברכה אין א אונבייגעם ארט, אדער אז עס איז דא שמוץ פון א קינד אדער פון א קאץ.

## דינים פון ברכות אז מען האט פאר זיך פערשידענע מינים.

אז מען האט פאר זיך פיל מינים פון במ"מ, פון בפה"ג, פון בפה"ע, פון בפה"א אונ שהכל, איז א כלל אז מזונות איז פריער אפילו פאר וויין. אויסער ביים קידוש איז משקה אפילו ניט וויין אויך פריער פאר מזונות, אונ מען דארף צו דעקען דיא מזונות בעת מען מאכט קידוש 1).

דיא ברכה בפה"ג איז פריער פאר אלעם, אויסער פאר איילבירטען.

דיא פינף מיני פרוכט וועלכע ארץ ישראל איז געריהמט געווארין מיט דעם, איז פריער פאר אנדערע פרוכטין. (די פינף מינים צווישין זיך איז פריער איילבירטען פאר אלע. טייטלען איז פריער פאר וויינטרויבין. וויינטרויבין איז פריער פאר פייגין. פייגין איז פריער פאר מילגרוימען).

פון דיא מינים וואס מען מאכט בפה"ע (ניט פון דיא זיבין מינים) בפה"א שהכל, איז וועלכע איהם איז בעליבטער אויף די מאכט מען די ברכה פריער. אויב עס איז ביא איהם אלע גלייך בעליבט איז בפה"ע פריער פאר בפה"א, בפה"א איז פריער פאר שהכל.

דאס איז א כלל אז מען האט עטליכע מינים פון איין ברכה, דארף מען מאכען איין ברכה אויף איין מין אונ טראכטין פטר'ן אלע.

## דינים אז מען עסט אדער מען טרינקט א עיקר מיט א טפל וויא מען זאל זיך נוהג זיין מיט דיא ברכה.

דאס איז א כלל דיא זאך וואס ער וויל בעסער עסען ווערט אן גערופין עיקר אונ דיא זאך וואס ער עסט צו דעם הייסט עס א טפל, איז דער דין, אז מען מאכט א ברכה אויף דעם עיקר אונ עס פטר'ט דעם טפל, צב"ש אז ער מאכט א שנאפס אונ בייסט צו עטוואס, דארף ער נור מאכען א ברכה אויף דיא שנאפס. ביא דעם איז דא פיער פונקטין.

א) אז ער האט געטראכט בשעת ברכה אויף דעם עיקר צו עסען דעם טפל אויך, אדער ער איז איינגעוואהנט פיל מאהל אזוי צו טאהן, דהיינו ער פארבייסט נאך בראנפין אלע מאהל א ביסין.

ב) דער צווייטער אופן איז, אז ער עסט דעם טפל באלד נאך דעם עיקר אבער ניט אז ער איז אין מיטין אוועק געגאנגען אין א אנדער צימער.

ג) דער דריטער אופן איז, אז ער וואלט דעם טפל געוויס ניט עסין אהן דעם עיקר.

---

1) שלא יראה בבושתה.

ו) דֶער פִירְטֶער אוֹפֶן אִיז, אַז עֶר עֶסְט דֶעם טָפֵל נָאךְ דֶעם עִיקָר אָדֶער אִין אֵיינֶעם, אָבֶּער נִיט פְרִיעֶר דֶעם טָפֵל אוּן דֶער נָאךְ דֶעם עִיקָר. אָבֶער וֶוען דִיא פִיעֶר אוֹפַנִים זַיינֶען נִיט אַזוֹי, דַארְף עֶר מַאכֶען אוֹיף דֶעם טָפֵל אַ בֶּעזוּנְדֶערֶע בְּרָכָה. אוּן דֶער רֶעכְט אִיז עֶר זָאל מַאכִין אוֹיף דֶעם טָפֵל פְרִיעֶר.

דָאס אִיז אַ כְּלַל דֶער עִיקָר פַּטֶר'ט דֶעם טָפֵל פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה אוּן פוּן דִיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה. עֶס אִיז בַּייא דֶעם דָא פִיל פְּרָטִים.

א) צְוַוייא מִינֵי גֶיקֶעכְץ וֶועלְכֶע זַיינֶען גֶעקָאכְט צוּ זַאמֶען אוּן יֶעדֶער מִין הָאט אַ בֶּעזָאנְדֶערֶע בְּרָכָה וֶוענְד זִיךְ אַזוֹי, אוֹיב עֶס אִיז קָאנְטִיג יֶעדֶער מִין פַאר זִיךְ מַאכְט מֶען פְרִיעֶר אַ בְּרָכָה אוּן מֶען פַארְזוּכְט, נַאכְהֶער מַאכְט מֶען דִיא אַנְדֶערֶע בְּרָכָה, צבּ"ש פִישׁ מִיט קַארְטָאפִיל אָדֶער פְלוֹימֶען מִיט קַארְטָאפִיל אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶערִיכְטִין וֶועלְכֶע עֶס אִיז גֶעמַאכְט, מַאכְט מֶען אַ בְּרָכָה אוֹיף אֵיין מִין אוּן מֶען פַארְזוּכְט אוּן דֶער נָאךְ אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין מִין, אָבֶער אוֹיב זֵיי זַיינֶען אוֹיסְגֶעמִשְׁט אוּן צוּ רִיבִּין וֶוענְד זִיךְ אַזוֹיא, וֶועלְכֶע עֶס אִיז מֶעהר הַייסְט דִיא דֶער עִיקָר מַאכְט מֶען אוֹיף דֶעם דִיא בְּרָכָה אוּן אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין מִין מַאכְט מֶען נִיט קֵיין בְּרָכָה, וָוארוּם מֶען אִיז פָּטוּר מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה 1). וִויא אִיז אָבֶער אַז פוּן דִיא מִינִים אִיז גִיוֶוען פוּן מְזוֹנוֹת, דְהַיְינוּ פַארְפִיל מִיט קַארְטָאפִיל אָדֶער מִיט בֶּעבְּלֶעךְ אָדֶער מִיט אַרְבֶּעס, וֶוענְד זִיךְ אַזוֹי, אוֹיב עֶס אִיז קָאנְטִיג דִיא פַארְפִיל בֶּעזוּנְדֶער מַאכְט מֶען פְרִיעֶר במ"מ דֶער נָאךְ בפה"א, אוֹיב עֶס אִיז צוּ רִיבִּין דִיא פַארְפִיל מִיט דִיא קַארְטָאפִיל אָדֶער מִיט דִיא בֶּעבְּלֶעךְ, אָדֶער אַז עֶס אִיז צוּ מִישְׁט פַארְפִיל פוּן אַרְבֶּעסֶענֶע מֶעהל אָדֶער פוּן רֶעצֶקִיג מֶעהל מִיט וַוייצִין מֶעהל, אָדֶער אַז עֶס אִיז צוּ מִישְׁט קִירְבֶּעס מִיט וַוייצִין מֶעהל אִיז אֲפִילוּ וֶוען דִיא וַוייצִין מֶעהל אִיז וַוייניגֶער, וִויא בַּאלְד אַז עֶס אִיז צוּ רִיבִּין אִיז דִיא בְּרָכָה בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת 2).

גֶיקֶעכְץ מִיט מִילְךְ צבּ"ש קַארְטָאפִיל מִיט מִילְךְ אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶיקֶעכְץ מִיט מִילְךְ, דַארְף מֶען אוֹיף דִיא מִילְךְ קֵיין בֶּעזוּנְדֶערֶע בְּרָכָה נִיט מַאכִין.

## דִינִים אַז מֶען בְּרֵיינְגְט צוּ אִין עֶסֶען נָאךְ שְׁפַּייז אוּן גֶעטְרַאנְק.

אַז מֶען עֶסְט אָדֶער מֶען טְרִינְקְט אוּן מֶען בְּרֵיינְגְט אִין מִיטִין צוּ נָאךְ פוּן וָואס מֶען מַאכְט דִיא זֶעלְבֶּע בְּרָכוֹת, וֶוענְד זִיךְ אַזוֹי, אוֹיב מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט בְּעֵת מַאכֶען דִיא בְּרָכָה אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען וֶועט אִיהם בְּרֵיינְגֶען, דַארְף מֶען נִיט מַאכִין נָאךְ אַ בְּרָכָה, אוֹיב מֶען הָאט אָבֶער נִיט גֶעטְרַאכְט בְּעֵת מַאכֶען דִיא בְּרָכָה אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען מַאכֶען פוּן דָאס נַייעֶ אַ בְּרָכָה.

דאס

---

1) שו"ע סי' ר"ד ע"ש במ"ב ס"ק נ"ב. 2) משום כלל דכל שיש בו סחמשת המינין מברכין עליו במ"מ. בה"צ להגרש"ו.

דָאס אִיז אַלֶעס גֶערֶעדְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב אָבֶּער אַז מֶען אִיז בַּייא דֶעם צְווייטִין אִיז אַ כְּלָל אֲפִילוּ מֶען הָאט נִיט גֶעטְרַאכְט אוֹיף דִיא צוּ גֶעבְּרַאכְטֶע, דַארְף מֶען אוֹיךְ נִיט מַאכִין קֵיין בְּרָכָה, ווייל מֶען אִיז אָבְּהֶאנְג אִין דֶער דֵעָה פוּן בַּעַל הַבַּיִת.

אֲפִילוּ אַז מֶען אִיז בַּייא דֶעם צְווייטִין אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ אָבֶּער בֶּעשְׁלָאסִין מֶער נִיט צוּ עֶסֶען אָדֶער צוּ טְרִינְקֶען אוּנ נאכְהֶער ווייל מֶען יוֹא עֶסֶען אָדֶער טְרִינְקֶען, דַארְף מֶען מַאכֶען נָאךְ אַ בְּרָכָה.

## דִינִים אַז מֶען הָאט גֶעהַאט אַ טָעוּת אִין אַ בְּרָכָה.

לְכַתְּחִלָּה דַארְף מֶען מְדַקְדֵק זַיין וָואס פַאר אַ בְּרָכָה מֶען דַארְף מַאכֶען, אוֹיבּ מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה נִיט בַּארֶעכְטִיגְט, צבּ"ש עֶר הָאט אַריין גֶענוּמֶען דֶעם כּוֹס אִין הַאנְד אוּנ עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז ווַיין אוּנ הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען מַאכֶען דִיא בְּרָכָה, ווִיא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִיא ווֶערְטֶער בפה"ג הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמָאנְט אַז דָאס אִיז נָאר בִּיעֶר אָדֶער אַיין אַנְדֶער גֶעטְרַאנְק פוּן שֶׁהַכֹּל, עֶנְדִיגְט מֶען שֶׁהַכֹּל. אָדֶער דָאס אִיז גִיוֶוען ווַיין אוּנ עֶר הָאט גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז אַיין אַנְדֶער מַשְׁקֶה אוּנ גֶעוָואלְט מַאכִין שֶׁהַכֹּל אוּנ הָאט זִיךְ דֶערְמָאנְט אוּנ גִיעֶנְדִיגְט בפה"ג, אִ"ז דָאךְ גֶענוּים אַז מֶען אִיז יוֹצֵא.

אֲפִילוּ אַז עֶר הָאט גִיעֶנְדִיגְט דִיא גַאנְצֶע בְּרָכָה אוּנ הָאט זִיךְ דֶערְמָאנְט צוּם סוֹף, אִיז עֶר אוֹיךְ יוֹצֵא, צבּ"ש עֶס אִיז גִיוֶוען בִּיעֶר אוּנ עֶר הָאט גִימַאכְט בפה"ג אוּנ הָאט בַּאלְד גֶעזָאגְט שנ"ב, אָדֶער בַּייא אַנְדֶערֶע מִינֵי בְּרָכוֹת, דְהַיְינוּ עֶר הָאט זִיךְ גֶעוואשִׁין אוּנ גֶעדַארְפְט מַאכֶען עַל נט"י הָאט עֶר גֶעזָאגְט הַמּוֹצִיא לֶחֶם מִן הָאָרֶץ, קָאן עֶר בַּאלְד זָאגֶען דִיא ווֶערְטֶער עַל נְטִילַת יָדַיִם, אָדֶער עֶר הָאט גֶעדַארְפְט מַאכֶען לְהִתְעַטֵּף בַּצִיצִית הָאט עֶר גֶעזָאגְט לְהָנִיחַ תְּפִילִין, קָאן עֶר זָאגִין לְהִתְעַטֵּף בַּצִיצִית.

אוֹיף דִיא זַאךְ וָואס דִיא בְּרָכָה אִיז בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ אוּנ מֶען הָאט גִימַאכְט נִיט ווִילֶענְדִיג בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה, אִיז מֶען אוֹיךְ יוֹצֵא, ווייל דִיא בוֹימְפְרוּכְט צִיהֶען דָאךְ דֶעם קְרַאפְט פוּן עֶרְד. אָבֶּער לְכַתְּחִלָּה טָאר מֶען דָאס נִיט. אוּנ דֶער וָואס ווִיל פַּטֶּר'ן מִיט שֶׁהַכֹּל אַלֶע בְּרָכוֹת, הֵייסְט עֶר עַם הָאָרֶץ בּוּר.

ווִיא מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה דַארְף מֶען בַּאלְד עֶסֶען אָדֶער טָאהן דִי זַאךְ אָהן אַ הֶפְסֵק, ווִיא אִיז אָבֶּער אַז מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִיא בְּרָכָה אוּנ עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז מֶען הָאט יוֹא גֶעמַאכְט אַ הֶפְסֵק, ווֶענְד זִיךְ אַזוֹי, אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ גֶענְאפְט הוֹךְ כְּדֵי דִבּוּר דָאס אִיז ווייניגֶער ווִיא עֶס דוֹיֶערְט דִי דְרַיי ווֶערְטֶער שָׁלוֹם עָלֶיךָ רַבִּי, דַארְף מֶען נִיט מַאכֶען נָאךְ אַ מָאהל קֵיין בְּרָכָה. אוֹיבּ דֶער הֶפְסֵק הָאט גִידוֹיֶערְט ווִיא דִיא דְרַייא ווֶערְטֶער דַארְף מֶען מַאכֶען אַ בְּרָכָה נָאךְ אַ מָאהל.

# דינים פון שהחיינו און הטוב והמטיב.

דיא פרי וועלכע בעניט זיך פון יאהר צו יאהר מאכט מען שהחיינו.

וועלכע הייסט זיא בעניט זיך פון יאהר צו יאהר, די וועלכע וואס בעת עס קומט אן דיא נייע איז שוין פין דיא אלטע גיטא, דהיינו אלע בוים פרוכט נאטירליכע ניט קיין צו געריבטע, צב"ש קארשין, אגרעסין און נאך אנדערע, אדער וועלכע זיא איז דא ביז נייע נור זיא איז פארענדערט געווארין וויא פרישע הייד, מאכט מען אויף דעם נייעם שהחיינו. דארום מאכט מען אויף אלע בוים פרוכט שהחיינו.

אויף ערד פרוכט מאכט מען שהחיינו, אויף ויסע אוגערקעס, אויף קאוואנעס, אויף מעהרין, ריבין, טאמעטעס, בראנדזינעס, טרושקאווקעס, פאזימקעס, ברושניצעס, גרינע ארבעס.

אויף אונצייטיגע פרוכט מאכט מען ניט קיין שהחיינו.

דער חיוב פון מאכען שהחיינו איז וויא באלד מען דערזעהט נור דיא פרי, דארום באלד ווי מען דערזעהט נור די פרי איז מען מחויב צו מאכען שהחיינו. דארום איז א מצוה מפרסם צו זיין דעם טעות פון דער וועלט וואס האלטין אב צו מאכין שהחיינו פון איין מין ביז ראש השנה, און וויא זייא זעהען דיא פרי זיינען זיי מחויב צו מאכען שהחיינו.

ווען מען דער בייא העלפט צו קויפין א הויז אדער א נייען בגד, אדער פיינע ווירטשאפט און מען פרייט זיך מיט דעם, דארף מען מאכין שהחיינו.

אז מען טוהט אן א נייעם בגד מאכט מען מלביש ערומים אויך.

אויף א נייעם טלית מאכט מען שהחיינו נאך דעם איינמאכען דיא ציצית.

אז מען זעהט א גוטין פריינד וואס מען פרייט זיך מיט איהם אדער א קרוב אויב ער האט איהם שוין ניט גיזעהן מער ווי דרייסיג טאג מאכט מען שהחיינו, אויב ער האט איהם ניט גיזעהן מעהר ווי צוועלף חדשים, מאכט מען מחיה המתים.

אויף א גוטע בשורה וואס מען זעהט זעלבסט אדער מען העהרט פון א בעגלויבטין מענטשין, אויב דיא זאך איז גוט נור פאר זיך מאכט מען שהחיינו, אויב דיא זאך איז גוט פאר דעם צווייטען אויך מאכט מען בא"י אמ"ה הטוב והמטיב.

אז עס ווערט געבארין א זכר מאכט דער פאטער מיט דיא מוטער הטוב והמטיב.

א קומפאניע אדער אפילו צווייא מענטשין וואס טריגקען וויין און עס איז נאך דא פון דיא פריערינע וויין און מען וויל טריגקען א אנדער מין וויין, אפילו ניט קיין בעסערע מאכט מען הטוב והמטיב און גיט קיין בורא פרי הגפן אויב מען ניצט דיא וויין צום בענטשין דארף מען גיט מאכען קיין הטוה"מ וייל מען איז יוצא מיט דעם הטוה"מ פון בענטשין.

## דינים פון בְּרָכוֹת איבער א גוּטען ריח.

א פְּרִי וועלכע שטעהט צום עסען אונ מען נעמט איהר אריין אין האנט צו שמעקין, מאכט מען א בְּרָכָה בא"י אמ"ה אֲשֶׁר נָתַן רֵיחַ טוֹב בַּפֵּירוֹת.

אז מען נעמט דיא פְּרִי צום עסען אונ צום שמעקען, מאכט מען פריער דיא בְּרָכָה פון עסען אונ מען פארזוכט אונ דער נאך מאכט מען דיא בְּרָכָה פון שמעקין.

אויף בויםאייל וואס רופט זיך אפרסמון, וועלכע וואקסט אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מאכט מען בא"י אמ"ה בּוֹרֵא שֶׁמֶן עָרֵב.

אויף דיא פְּרִי וועלכע שטייט ניט צום עסען אונ דאס וואקסט אויף א בוים צב"ש רויזין, רויזין וואסער, שפינגאר, מאכט מען בא"י אמ"ה בּוֹרֵא עֲצֵי בְשָׂמִים.

בְּשָׂמִים וועלכער דער נוץ פיעהער איז צו געבין אין געריכטין אריין, צב"ש ציטרינג. אינגבער, אדער דיא זאך וואס מען ווייס ניט אויף ריכטיג אויב עס איז בוימפרוכט אדער ערד פרוכט, מאכט מען א בְּרָכָה אויף דעם שמעקין בא"י אמ"ה בּוֹרֵא מִינֵי בְשָׂמִים.

אויף שמעקענדע גראז מאכט מען בא"י אמ"ה בּוֹרֵא עִשְׂבֵי בְשָׂמִים.

אז מען גייט אריין אין א בְּשָׂמִים געשעפט אדער אין א אפטייק געשעפט אונ מען וויל שמעקין מאכט מען א בְּרָכָה בא"י אמ"ה בּוֹרֵא מִינֵי בְשָׂמִים.

אז מען רייכערט אוים א הויז פון דאמפף, דארף מען ניט מאכען קיין בְּרָכָה, אויב פון תַּעֲנוּג וועגין מאכט מען דיא זעלבע בְּרָכָה וויא שמעקין.

מען טאר ניט שמעקין פון דיא אַרְבַּע מִינִים פון סוּכּוֹת דעם גאנצען יוֹם טוֹב סוּכּוֹת.

## דינים וואס מען דארף מאכען א בְּרָכָה אויף דעם זעהען דיא זאך.

אז מען זעהט בוימער פון פרוכט בעת עס גייט ארוים דיא בליהונג, מאכט מען דיא בְּרָכָה בא"י אמ"ה שֶׁלֹּא חִסַּר בְּעוֹלָמוֹ דָּבָר וּבָרָא בְּרִיּוֹת טוֹבוֹת וְאִילָנוֹת טוֹבוֹת לֵיהָנוֹת בָּהֶן בְּנֵי אָדָם.

אז מען דערזעהט א בליטץ מאכט מען עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, אונ אויף דעם דונער וואס מען דער הערט תֵּיכֶף 1) דארף מען שוין ניט מאכין קיין בְּרָכָה ווארום מען איז יוֹצֵא מיט דיא בְּרָכָה פון בליטץ אויף ביידע.



---

1) תוך כדי דבור.

אז דער דונער קומט ניט באלד 1) מאכט מען שכּוחו וּגבוּרתו מלא עולם.

כל זמן עס איז פאר וואלקינט דארף מען ניט מאכין נאך א מאהל א ברכה ניט אויף די בליטצין ניט אויף דיא דונערין, ווייל מען איז יוצא מיט דיא ערשטע ברכה וועלכע מען האט גימאכט בעת מען האט דערזעהן אונ דער הערט דעם בליטץ אדער דעם דונער.

אז דיא וואלקענעס איז פערנאנדער געגאנגען אונ עס האט אויף גישיינט דיא זונן אונ עס איז צוריק פארוואלקינד גיוואריו, מאכט מען פון דאס נייע א ברכה.

אויף א קאמעט, אויף ערדציטערנעש, אויף גרויסע שטורעמווינטין דעם ערשטין מאהל מאכט מען עושׂה מעשׂה בראשית.

אז מען דער זעהט דעם ערשטין מאהל פון דיא משונה'דיגע ברואים וועלכע דער וואונדער איז זעהער גרוים, צב"ש דיא ווייסע אדער דיא שווארצע אדער די רויטע מענטשין, אדער מען זעהט איין העלפאנד אדער איין בוזאנע, מאכט מען משנה הבריות.

אז מען זעהט א בית עולם פון קברי ישׂראל איין מאהל איין חודש, מאכט מען דיא ברכה אשר יצר אתכם בדין וכו'.

אז מען זעהט א חכם גדול בתּורה, מאכט מען בא"י אמ"ה אשר חלק מחכמתו לבשׂר ודם.

אז מען זעהט א מלכוּה מאכט מען דיא ברכה בא"י אמ"ה שנתן מכּבודו לבשׂר ודם.

דיא ברכה קאן מען מאכען אפילו אז מען זעהט נור דעם פאראד, נור אויב דער מלכות איז דארט דא.

איין מאהל אין אכט אונ צוואנציג יאהר ווען עס גיפאלט דיא תקופה פון ניסן דיא נאכט וואס ניהער צו מיטוואך אין אנפאנגט נאכט, דעם טאג מיטוואך פריה ווען דיא זונן שיינט אויף מאכט מען א ברכה אויף דיא זונן עושׂה מעשׂה בראשית. מעהר מצוה איז, עס זאל זיך צו זאמען קלייבען דער גאנצער עולם אין איין ארט.

פאר דער ברכה זאגט מען הללו את ה' מן השמים, נאך דער ברכה זאגט מען אל אדון ביז וחיות הקודש, דער נאך זאגט מען השמים מספרים, עלינו, אונ קדיש.

דער רעכט איז צו מאכען דיא ברכה גאנץ פריה, בדיעבד איז רעכט ביז האלבען טאג, אויב עס איז פארוואלקינד דארף מען ווארטין ביז האלבען טאג פיליייכט וועט פערגאנדערניין דיא וואלקינס מען זאל קאנען מאכען די ברכה מיט שם ומלכות, אויב עס גייט ניט פערנאנדער ביז האלבין טאג מאכט מען די

1) לאחר כדי דיבור.

דיא ברכה אָהן שם ומלכות. מען זאגט נור די ווערטער ברוך עושה מעשה בראשית.

געוועזען איז קידוש החמה אין יאהר תרנ"ז, וועט אים קומען אין יאהר תרפ"ה מיר זאלען זוכה זיין צו מאכען דיא ברכה אין ירושלים.

## ברכת הגומל.

דיא פיער דאזיגען אויף זיך דעם חיוב צו מאכען א ברכה וועלכע דאס הייסט גומל בענטשען.

א) אז מען גייט איבער דעם ים. ב) אז מען קומט פון דער מדבר. ג) דער וואס ווערט לויז פון פעסטונג וועלכע ער האט געהאט א משפט פאר א קרימינאל. ד) אז איינער איז געזונט געווארין פון אקראנקייט וואס ער איז געלעגין אין בעט קראנק דריי טעג.

די ברכה מאכט מען פאר א מנין מענטשין. דער נוסח פון גומל בענטשין איז געדרוקט אין סידור.

נשים זיינען אויך מחויב אין גומל בענטשין, דארום איז דער רעכט איולדת ווען זיא שטייט אויף פון קינפעט זאל זיא בענטשין גומל.

א מאנספערזאן מאכט די ברכה פון גומל ווען ער איז עולה לתורה.

דעם וואס טרעפט זיך איין אונגלאטירליכען נס, איז ווען נור ער קומט צו דעם ארט וואו דער נס האט געשעהען מאכט ער א ברכה ברוך אתה ה' אמ"ה שעשה לי נס במקום הזה.

דיא קינדער אונ דיא קינד'ס קינדער ווען זייא קומען צום ארט פון נס, בעדארפין אויך מאכען די ברכה. די קינדער זאגען אויף א נס פון פאטער לאבינו אונ אויף א נס פון די מוטער לאמנו, אונ די אייניקלעך זאגען לאבותינו.

ווען דער זאהן ווערט בר מצוה איז ער עולה לתורה אונ דער פאטער זאגט די ווערטער ברוך שפטרני מעונשו של זה 1). ווייל ביז דרייצין יאהר איז דער פאטער פעראנטווארטליך פיר זיינע מעשים.

## דינים פון וואשין זיך צום עסען.

פאר דעם וואשין זיך דארף מען אכטונג געבען די הענד זאל זיין ריין, פיל גלייבער איז ניט צו טראגין קיין גרויסע נעגיל, ווייניגסטין זאל מען ארוים נעמען די שמוטץ פון אונטער די נעגיל.

פאר דעם וואשין זיך מוז מען אויסטאהן דיא רינגען.

אז מען האט א וואונד אויף א האנד דארף מען ניט אראב נעמען דעם בענדאז, נור וואשין זיך ווי געוויינליך אונ עס זאל קומען וואסער אויף דעם

באנדאז

---

1) הגר"א וכן נהג מהרי"ל ודעת הח"א נוטה לברך בשם ומלכות מקור הברכה היא מדרש פ' תולדות.

באנְדַאז אויךְ, אויב דָאס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ אִיז מֶען נוּר מְחוּיָב צוּ וַואשְׁין אַיין האנְד אוּנ אַרוּם בִּינְדְין דִי קְרַאנְקֶע האנְד אוּנ מַאג עֶסֶען.

דִי כֵּלִי פוּן נואשְׁין זִיךְ צוּם עֶסֶען דארף זַיין גאנְץ אָהן א לֶעכִיל אוּנ אָהן א שְׁפּאלְט.

דִי כֵּלִי בּארְף האלְטִין נִיט וֵוייניגֶער ווִי א רְבִיעִית.

א בֶעכִיל פוּן א כֵּלִי אָדֶער נוּר א שִׁבְרֵי כֵּלִי וֶועלְכֶע האלְט אֲפִילוּ מֶעהר ווִי א רְבִיעִית טָאר מֶען זִיךְ מִיט דֶעם נִיט וַואשְׁין.

מֶען מַאג אָב טוּנְקֶען דִי הֶענְד אִין א קְוַואל אָדֶער אִין א טַייכִיל אוּנ דָאס הֵייסְט ווִי גֶעוַואשְׁין זִיךְ צוּם עֶסֶען.

דֶער נואשְׁין זִיךְ צוּם עֶסֶען מוּז קוּמֶען דוּרְךְ דֶעם קְרַאפְט פוּן מֶענְטְשִׁין אֲפִילוּ פוּן אַיין אַנְדֶערִין אִיז אויךְ רֶעכְט, אָבֶּער וַואסֶער פוּן א רֶער אָדֶער פוּן א אָפֶענֶעם קְרַאן, טָאר מֶען נִיט אוּנְטֶער האלְטִין דִי הֶענְד עֶס זָאל גֵיין דִי וואסֶער נוּר פאר יֶעדֶער נָאס מוּז מֶען טָאן א פְּעוּלָה מִיטִין האנְד, דְהַיְינוּ עֶפֶענֶען דֶעם קְרַאן.

אז מֶען ווִיל זִיךְ נואשְׁין פוּן א פְּלוּמְפּ דַארף מֶען אַזוֹי טָאן, אַיין האנְד האלְט מֶען נָאר נָאהֶענְד פוּן דֶער עֶרְד 1) אוּנְטֶער דֶעם גאנְג פוּן דִיא וַואסֶער אוּנ מִיט דִיא אַנְדֶערֶע האנְד פּוּמְפֶּעט מֶען, דֶער נָאךְ טוּהט מֶען דִי זֶעלְבֶּע מִיט דִי צְווייטֶע האנְד.

א כֵּלִי וֶועלְכֶע אַיין זַייט אִיז זִי הֶעכֶער, צב"ש א שְׁטאנְטְקְרִיגִיל טָאר מֶען זִיךְ נִיט וַואשְׁין פוּן הֶעכֶערִין אָרְט נוּר פוּן דֶער נִידֶערִיגֶער זַייט. וואסֶער וֶועלְכֶע אִיז פאר עֶנְדֶערְט גֶעוָוארִין דִיא מַרְאֶה דוּרְךְ א צוּפאל, אָדֶער אוּנְרֵיינֶע וואסֶער אָדֶער גֶעזאלְצִינֶע בִּיטֶערֶע וואסֶער וֶועלְכֶע אֲפִילוּ א כֶּלֶב מִיאוּסְט זִיךְ צוּ טְרִינְקֶען, טָאר מֶען זִיךְ מִיט דִי וַואסֶער נִיט נואשְׁין צוּם עֶסֶען.

וואסֶער וֶועלְכֶע עֶס אִיז גִיטָאן גֶעוָוארִין דֶער מִיט א מְלָאכָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז מֶעהר נִיט ווִי אַיין גִיטוּנְקֶט גֶעוָוארִין א מַאֲכָל אָדֶער ווִי דֶער הֶערְךְ אִיז זוּמֶער אַריין צוּ שְׁטֶעלִין פְלַאשְׁין בִּיער אָב קִילִין, טָאר מֶען מִיט דִיא וואסֶער נִיט נואשְׁין זִיךְ צוּם עֶסֶען.

מֶען דארף זִיךְ בואשְׁין מִיט א רְבִיעִית וואסֶער אויף יֶעדֶער האנְד, אוּנ וַואשְׁין מִיט אַיין גָאס.

עֶס אִיז זֶעהֶער גְלַייךְ צוּ וַואשְׁין זִיךְ מִיט א סַךְ וואסֶער ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט רב חִסְדָא האט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעוַואשְׁין מִיט א פוּלֶע כֵּלִי וואסֶער האט מִיר השי"ת גִיגֶעבִּין פוּלֶע הֶענְד בְּרָכָה.

דֶער נואשְׁין זִיךְ דַארף זַיין אַזוֹי מֶען נֶעמְט דִי כֵּלִי אִין דִיא רֶעכְטֶע האנְד אוּנ מֶען דֶערְלַאנְגְט אִין דִיא לִינְקֶע האנְד אוּנ מֶען גִיסְט אויף דִי רֶעכְטֶע האנְד נָאכְהֶער פארְקֶערְט.

---

1) ובאם שיחזיק ידיו גביהות כן הארץ לא מהני הנטילה דהוי בטובל בביפין.

מען דארף היטן ניט אן רירן די געוואשענע האנד מיט די אונגעוואשענע האנד, אויב עס האט זיך אנגערירט אדער איין אנדערער אונגעוואשענער האט איהם אנגערירט, דארף מען זיך איבער וואשין. אויב מען האט אנגערירט נאך די ברכה פון על נטילת ידים, דארף ער נאך אמאהל קיין על נטילת ידים ניט מאכין, ער דארף זיך נור איבער וואשין.

בעת מען וואשט זיך דארף מען צו שפרייטין די פינגער אונ אפילו אויף הייבין בכדי די וואסער זאל ארום נעמען די גאנצע האנד.

באלד נאך דעם וואשין זיך זאל מען אויפהייבין די הענד אונ מאכין דיא ברכה על נטילת ידים.

נאך די ברכה זאל מען ארום רייבין דיא הענד איינע מיט דיא אנדערע נאכהער אב ווישין זיך מיט'ן האנדטוך.

פון וואשין זיך ביז ארויס שלינגען דעם ערשטין ביסין טאר מען ניט מפסיק זיין אויסער צו די זאכען וואס איז נוגע צו דער סעודה, צב"ש בעטין זאלץ אדער א מעסער.

אין מיטין עסען דארף מען זיך היטין ניט אן צו רירין אין די ערטער פון לייב וואס דער דרך איז דארטין זאל זיין צו גידעקט. אויב ער האט זיך פון דעם ניט געהיט דארף ער זיך איבערוואשין.

דער זעלבער דין איז אויב ער גייט אין עסען משתין זיין. אבער אויב ער גייט אויף נקיות אין מיטין עסען, דארף מען זיך איבער וואשין ווי דער דין איז אונ מאכען די ברכה על נטילת ידים.

מען טאר ניט עסען אן געוואשין אויב עס איז שווער צו בעקומען וואסער דהיינו ווען ער איז אין וועג דארף ער נאך זוכין וואסער, אויב ער רעכט זיך צו האבין וואסער אויף דיא וועג וועלכע ער גייט, דארף ער ווארטין אויף וואסער ביז פינף וויארסט. אויב אויף די קומענדיגע וועג וועט ער ניט האבין קיין וואסער איז ער זיך מחויב צוריק אומצוקערין א תחום שבת וואס דאס איז צוויי טויזענד איילין דאס איז א ערך א וויארסט מיט א פערטיל, אונ אז ער האט ניט אין גאנצען שום קיין וואסער, מאג ער ארום וויקלען די הענד אדער אנטאהן האנדשוה אונ עסען.

שלמה המלך האט איין געארדענט נטילת ידים, ווען ער האט מתקן געווען נטילת ידים איז ארויס א בת קול (בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני).

די היילינע חכמים זאגין, דער וואס האלט גרינג דיא מצוה פון נטילת ידים הייסט ער א מנודה לשמים אונ עס ברייננט צו ארעמקייט ביז ער ווערט פון דער וועלט אויסגעריכין.

ווי גרויס אונ וויכטיג דער וואשין זיך צום עסען איז, פארשטעהען מיר פון דיא ערצעהלונג פון דער גמרא, ר' עקיבא איז גיזעסין אין געפענגניס אונ ר' יהושע

ר' יהושע הגרסי איז געוועזן זיין בעדינער, אלע טאג פלעגט מען איהם אריין געבין וואסער מיט א מאס, איין טאג האט איהם דער שומר פון פעסטונג געטראפין טראגין די וואסער. זאגט ער דו טראגסט צו פיל וואסער אפשר מיינסט איהר מיט דעם די פעסטונג אונטערגראבין, האט ער איהם האלב אויסגינאסין, אז ר' יהושע האט געבראכט פאר ר' עקיבא דיא ביסיל וואסער זאגט ער צו איהם יהושע ווייסטו דען נים אז איך בין א אלטער מאן אונ מיין לעבין הייננט אן דיר, ווארום האסטו אזוי ווייניג וואסער געבראכט, האט איהם ר' יהושע דערציילט די זאך, זאגט ר' עקיבא דאס ערשטע גיב מיר צו וואשין די הענד, זאגט ר' יהושע איך האב גאנץ ווייניג אפילו א טרונק צו טאהן, ענטפערט איהם ר' עקיבא וואס זאל איך טאהן, אז מען עסט אנגעוואשין איז מען חייב מיתה, וויל איך בעסער שטארבען מיט מיין איינגענעם טויט איידער צו שטארבין פון דעם זינד וואס איך וועל עסען אן געוואשען, ער האט נים טועם געוועזן ביז מען דאט איהם געבראכט גענוג וואסער, האבען די חכמים געזאגט מיר זעהען ווי הארב דאס איז, אז אזוי א זקן אין געפענגעניס האט אזוי פיל מחמיר גיוועזן, וויפיל דארפין מיר שוין היטין וואס מיר זיינען פרייע נים קיין געצוואונגענע.

## דינים פון ברכת המוציא אונ דינים פון סעודה.

אז מען עסט ברויט פון די פינף מינים, קארין, ווייץ, האבער, גערשטין, ארקוס, דארף מען מאכין המוציא.

פון וואשין זיך ביז מאכין המוציא מאג מען ענטפערין אמן אבער נאך די המוציא מאכען ביז אראב שלינגען דעם ערשטין ביסין טאר מען אפילו קיין אמן אויך נים ענטפערין.

עס איז א מצוה צו מאכען המוציא אויף א גאנצע. אז עס ליגט פאר איהם צו עסען א שטיקיל חלה מיט א גאנצין לעביל ברויט קארינע, דארף מען מאכען המוציא איבער די חלה, וויל חלה איז חשובער.

שבת אונ יום טוב וויל מען מוז האבען די לחם משנה זאל זיין גאנץ בעת די ברכה, דארף מען מאכין פריער המוציא אונ דער נאך איבער שניידין, אבער א גאנצע וואך שניידט מען עטוואס איין אונ מען מאכט המוציא דער נאך שניידט מען איבער.

דער עסען דארף זיין מיט דרך ארץ, מען טאר נים האלטין דעם עסען אין איין האנד אונ אב ביסין מיט די אנדערע האנד. נים אב בייסין אונ אוועק לייגין אויף דעם טיש, אדער געבין דעם צווייטין די געביסענע, נים האלטין א שטיק אונ בייסין פון איהר.

מען זאל גים עסען אונ גים טרינקען ווי איין הונגעריגער, נים עסען אונ נים טרינקען שטייענדיג.

אַ גְלֶעזִיל מַשְׁקֶה אָדֶער אַ גְלָאז בִּיער וכו' מֶען נִיט אוים טְרִינְקֶען מִיט אֵיין מָאהל.

אִין דֶער סְעוּדָה דַארְף דֶער עֶלְטֶערֶער פְרִיהֶער אָנְפַאנְגֶען צוּ עֶסֶען.

וָוען צְוַויי עֶסֶען פוּן אֵיין שְׁפַּייז אוּנ אֵיינֶער הַאלְט אָב פוּן עֶסֶען, דַארְף דֶער צְוַוייטֶער אוֹיךְ אָב הַאלְטֶען.

עֶס אִיז נִיט גְלַייךְ צְוַויי מֶענְטְשִׁין זָאלִין עֶסֶען פוּן אֵיין כְּלִי, דֶען עֶס קָאן טְרֶעפִין אֵיינֶער זָאל הָאבִּין אַ פֶעהלֶער וָואס קָאן שַׁאדִין טָאן דֶעם צְוַוייטִין.

דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל נִיט ווייזִין קֵיין שְׁלֶעכְטִין פָּנִים בַּיי דֶעם עֶסֶען.

מֶען טָאר נִיט רֵיידִין אִין עֶסֶען טַייל עֶס אִיז אַ סַכָּנָה.

מֶען טָאר נִיט אוּנְטֶער שְׁפַּארִין קֵיין כְּלִי מִיט אַ דָבָר מַאֲכָל.

מֶען דַארְף הִיטִין דִי בְּרֶעקְלֶעךְ נִיט אַוֶועק צוּ וַוארְפִין ווייל עֶס שַׁאדֶעט צוּ פַּרְנָסָה.

בַּיי דֶעם עֶסֶען דַארְף מֶען זָאגִין דִבְרֵי תּוֹרָה, דַארוּם אִיז אַ מִנְהָג צוּ זָאגִין אִין עֶסֶען מִזְמוֹר לְדָוִד ה' רוֹעִי וכו'.

עֶס אִיז נִיט גְלַייךְ אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן הוֹיז פַאר דֶעם בֶּענְטְשִׁין, אוֹיבּ מֶען עֶסְט אִין אַ גֶעזֶעלְשַׁאפְט קָאנֶען אֵיינִיגֶע אַרוֹיס גֵיין אוֹיף אַ קוּרְצֶע צַייט וִוי בַּאלְד אַז עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבִּין מֶענְטְשִׁין בַּיי דֶער סְעוּדָה 1). אוֹיבּ בְּעֵת מַאכֶען דִי הַמּוֹצִיא הָאט עֶר גֶעהַאט בְּדֵעָה צוּ גֵיין אִין אַ אַנְדֶער הוֹיז עֲנְדִיגִין דִי סְעוּדָה אוּנ בֶּענְטְשִׁין דַארְטִין מַאג מֶען. דָאס אִיז אַלֶעס גִירֶעדְט אוֹיבּ עֶר גֵייט צוּ אַ סְעוּדַת מִצְוָה אָדֶער עֶר גֵייט צוּ אַזוֹי אַ מִצְוָה וָועלְכֶע עֶר קָאן פַארְזָאמֶען, אָבֶּער גֵיין נִיט אִין אַ מִצְוָה טָאר מֶען נִיט.

## דִינִים פוּן עֶסֶען צוּ־שְׁפַּייז אִין דֶער סְעוּדָה.

אַלֶע זַאכֶען וָואס דֶער דֶרֶךְ אִיז מֶען עֶסְט דָאס צוּם בְּרוֹיט אָדֶער אַ זַאךְ וָואס דֶער דֶרֶךְ אִיז צוּ עֶסֶען אָדֶער צוּ טְרִינְקֶען אִין סְעוּדָה, צבו"ש פִישׁ, פְלֵיישׁ, מִילְכִיגְס־שְׁפֵּייזִין, גְרִיץ, בִּיער, בְּרַאנְפִין, וַואסֶער, דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה נִיט מַאכֶען. בּוֹימְפְרוּכְט רוֹיהֶע אָדֶער גֶעקָאכְטֶע אָדֶער גִיפְרֶעגִילְטֶע, אוֹיבּ מֶען עֶסְט אָהן בְּרוֹיט דַארְף מֶען מַאכֶען אַ בְּרָכָה, אָבֶּער נִיט מַאכֶען קֵיין בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה, ווייל דֶער בֶּענְטְשִׁין פַּטְרְ'ת, דַארוּם דַארְף מֶען אוֹיף קָאמְפָּאט מַאכֶען אַ בְּרָכָה אוּנ קֵיין בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה דַארְף מֶען נִיט מַאכֶען.

אוֹיבּ מֶען אִיז קוֹבֵעַ דִי סְעוּדָה אוֹיף בְּרוֹיט מִיט פֵּירוֹת, צבו"ש מֶען זֶעצְט זִיךְ עֶסֶען חַלָּה אָדֶער בְּרוֹיט מִיט עֶפִּיל צִימֶעס אָדֶער מִיט פְלוֹימֶען, דַארְף מֶען אוֹיף דִי פֵּירוֹת קֵיין בְּרָכָה נִיט מַאכֶען אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר וֶועט אִין מִיטִין עֶסֶען דִי פֵּירוֹת אָהן בְּרוֹיט.



---

1) משום דלקביע קמא הדר.

אויב מֶען הָאט זִיךְ גִּיוָעצְט עֶסֶען אַנְדֶערֶע צוּשְׁפַּייז אוּנ מֶען הָאט אִיהם גֶעבְּרַאכְט פֵּירוֹת אוֹיךְ אוֹיף אַ צוּשְׁפַּייז צוּם בְּרוֹיט, אֲפִילוּ אַז עֶר הָאט פוּן דֶעם גֶעגֶעסֶען מִיט בְּרוֹיט אִיז וָועלְכֶע עֶר עֶסְט אָהְן בְּרוֹיט דַארְף מֶען מַאכֶען אַ בְּרָכָה.

אוֹיף וַויין אִין מִיטִין עֶסֶען דַארְף מֶען מַאכֶען אַ בְּרָכָה אָבֶּער נִיט קֵיין בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה.

אַז מֶען הָאט גֶעטְרוּנְקֶען וַויין פַאר דֶעם עֶסֶען אוּנ מֶען גֵייט בַּאלְד עֶסֶען אוּנ מֶען הָאט גֶעהַאט אִין זִינֶען צוּ טְרִינְקֶען וַויין אִין מִיטִין עֶסֶען אוֹיךְ, אָדֶער וָואוּ דֶער דֶרֶךְ אִיז צוּ טְרִינְקֶען וַויין אִין מִיטִין עֶסֶען, דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה רִאשׁוֹנָה אוֹיךְ נִיט מַאכֶען אוֹיף דִי וַויין פוּן אִין מִיטִין עֶסֶען.

אוֹיף דִי וַויין פוּן פַאר דֶעם עֶסֶען דַארְף מֶען נִיט מַאכֶען קֵיין בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה, וַוייל מֶען גֵייט בַּאלְד עֶסֶען פַּטֶר'ט עֶס מִיט'ן בֶּענְטְשִׁין, אָבֶּער אַ בְּרָכָה רִאשׁוֹנָה דַארְף מֶען מַאכֶען.

אוֹיף אַלֶע מַשְׁקָאוֹת אִין מִיטִין עֶסֶען דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה נִיט מַאכֶען אוֹיסֶער הַייסֶע בְּרַאנְפִּין נָאךְ דֶעם סוֹף עֶסֶען דָאס הֵייסְט פַאר דֶעם בֶּענְטְשִׁין דַארְף מֶען מַאכֶען אַ בְּרָכָה.

עֶס אִיז גְלַייךְ צוּ מַאכֶען אַ בְּרָכָה אִיבֶּער אַ שְׁטִיקִיל צוּקֶער בְּעֵזַאנְדֶער נָאכְהֶער טְרִינְקֶען.

אוֹיב מֶען נֶעמְט אַ בִּיסִיל בְּרַאנְפִּין צוּ פֶערְטְרַייבִּין דִי פֶעטְקַייט פוּן טַייל, דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה נִיט מַאכֶען.

צוּקֶער גִיבֶּעקְס, מַאנְדְלִיל קוּכִין אוּנ דָאס גְלַייכֶען, אוֹיב מֶען עֶסְט דָאס אִין דֶער סְעוּדָה צוּ עֶרְפִילִין דֶעם זַעט, דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה נִיט מַאכֶען. אוֹיב מֶען עֶסְט דָאס פוּן הַתְּעַנוּג וָועגִין, ווילִין אַנְדֶערֶע פּוֹסְקִים הָאבֶּען מֶען זָאל מַאכֶען אַ בְּרָכָה, גְלַייכֶער אִיז אָבֶּער צוּ טְרַאכְטִין בַּיי דֶער הַמּוֹצִיא צוּ פַּטֶרְן אַלֶעס וָואס עֶס וָועט פָארְקוּמֶען אִין דֶער סְעוּדָה, דַארְף מֶען גֶעווִיס קֵיין בְּרָכָה נִיט מַאכִין.

אַלֶע זַאכֶען וָואס מֶען עֶסְט פַאר דֶעם וַואשִׁין זִיךְ אוּנ מֶען וֶועט דָאס עֶסֶען אִין דֶער סְעוּדָה, דַארְף מֶען נִיט מַאכֶען קֵיין בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה פַאר דֶעם עֶסֶען.

## דִינִים פוּן בֶּענְטְשִׁין מִיט אַ מְזוּמָן.

אַז דְרַייא עֶסֶען צוּ זַאמֶען מוּזֶען זֵיי בֶּענְטְשִׁין מִיט אַ מְזוּמָן.

דֶעם וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד מִיט'ן בֶּענְטְשִׁין זָאגְט עֶר נְבָרֵךְ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ אוּנ דִי אִיבֶּערִיגֶע עָנְטְפֶערִין בָּרוּךְ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ.

דָאס אִיז דֶער דִין אַז עֶס עֶסֶען אַ קוֹמְפַּאנְיֶע פוּן צֶעהְן מֶענְטְשִׁין, אָבֶּער אַז צֶעהְן מֶענְטְשִׁין עֶסֶען צוּ זַאמֶען, זָאגְט עֶר נְבָרֵךְ אֱלֹהֵינוּ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ אוּנ דִי אִיבֶּערִיגֶע עָנְטְפֶערִין בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ.

אז צוויי מענטשין עססן צו זאמען אונ איינער קומט אן, איז א מצוה איהם צו געבין טועם זיין אונ ער זאל עסען א כזית אדער טרינקען א רביעית כדי ער זאל מחויב זיין אין ברכה אחרונה, אונ ער ווערט צו געצעלט צו א מזומן.

אויב אין דער מסיבה איז דא א כהן, קומט דעם כהן צו בענטשין.

א אורח קומט איהם מכבד צו זיין מיט בענטשין 1).

אז איינער פון די מסיבה האט אב גיבענטשט איז מען איהם מצרף צום מזומן.

עס איז א חוב דער בענטשער זאל זאגין העכער ביז הזן את הכל. אונ די איבעריגע מענטשין זאלין נאך איהם נאך זאגין ווארט אין ווארט.

די איבעריגע ברכות זאל מען ענדיגען פריער פאר דעם בענטשער כדי צו ענטפערין אמן.

אז איינער פון דיא גינעלשאפט האט גיגעסין מילכיגע קומט איהם צו בענטשין.

עס איז א מצוה צו בענטשין אויף א כוס.

## דינים פון על הנסים, רצה, יעלה ויבא אין בענטשין.

חנוכה אדער פורים אז מען פארגעסט צו זאגין אין בענטשין על הניסים אונ מען דערמאנט זיך אז מען האט געזאגט דעם שם פון על הארץ ועל המזון זאל מען בענטשין פון ווייטער אונ ביי די הרחמן'ס זאגט מען הרחמן הוא יעשה לנו ניסים ונפלאות כמו שעשה לאבותינו בימים ההם בזמן הזה, אונ מען זאגט בימי מתתיהו חנוכה, בימי מרדכי פורים.

אז מען פארגעסט צו זאגין אין בענטשין רצה אדער יעלה ויבוא אונ מען האט זיך דערמאנט ווען מען האט שוין געזאגט דעם שם פון בונה ירושלים, אבער בונה ירושלים האט ער נית געזאגט, זאל ער ענדיגען די ווערטער למדני חקיך אונ זאגין רצה אדער יעלה ויבוא אונ זאגען ובנה אונ ווייטער.

אז ער האט זיך דערמאנט נאך בונה ירושלים אמן זאל ער זאגין ווי דא איז פארגעשריבין, היינו שבת זאל מען זאגען בא"י אמ"ה אשר נתן שבתות למנוחה לעמו ישראל באהבה לאות ולברית בא"י מקדש השבת.

ראש חודש 2) אונ מען האט פארגעסין יעלה ויבוא, זאל מען זאגין בא"י אמ"ה שנתן ר"ח לעמו ישראל לזכרון. נאך דעם ווי מען זאגט אב דיא ברכה זאגט מען פון בא"י אמ"ה האל אבינו אונ ווייטער.

ווען ר"ח איז שבת אונ מען האט פארגעסין רצה מיט יעלה ויבוא דארף מען זאגען בא"י אמ"ה אשר נתן שבתות למנוחה לעמו ישראל באהבה לאות ולזכרון

---

1 אירח ובהן כהן קודם, כהא דאביו אומר השקיני מים. 2) שו"ע סימן קפ"ח חוה"מ דינו כר"ח ע"ש בס"ב.

ולזכרון בא״י מקדש השבת וישראל וראשי חדשים, אונ מען זאגט ווייטער פון בא״י אמ״ה האל אבינו אונ ווייטער ביז סוף.

יום טוב אז מען פארגעסט יעלה ויבוא אונ מען האט זיך דערמאנט אז מען האט שוין געזאגט בונה ירושלים, זאגט מען בא״י אמ״ה אשר נתן ימים טובים לעמו ישראל לששון ולשמחה את יום חג (פלוני) בא״י מקדש ישראל והזמנים, אונ מען ענדיגט בענטשין פון בא״י אמ״ה האל אבינו ביז סוף.

יום טוב אונ שבת אז מען האט פארגעסין צו זאגין רצה מיט יעו״י אונ מען האט זיך דערמאנט ווען מען האט שוין געזאגט בונה ירושלים, זאגט מען בא״י אמ״ה אשר נתן שבתות למנוחה לעמו ישראל באהבה לאות ולברית וימים טובים 1) לששון ולשמחה את יום חג (פלוני) בא״י מקדש השבת וישראל והזמנים אונ מען ענדיגט בענטשין פון בא״י אמ״ה האל אבינו ביז סוף.

חול המועד אז מען פארגעסט יעלה ויבוא אונ מען האט זיך דערמאנט ווען מען האט שוין געזאגט בונה ירושלים, זאגט מען בא״י אמ״ה שנתן מועדים לעמו ישראל לששון ולשמחה, מער ניט, אונ מען זאגט ווייטער פון האל אבינו ביז ענדע.

שבת חול המועד אונ מען פארגעסט רצה מיט יעלה ויבוא אונ מען האט זיך דערמאנט נאך בונה ירושלים, זאגט מען בא״י אמ״ה אשר נתן שבתות למנוחה לעמו ישראל באהבה לאות ולברית ומועדים לששון ולשמחה בא״י מקדש השבת וישראל והזמנים.

ראש השנה אז מען פארגעסט יעלה ויבוא אונ מען האט זיך דערמאנט נאך בונה ירושלים, זאגט מען בא״י אמ״ה אשר נתן ימים טובים לעמו ישראל את יום הזכרון הזה, אונ מען ענדיגט פון בא״י אמ״ה האל אבינו ביז סוף.

שבת ראש השנה אונ מען האט פארגעסין רצה מיט יעלה ויבוא, זאגט מען בא״י אמ״ה אשר נתן שבתות למנוחה לעמו ישראל באהבה לאות ולברית וימים טובים את יום הזכרון הזה בא״י מקדש השבת וישראל ויום הזכרון.

אויב ער האט זיך דערמאנט ווען ער האט שוין אנגעהאנגען די ברכה פון האל אבינו 2) מוז מען איבער בענטשין, נור שבת צו שלש סעודות דארף מען ניט איבער בענטשין 3).

אז מען זעצט זיך עסען שלש סעודות אונ מען ציהט אריין אין

די

1) ובחוה״מ ומועדים לששון ולשמחה בא״י וכו׳. 2) אויב ער האט מער ניט געזאגט מיט דעם שם פון האל אבינו זאל ער זאגין אשר נתן ווי אויבין שטייט נאך יעדער צייט דהיינו שבת ראש חודש, יום טוב, חוה״מ, ראש השנה, אבער בא״י אמ״ה דארף מען ניט זאגען [וויל ער האט דאך שוין געזאגט באמ״ה] אונ זאגט בא״י אמ״ה האל אבינו ביז סוף. 3) משום דסעודה שלישית אינו חייב ד.קא בפת.

די נאכט און מען האט נאך ניט געדאוונט מעריב, זאל מען זאגן רצה אין בענטשין.

דאס גלייבען אז די סעודת ראש חודש ציהט זיך אריין אין דיא נאכט וואס איז שוין מעהר ניט ראש חודש, דארף מען זאגען יעלה ויבוא, און חנוכה על הנסים

אבער פורים ווי דער דרך איז אז עס ציהט זיך אריין די סעודת אין די נאכט און מען האט נאך געוועהנליך ניט געדאוונט קיין מעריב דארף מען אין בענטשין זאגין על הניסים, נור ווי געוועהנליך האט דאך יעדער ירא שמים פארלייבט פאר געכט ער דאוונען מעריב איבער די טרדה פון סעודת פורים דאווענט מען מעריב אין מיטין סעודה, דארף מען קיין על הניסים ניט זאגען אין בענטשין.

אז מען האט א ספק אויב מען האט געבענטשט, דארף מען בענטשין. דער זעלבער דין איז אויב עס איז א ספק צו מען האט געזאגט ברכות התורה, דארף מען זאגין ברכת התורה, אבער אנדערע ברכות אז עס איז א ספק אויב מען האט געמאכט, דארף מען ניט איבער מאכען די ברכה 1) אבער א אשה דארף פון ספק וועגען ניט איבער מאכען קיין ברכה אפילו אויב עס איז איהר א ספק אויב זיא האט געבענטשט, דארף זיא ניט איבער בענטשין.

## דינים פון ברכות נאך דעם אלף בית נאך.

(אגרעסין) צייטיגע מאכט מען בורא פרי העץ. געפרעגעלטע אפילו אונצייטיגע אויך בורא פרי העץ. געפרעגעלטע צוריבענע אויב עס איז קאנטיג איז בורא פרי העץ, אויב עס איז ניט קאנטיג קיין אגרעסין מאכט מען שהכל.

די זאפט פון אגרעסין אדער די יוך פון געקאכטע אגרעסין מאכט מען שהכל. פיל גלייבער איז צו טראכטין בעת מען מאכט די ברכה אויף די פרי צו פטר'ן די יוך אויך.

אויב מען עסט די יוך צו זאמען מיט די אגרעסין דארף מען אויף די יוך ניט מאכען קיין בעזונדערע ברכה.

געשניטענע קלעצלעך פון אגרעסין מאכט מען שהכל.

(אונצייטיגע) פרוכט וועלכע מען קאן ניי עסען רויערהייט איז די ברכה בורא פרי העץ 2). אויף רויהע אדער געקאכטע געבאקענע אדער געפרעגעלטע אבער די וועלכע גאר ווייניג מענשין עסען דאס, איז דיא ברכת שהכל, און אויף געפרעגעלטע בורא פרי העץ. אויב מען האן ניי רויערהייט בשום

אייבן

1) משום דספק ברכות להקל. 2) משום דהגיע לעונת המעשרות.

אויפן ניט עסען, איז אויף רויהע גאָ־ ניטאָ קיין ברכה און אויב מען פרעגילט זיי מאכט מען שהכל.

שהחיינו מאכט מען ניט אויף אונצייטיגע פרוכט.

**אוגערקעס** זיסע אדער זויערע מאכט מען בורא פרי האדמה, אויף זיסע מאכט מען שהחיינו. די ראסיל פון די אוגערקעס אויב מען עסט צוזאמען מיט די אוגערקעס איז מען יוצא מיט די ברכה פון די אוגערקעס. אויב מען זופט די ראסיל אליין מאכט מען שהכל 1).

אויף זיסע אוגערקעס אין עסען אז מען עסט זיי אליין מאכט מען א ברכה, אויב מען ניצט זיי נור פאר א צו־שפייז, דהיינו מען עסט ברויט אדער פלייש מיט זיסע אוגערקעס, דארף מען אויף די אוגערקע קיין ברכה ניט מאכען.

אויף זויערע אוגערקעס אין עסען דארף מען אויף זייא ניט מאכען קיין ברכה.

דיא ברכה אחרונה פון אוגערקעס אדער פון דיא יוך פון אוגערקעס איז בורא נפשות.

**איילבירטין** מאכט מען בורא פרי העץ. דיא ברכה אחרונה איז על העץ.

אונצייטיגע איילבערטין מאכט מען בורא פרי האדמה 2).

איילבערטין וועלכע מען קאן זיי עסען בדוחק אדער זייא ווייגען שטארק ביטער אדער הייליג, איז אויף דעם ניטא קיין ברכה.

אויף געזאלציגע איילבערטין מאכט מען בורא פרי העץ.

אז מען עסט געזאלצענע איילבערטין פאר דעם עסען דארף מען קיין ברכה אחרונה ניט מאכען ווייל דאס איז נור צום אפעטיט. און אז מען עסט זייא אין מיטין דער סעודה דארף מען אויף זייא קיין ברכה ראשונה אויך ניט מאכען. (מג"א קע"ד י"א)

**איינגעמאכץ** פון ערד פרוכט דהיינו ריבין, בוריקעס, רעטעך, איז דיא ברכה בורא פרי האדמה. איינגעמאכץ פון ווארצלען וועלכע וואקסין אין די לאנקעס, צב"ש גיפרעגילטע איער ווארציל מאכט מען שהכל.

אויב מען עסט איינגעמאכץ אין מיטין עסען אהן ברויט מאכט מען א ברכה ראשונה און ניט קיין ברכה אחרונה, אויב מען עסט מיט ברויט מאכט מען קיין ברכה ראשונה אויך ניט.

**אינגבער** פיכטע מאכט מען בורא פרי האדמה. גיפרעגילטע אינגבער אפילו טרוקענע איז אויך בורא פרי האדמה.

---

1) רמב"ם ורשב"א ולהרא"ש בפה"א, והח"א מחלק בין מנהג המקום לאכול הירק בלחם.

2) די ב"א אויף אונצייטיגע איז א ספק ווי צו מאכען דארום א־ע־ מען זאל זיי עסען אין א סעודה אדער מוציא זיין די ברכה אחרונה זאל מען עסען פון די וועלכע די ב"א איז על העץ און ב"נ.

אינגבערלעך מאכט מען בורא פרי האדמה. אינגבערלעך מיט מעהל אדער מיט מצה מעהל ווי מען מאכט אויף פסח, מאכט מען די ברכה בורא מיני מזונות. אז מען עסט א כזית מאכט מען א ברכה אחרונה.

אייל אלע סארטין מאכט מען שהכל. אייער שהכל. אפילו רויהע אייער אויך שהכל.

אייערבייגיל בורא מיני מזונות.

איילקיכלעך בורא מיני מזונות. אז מען עסט א כזית דאס איז וויא האלבע איי די גרויס, מאכט מען א ברכה אחרונה על המחיה.

אזוב מאכט מען ניט קיין ברכה טייל דאס איז ביטער אונ עס ווערט נור גענוצט אויף א רפואה.

אויב מען שמעקט דאס מאכט מען בא"י אמ"ה בורא עשבי בשמים.

ארבעס טרוקענע רויהע מאכט מען שהכל, געקאכטע מאכט מען בורא פרי האדמה. אפילו אויף די יוך פון ארבעס מאכט מען אויך בפה"א. פרישע גרינע א־בעס אויך בורא פרי האדמה.

אויף די שויטין אהן די ארבעס מאכט מען שהכל. אז מען עסט דיא שויטין מיט די ארבעס איז מען יוצא מיט די ברכה פון די ארבעס.

ארבעסענע קאמעס, ד"ה צוריבענע ארבעס, אויב די ארבעס איז קאנטיג מאכט מען בורא פרי האדמה אונ אויב עס איז ניט קאנטיג מאכט מען שהכל 1).

דיא ברכה אחרונה פון אלע מיני ארבעס אונ פון דיא יוך איז בורא נפשות.

אתרוג גיפרעגילטע בורא פרי העץ 2). די ברכה אחרונה איז בורא נפשות. רויהע אתרוג טייל עס איז ניט דער דרך צו עסען, איז אויף דעם גישא קיין ברכה.

דעם כלל זאל מען האלטען צו געדיינקען אז א ברכה אחרונה איז מען מחויב צו מאכען נור ווען מען עסט א כזית 3) אונ מען טרינקט א רביעית 4), דארום האבען מיר ניט נייטיג צו דער מאנען דעם שיעור פון מאכען א ברכה אחרונה.

אויך היטין מיר ניט צו שרייבען וואס פאר א ברכה אחרונה מען דארף מאכען אויף יעדער מין נוייל מיר פערלאזין זיך אויף די כללים וואס מיר האבין אב גישטעלט ווען מען מאכט בורא נפשות אונ ווען מען מאכט דיא לאנגע ברכה.

---

1) ודוקא שנתמעך דרך כלי מנוקב. 2) פמ"א, משום דנטעם למצות ולהרקחה ונאכלין בשהן מבושלין, כן ידעתי מבקיאים בזה. ובספר ברכת מנחם הביא בשם הגאון נצי"ב ז"ל שהכל, ע"ש. 3) בכדא"פ. 4) כדי שיעור שתיית רביעית וכדביארנו מקודם.

## ב

בָּאבּ הָאט דֶעם זֶעלְבֶּען דִין וִוי אַרְבֶּעס אִין אַלֶעם.

אויף דִי שְׁטְרוּצֶעס פוּן בָּאבּ מאכְט מֶען נִיט קֵיין בְּרָכָה ווייל עֶס אִיז נִיט דֶער דֶרֶךְ צוּ עֶסֶען.

אויף בָּאבּ יוֹךְ דֶער וָואס הָאט פִין דֶעם הֲנָאָה מאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל 1)

רֶעבֶּלֶעךְ גֶעקָאכְטֶע מאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה. דִי יוֹךְ פוּן בֶּעבֶּלֶעךְ גֶעקָאכְטֶע אויךְ בפה"א. רוֹיהֶע בֶּעבֶּלֶעךְ אִיז נִיט דֶער דֶרֶךְ צוּ עֶסֶען, נוּר אַז אֵיינֶער עֶסְט מאכְט עֶר שֶׁהַכֹּל.

בָּאטְווִינֶע פוּן בּוּרִיקֶעס גֶעזֵייעֶרְטֶע אֲפִילוּ נִיט קֵיין גֶעקָאכְטֶע, אָדֶער נִיט קֵיין גֶעזֵייעֶרְטֶע נוּר גֶעקָאכְטֶע אֲפִילוּ שִׁיטֶערֶע אִיז דִי בְּרָכָה בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה.

בָּארְשְׁט פוּן רֶעהל מִיט קְלֵייעֶן מאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל. אֲפִילוּ אַז מֶען קָאכְט דֶעם בָּארְשְׁט מִיט בָּאטְווִינֶע אָדֶער מִיט בּוּרִיקֶעס אָדֶער מִיט קְרוֹיט אוּנ מֶען זוּפְּט דָאס אָהן בְּרוֹיט מאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, נוּר אויף דִי בּוּרִיקֶעס אָדֶער דִי קְרוֹיט מאכְט מֶען בֶּעזָאנְדֶער בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה.

אַז מֶען זוּפְּט דָאס מִיט דִיא קְרוֹיט אָדֶער מִיט דִיא בּוּרִיקֶעס דַארְף מֶען אויף דֶעם בָּארְשְׁט נִיט מאכֶען קֵיין בֶּעזָאנְדֶערֶע בְּרָכָה.

בָּארְשְׁט וָואס מֶען מאכְט פוּן בּוּרִיקֶעס וָואס מֶען רוּפְט דָאס קְוָואס. אויב מֶען זוּפְּט דָאס בֶּעזָאנְדֶער מאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל. (פמ"ג ר"ב ד"ה).

בָּארְשְׁט פוּן קָארְשִׁין אויב מֶען זוּפְּט בֶּעזוּנְדֶער מאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל, אויב מִיט דִי קָארְשִׁין אִיז מֶען יוֹצֵא מִיט דִי בְּרָכָה פוּן דִי קָארְשִׁין.

דִיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה פוּן אַלֶע מִינֵי בָּארְשְׁט אויב מֶען טְרִינְקְט אַ רְבִיעִית מאכְט מֶען בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת

בּוּרִיקֶעס גֶעזֵייעֶרְטֶע אֲפִילוּ רוֹיהֶע אָדֶער זִיסֶע גֶעקָאכְטֶע אֲפִילוּ צוּהַאקְט גָאנְץ רִיעֶן מאכְט מֶען בפה"א. דִי שִׁיטֶערֶע פוּן בּוּרִיקֶעס אויב עֶס אִיז פֶעט אוּנ גֶעדִיכְט פוּן דִי בּוּרִיקֶעס אויב מֶען זוּפְּט דִי יוֹךְ מאכְט מֶען אויף דִי יוֹךְ בפה"א אַז מֶען זוּפְּט מִיט דִי בּוּרִיקֶעס דַארְף מֶען קֵיין בֶּעזָאנְדֶערֶע בְּרָכָה נִיט מאכֶען אויף דִי יוֹךְ.

בַּארְנֶעס רוֹיהֶע אָדֶער גֶעקָאכְטֶע בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ.

הָאקְשָׁארִין צֵייטִיגֶע מאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ. אויף אוּנְצֵייטִיגֶע וָועלְכֶע אִיז רָאוּי צוּם עֶסֶען מאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה.

בְּרִיזְקָווֶע רוֹיהֶע אָדֶער גֶעקָאכְטֶע בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה. דִיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת.

ברושניצעס

---

1) כיון דאית ליה הנאה מניה בעי ברוכי.

ברושניצעס רויהע אדער אבגעטארעכטע דורך געקוועצט דורך א שיסקע מאכט מען בורא פרי האדמה.

בוימאייל, אז מען טרינקט דאס פון א רפואה וועגן געמישט מיט משקה אפילו אז די משקה איז מעהר פאר דיא בוימאייל מאכט מען בורא פרי העץ. אויב דער עיקר איז ווייל מען וויל טרינקען די משקה צב"ש ווי דער דרך איז צו נעמען בוימאייל אויף בראנפין אונ מען וויל טרינקען די בראנפין מאכט מען די ברכה אויף די משקה. הוילע בוימאייל איז מזיק צו טרינקען איז אויף דעם ניטא קיין ברכה.

בלינעס פון ארבעסענע מעהל אדער פון רעצקענע מעהל מאכט מען שהכל. די ברכה אחרונה איז בורא נפשות. אז עס איז צו גישאטין מעהל פון די פינף מינים, אויב מען שיט צו פון שטייפקייט וועגן מאכט מען שהכל, אויב פון טעם וועגן מאכט מען בורא מיני מזונות. אויב זיי זיינען גרעבלעך אונ מיט ווייניג פעטקייט טאר מען זיי גיט עסען אהן געוואשין, דארף מען זיך וואשין אונ מאכען המוציא אויף א אנדער זאך.

אויב אפילו ניט דיען געבאקען נור מיט פעטס אויב די פעטס איז מעהר ווי טאסער איז אויך בורא מיני מזונות, נור די ברכה אחרונה איז בורא נפשות, אויב עס איז צו גישאטין א אבטיל טהייל מעהל פון די פינף מינים דהיינו מען האט אריין גישאטין פיער לויט מעהל ווייציגע אין אכט אונ צוואנציג לויט פון די מעהל, מאכט מען בורא מיני מזונות. אונ דיא ברכה אחרונה על המחיה מאכט מען אויב מען האט גיגעסין אכט כביתים וואס דאס איז ווי פיער אייער גרוים אין צייט ביז ניין מינוט.

בלינצעס מילכיגע אדער פליישיגע פון ווייצין מעהל אדער נור פון דיא פינף מינים מאכט מען בורא מיני מזונות אונ על המחיה. אויב גרעבלעך אונ ווייניג פעטקייט טאר מען זיי ניט עסען אהן געוואשין.

ברויט פון קארין, ווייץ, גערשטין, האבער, ארקוס, דארף מען זיך וואשין אונ בענטשין.

ברויט פון ארבעס, רעצקע, רייז, הירז, מאכט מען שהכל, אונ דיא ברכה אחרונה בורא נפשות.

אויב עס איז צו געשאטין א אבטיל מעהל פון די פינף מינים מאכט מען המוציא. אויב מען עסט ווי פיער אייער גרוים אין צייט ביז ניין מינוט, דארף מען בענטשין אויך. (שו"ע ר"ח סק"ט). אויב עס איז צוגעשאטין ווייניגער ווי איין אבטיל מאכט מען המוציא אונ די ברכה אחרונה על המחיה אפילו אז ער עסט אסך, (ילהנר"א ב"ג).

ברויט אדער חלה געקאכטע אדער גיפרעגילטע אפילו צו ברעקילט אונ צו מישט מיט אייער אדער מיט פוטער אדער מיט שמאלץ אדער מיט האניג

אונ

און דערנאך געקאכט נור אז עס איז גיוועען פאר דעם און נאכדעם יעדער שטיקיל א כזית הייסט עס ברויט און דאס האט דעם דין ווי ברויט. אבער אז עס איז נאר אויף געקוואלין געוואָרין. אבער אין אמת האלט ניט יעדער שטיקיל א כזית, מאכט מען בורא מיני מזונות. און על המחיה.

אז מען ווייקט ברויט אין בראנפין אדער אין ביער אדער אין רויטע וויין נו"מ אז יעדע שטיקיל איז גרויס א כזית האט דאס א דין ווי ברויט אין אלעם. אויב עס האלט ווייניגער ווי א כזית יעדע שטיקיל האט דאס א דין פון מזונות.

בראנפין, ביער אלע סארטין מאכט מען שהכל. בראנפין אויף קארשין אדער אויף יאגדעס איז די ברכה שהכל אפילו אויף די קארשין. און די ברכה אחרונה איז בורא נפשות.

בראנפין אדער ביער אין עסען דארף מען קיין ברכה ניט מאכען.

## ג.

גאליערט, דאס איז געקאכטע פארעצקעס געשניטין אין פלעצלעך, דאס ווערט גערופין פאווידלא מאכט מען שהכל.

גריבענעס, שהכל. גריץ, גרויפין, פון דיא פינף מינים, קאריגע, ווייצינע, האבערנע, גערשטענע, ארקוסינע, מאכט מען בורא מיני מזונות און על המחיה. אויב עס איז ניט צוקאכט און די קערנער ליגען גאנץ מאכט מען בורא פרי האדמה און די ברכה אחרונה בורא נפשות. (מ"ב רח)

אויף די יוך פון דיא פינף מינים אויך בורא מיני מזונות נור דיא ברכה אחרונה איז בורא נפשות.

גערשטין וואסער וואס מען קאכט פאר א חולה מאכט מען שהכל.

גריץ פון די פינף מינים מיט קארטאפיל, אויב די קארטאפיל איז קאנטיג מאכט מען מזונות מיט בורא פרי האדמה, טוהט מען אזוי מען מאכט מזונות און מען פערזוכט די גריץ דער נאך מאכט מען בורא פרי האדמה איבער דיא קארטאפיל, אויב די קארטאפיל איז צו ריבין 1) מאכט מען ניט איבער דיא קארטאפיל א בעזאנדערע ברכה.

דער זעלבער דין איז אז מען קאכט פון די מינים לאקשין אדער פארפיל מיט די זאכען וואס מען מאכט בורא פרי האדמה, דהיינו ארבעס. בעבלעך, באב, און דאס גלייכען.

גרייפליך רעצקענע דיען ווי מעהל מאכט מען שהכל, דיא ברכה אחרונה בורא נפשות.

גרויפין רעצקענע, בורא פרי האדמה, אפילו געריבטע גרויפין נור אז עס

איז

1) ולחוש לדעת הח"א, למעך לבתחלה הטגל, עי' מ"ב בהל'.

איז וואסער מעהר ווי גרויפּין מאכט מען שהכל. הויב געקאכט מיט קארטאפיל איז די ברכה בורא פרי האדמה אויף ביידע, אויב די קארטאפיל איז נים קאנטיג אונ די וואסער איז מעהר איז אלעס שהכל.

דער נעלבער דין איז אויף גרויפּנס וואס מען מאכט מזונות, נור אז דיא גרויפּין איז קאנטיג מאכט מען דאך בורא פרי האדמה, אונ אויב די יוך איז מעהר מאכט מען שהכל.

## ד.

דורא (ראס איז א געטריידע אין ארץ ישראל) געבאליגע געבאכט געקעכץ אדער גיפּעקס מאכט מען שהכל.

דודאים (אין ארץ ישראל עסט מען דאס) האט דעם זעלבען דין ווי אוב.

## ה.

האניג פון בינשטאק אפילו פון טייטלען אדער געמאכט פון קארטאפיל מאכט מען שהכל.

הירז געקאכטע בורא פרי האדמה, די ברכה אחרונה בורא נפשות. אויב די הירז איז צו קאכט מאכט מען שהכל.

הערינג אלע סארטין שהכל, די ברכה אחרונה בורא נפשות.

המן־טאשין געקאכטע בורא פרי האדמה. די ברכה אחרונה בורא נפשות.

המן־טאשין געקנאטין אויף מעהר טאסער וויא אייער אדער מילך אדער פּוטער אדער שמאלץ האט דאס א דין ווי נור חלה, אבער אויב עס איז גיקנאטין אויף מעהר אייער אדער פּוטער אדער מילך אדער שמאלץ מאכט מען בורא מיני מזונות, אונ על המחיה.

המן־טאשין זעלבע אפילו גיקנאטין נור מיט טאסער אבער דין גיוועלגערט אונ אנגעפילט מיט פיל מאהן, אדער ווי מען פילט מיט קעז אדער מיט פלייש פיי מיט מאהן סיי אהן מאהן מאכט מען בורא מיני מזונות אונ על המחיה, אפילו אויף די המן־טאשין וואס מען מאכט על המחיה נור אז מען עסט דאס פיא אנדערע ווערין זאט, דארף מען זיך וואשין אונ מאכען המוציא אונ בענטשין.

## ו.

וואורשט אלע סארטין שהכל. אז מען עסט א כזית מאכט מען בורא נפשות.

וואסער מאכט מען שהכל, אז מען טרינקט א רביעית מאכט מען בורא נפשות. אויב מען טרינקט אראב צושלינגען א ביסין מאכט מען נים קיין ברכה, אויב מען וויל א טרונק מאכט מען יא א ברכה.

וואלדעפיל

וואלד־עפיל, וואלד־בארנעס, אפילו געקאכטע מאכט מען שהכל.

טערים־קרויט געקאכטע אדער צו געריבטע מיט האניג מאכט מען שהכל.

ווינפערלעך מאכט מען בורא פרי העץ. אויף די יוך מאכט מען שהכל.

ווינטרויבין ציטינע בורא פרי העץ. אז מען עסט א כזית מאכט מען די ברכה אחרונה על העץ,

אונציטיגע ווינטרויבין מאכט מען בפה"א און די ברכה אחרונה בורא נפשות.

ווין אפילו געקאכטע מאכט מען בורא פרי הגפן, און די ברכה אחרונה על הגפן, אפילו צו גירינטע ווין מיט בשמים איז אויך די זעלבע.

אויף קידוש איז דער רעכט ניט צו גיטצין צו געריבטע ווין מיט בשמים.

דער רעכט איז מען זאל אויסטרינקען דעם גאנצין רביעית כדי צו מאכין א ברכה אחרונה. אויב עס גיפאלט איהם שווער צו טרינקען דעם גאנצין רביעית זאל ער טרינקען א דריטיל רביעית 1) און עסען א כזית מזונות און מאכען על המחיה און זאגין על הגפן ווי עס איז דער דין אז מען עסט מזונות און מען טרינקט ווין מאכט מען על המחיה און מען זאגט על הגפן און די לאנגע ברכה.

נאך קידוש אז מען גייט באלד עסען דארף מען ניט מאכען קיין ברכה אחרונה. אפילו אז מען בייסט צו נאך קידוש. נור אז מען גייט באלד עסען דארף מען ניט מאכען קיין ברכה אחרונה.

ז.

זורעווינעס האט איין דין ווי ברושניצעס.

זויערמילך, זוימען־וואסער, זאלץ־וואסער שהכל.

ח.

חריין צוגעריבטע שהכל. איינגעמאכץ פון חריין בורא פרי האדמה. די ברכה אחרונה בורא נפשות.

חרעמזלעך מאכט מען בורא מיני מזונות און על המחיה, אויב מען קנעט זיי מיט הייסע וואסער און מען באקט זיי נאכהער, וואשט מען זיך און מען מאכט המוציא און בענטשין. (מ"ב קס"ח י"ח ע"ש)



1) משום די"א דהשיעור בכזית היא חצי ביצה.

## ט.

טיי. קאפע שהכל, אז מען טרינקט ענדע עסען זאל מען מאכען שהכל איבער א שטיקיל צוקער אונ צוקייען אינ טראכטין צו פטרן די טיי אדער דיא קאפע (מ"ב), ווייל די צוקער האט די ברכה שהכל און טיי, דארום איז א טעות וואס די וועלט איז זיך נוהג איין צו טונקען די שטיקיל צוקער אין די טיי אז די צוקער איז אויך שהכל 1).

ווענין א ברכה אחרונה אויף טיי איז דער רעכט צו טרינקען די לעצטע גלאז ניט קיין הייסע דארף מען געווים מאכען א ברכה אחרונה 2).

טייטלען אפילו צוריבענע אונ צוקוועטשטע ווי טייג מאכט מען בורא פרי העץ אונ די ברכה אחרונה על העץ. אויף געקאכטע אינ צוריבענע מאכט מען אויך בורא פרי העץ (מ"ב ר"ב ז').

אויף די יוך פון געקאכטע טייטלען מאכט מען שהכל. אויב מען טרינקט דיא יוך צוזאמען מיט דיא טייטלען דארף מען אויף דיא יוך ניט מאכען קיין בעזונדערע ברכה.

אין עסען דארף מען אויף טייטלען ניט מאכען קיין ברכה טייל דאס זעטיגט איז מען יוצא מיט די ברכה פון עסען.

טרושקאווקעס, דאס איז אזא מין פאזימקעס גרויסע, איז דיא ברכה בורא פרי האדמה.

## י.

יאגדים שווארצע בורא פרי העץ. יאגדעס קוואס שהכל, גיפרעגעלטע שווארצע יאגדעס אויב עס איז קאנטיג די יאגדעס מאכט מען בורא פרי העץ. אויב די יאגדעס איז ניט קאנטיג מאכט מען שהכל.

## ל.

לאקשין פון מעהל פון די פינף מינים מאכט מען בורא מיני מזונות אונ על המחיה. אויף די יוך דארף מען קיין בעזונדערע ברכה ניט מאכען.

יוך פון אבגעקאכטע קוגיל לאקשין מאכט מען שהכל. מען דארף דאס זופין ווייניגער ווי א רביעית מען זאל ניט מחויב ווערין אין ברכה אחרונה 3).

אויב עס איז גיקנאטין פון 4/5 פיל מעהל וואס האלט א שיעור חלה, אפילו אויב עס איז גיקנאטין מיט אייער דארף מען נעמען חלה אהן א ברכה.

לאקשין וועלכע עס ווערט געמאכט פון אייער מיט שמאלין אדער פון קארטאפיל מאכט מען שהכל.

---

1) ולא עוד משום חשש מיבולו במשקה להזהר בזה, 2) הרבה יש לפלפל בזה וידעתי מכמה גדולי זמננו שעושים ב"א על טיי וכן ראיתי נהג הגאון ר' אלי' דוד התונה כעת באה"ק.
3) יש ספק בהב"א אם עה"ב אי ב"ע, רמב"ם ורשב"ם והרא"ש כנודע.

לעקעך פון ווייצינע אדער קארינע מעהל מאכט בורא מיני מזונות און על המחיה, אויב מען באקט לעקעך פון דריי קווארט מעהל דארף מען נעמען פון די טייג חלה מיט א ברכה.

צוקער־לעקעך מאכט מען בורא מיני מזונות און על המחיה, אויב עס איז געבאקין פון דריי קווארט מעהל דארף מען נעמען חלה נאך דעם באקין אהן א ברכה.

לינדזין האט דעם זעלבען דין ווי ארבעס.

לאקריץ, לאקריץ וואסער שהכל, די ברכה אחרונה בורא נפשות.

## מ.

מאנדלען גיפרעגילטע איז אויף אלע סארטין בורא פרי העץ. רויהע מאנדלען גרויסע זיסע מאכט מען בורא פרי העץ. קליינע ניסע שהכל. מאנדלען קליינע ביטערע בורא פרי העץ, גרויסע ביטערע אהן א ברכה.

מאנדלען גיפרעגילטע אפילו מיט א סך צוקער ארום, בורא פרי העץ. מאנדיל מילך שהכל. מאנדלען צוגעריבטע מיט מעהל פון די פינף מינים, ווייא מען ריכט צו פאר א קראנקען צו קרעפטיגען מאכט מען בורא מיני מזונות. אויב צו געריבט גאנץ שיטער ווי צו טרינקען שהכל.

מאלינעס רויהע בורא פרי העץ. גיפרעגילטע אויב עס איז קאנטיג אויך בורא פרי העץ. אויף די סאק פון מאלינעס שהכל.

מערין רויהע אדער געקאכטע בורא פרי האדמה.

מאן אפילו צושטויסענע אדער גיפרעגילטע מיט האניג בורא פרי האדמה.

מאנין־פולווער פון אינגבער אדער פון פעפער אדער געגעלעך אפילו מיט צוקער בפה"א.

מילגרוימען מאכט מען בורא פרי העץ. די ברכה אחרונה על העץ.

מולטא. מאלאקנא, דאס איז האבערנע מעל מיט וואסער, געריבט בורא מיני מזונות, שיטער שהכל.

מושקאט־נים בורא פרי העץ, די ברכה אחרונה בורא נפשות.

מילכינם אלע סארטין צום עסען אדער צום טרינקען שהכל.

מילכינע גיבעקס אויב מעהר מילך אדער פוטער וויא וואסער איז בורא מיני מזונות, אויב מען עסט פון דעם ווי גיוויינליך א סעודה 1) וואשט מען זיך און מען מאכט המוציא און מען בענטשט. דער זעלבער דין איז אויך אלע

1) סי' נ"ד סק"ד הגר"א, עי' שו"ע קס"ח סק"ו, מ"מ יש לחוש שלא לאכול שיעור ד' ביצים ע"ש במ"ב.

גיבאקען וואס מען מאכט מזונות, און מען עסט ווייא געוועהנליך צו זאט, אויב ער האט א כוונה געגעסען און האט זיך מישב געוועזען צו עסען צו זאט, דארף ער פריער מאכען על המחיה נאכהער וואשין זיך און מאכען המוציא, און אויב ער וועט עסען מעהר וויא פיר אייער גרוים, דארף ער בענטשין אויך, אויב ער וועט דעם צווייטען מאהל עסען נים מעהר וויא פיר אייער גרוים, הגם צו זאמען וועט זיין דער שיעור פון א סעודה דארף ער נור בענטשין אבער נים וואשין זיך און נים מאכען קיין המוציא.

מאקאראנקעס פון צוקער מיט מאנדלען אפילו מיט אביסיל מעהל שהכל 1), דארום איז דער רעכט מען זאל פריער פרעגין אויף מאקאראנקעס ווי זיי זיינען געמאכט.

מצה פארפילעך גיקאכטע אדער גיפרעגילטע מאכט מען בורא מיני מזונות, אויב פאר דעם קאכען אדער פאר דעם פרעגלען האלט עס א כזית צב"ש ווי דער דרך איז אריין צו לייגין מצה אין דיא פיש יוך דארף מען זיך וואשין און מאכען המוציא און בענטשין.

שטיקלעך מצה קלענער וויא א כזית אז ער האט זייא גיפרעגילט אדער געקאכט אפילו אז זיי זיינען אנגעהוואלין געווארין אדער צו זאמען געקלעפט געווארין גרוים ווי א כזית מאכט מען בורא מיני מזונות און על המחיה. מצה פארפלעך וואס מען שיט אריין אין א שיסיל אפילו הייסע טאר מען נים עסען אהן געוואשין סיידין זיי זאלין נוט צווייקט ווערין.

טייג פון מצה מעהל רויהע טאר מען נים עסען אהן געוואשין. אין דער זאך ווערין נכשל פיל מענטשין נים ווימענדיג בעת מען מאכט דיא האלקעס עסט מען פון דעם רויעהייד אן געוואשין.

געלע מצה גילייגט מיט קעז מאכט מען המוציא.

מצה מעהל טרוקענע מאכט מען המוציא און אויב מען עסט א כזית דארף מען זיך וואשין און בענטשין.

מלינצעס, בלינצעס בורא מיני מזונות און על המחיה.

מאנע גריץ אדער קאשע פון ווייץ בורא מיני מזונות. פון רעצקי שהכל.

מיילך'ס גרייפלעך אדער קאשע שהכל.

ג.

נים אפילו קליינע נור צייטיגע מאכט מען די ברכה בורא פרי העץ. גרינגע אונצייטיגע אפילו גיפרעגילטע מאכט מען שהכל.

אז מען האט נור איין נוס זאל מען פריער עפינען דעם נוס נאכהער מאכען

1) משום דהקמח אינו אלא לדבק.

מאכען די ברכה, טייל פיליכט געפינט ער א יאדרע וועלכע איז ניט ראוי לברכה וועט ער דאך מאכען א ברכה לבטלה.

גיפלעך אלע סארטין נור מיט דעם נאמען גים איז דיא ברכה בורא פרי העץ.

גענגעלעך צוריבענע מיט צוקער מאכט מען בורא פרי האדמה.

## ס.

סערדינקעס שהכל. סאק פון אלע מיני פרוכט שהכל. סמעטינע שהכל.

## ע.

עסיג שהכל, אויב עס איז גאנץ שטארק וועלכע עס איז אומעגליך צו טרינקען איז ניטא קיין ברכה.

עפיל, עפילציטעס אפילו גאר צוריבענע מאכט מען בורא פרי העץ. עפיל־קוואס שהכל.

## פ.

פאמעראנצין, אין אנדערע ערטער הייסט דאס מיט דעם נאמען עפילציגעס, בורא פרי העץ.

פאמעראנצין שאלעכץ גיפרעגילטע בורא פרי העץ 1). די ברכה אחרונה בורא נפשות.

פאמעראנצין שאלעכץ רויהע שהכל.

פאצאנעס, דאס איז אזעלכע קערנער זיי ווערין בענוצט אויף אייל נור דער עולם עסט דאס מאכט מען בורא פרי האדמה.

פומער־קוכין, פלאדין און דאס גלייכען בורא מיני מזונות און עה"ם.

פאמפושקעס פון די פינף מינים מאכט מען בורא מיני מזונות, אפילו מעהר וואסער ווי פעטקייט נור אויב דיען גענאסין מאכט מען בורא מיני מזונות און על המחיה. אויב אייער און פעטס איז מעהר ווי וואסער מאכט מען בורא מזונות און על המחיה אפילו גראב גענאסין.

פאמפושקעס פון ארבעסענע מעהל אדער רעצקע מעהל שהכל. פון קארטאפיל מעהל בורא פרי האדמה.

אויב פון טעם וועגען איז צו גישאטין פון דיא פינף מינים, אויב אייער און פעטס איז מעהר ווי וואסער מאכט מען בורא מיני מזונות און על המחיה.

פיינקובין

1) הרבה דעות נאמרו בזה, ובימינו אלה נתחזק פסק הח"א לברך בפה"ע כי נטעו מדעתא דקליפה, ובעירות הגדולות נמכרות מס'לפים בראש כל חוצות.

פֵּיינְקוּכִין שֶׁהַכֹּל, אויב צוגֶעשְׁאטִין פוּן דיא פִינְף מִינִים פוּן מעם וֶועט מַאכְט מֶען בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת, אויב מֶען הָאט צוגֶעשְׁאטִין נוּר פוּן שְׁטַייפְקִייט נֶוועגֶן מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

פַּארְפֶּיל בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת. פַּארְפֶּיל פוּן רֶעצְקֶע אָדֶער אַרְבֶּעסֶענֶע מֶעהל שֶׁהַכֹּל, אויב עֶס אִיז צוגֶעשְׁאטִין אַבִּיסִיל ווַייצִינֶע מֶעהל (אָדֶער פוּן דיא פִינְף מִינִים ווֶעלְכֶע מֶען מַאכְט מְזוֹנוֹת) מַאכְט מֶען בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת אוּנ דיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת. אויב עֶס אִיז צוגֶעשְׁאטִין פִּיער לויט אוֹיף אַכְט אוּנ צְוואַנְצִיג לויט מַאכְט מֶען עַל הַמִּחְיָה.

אויב עֶס אִיז צוגִישְׁאטִין נוּר פוּן שְׁטַייפְקִייט נֶוועגֶן מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

פִּירֶעשְׁקֶעס מַאכְט מֶען בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת.

פִּירָאגֶעס גֶעפִילְטֶע מִיט קֶעז, מִיט פִישׁ אָדֶער מִיט פְלֵיישׁ, בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת.

פִּירָאשְׁקֶעס דיען גִיוֶועלְגֶערְט גֶעפִילְט מִיט מָאן אוּנ גִיפְּרֶעגִילְט מִיט הָאנִיג מַאכְט מֶען בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת אוּנ עַל הַמִּחְיָה. אויב מֶען עֶסְט דָאס צוּ זַאט דַארְף מֶען זִיךְ וואשִׁין אוּנ מַאכֶען הַמּוֹצִיא אוֹיף אַ אַנְדֶער בְּרוֹיט אוּנ בֶּענְטְשִׁין.

פֶּערִילְגְרוֹיפִּין מַאכְט מֶען בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת אוּנ עה"מ. אויב עֶס אִיז נִיט צוּקָאכְט אוּנ דיא קֶערְנֶער זַיינֶען גַאנְץ מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה אוּנ בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת.

פְּלָאדִין מַאכְט מֶען בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת אוּנ עַל הַמִּחְיָה. אִין גֶעסֶען דַארְף מֶען נִיט מַאכִין קַיין בְּרָכָה אוֹיף פְּלָאדִין.

פַּאסְטֶערְנַאק גֶעקָאכְטֶע בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה רוֹיהֶע שֶׁהַכֹּל.

פַּאזִימְקֶעס בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה.

פְּיַאנִיצֶעס דָאס אִיז אַזַא סָארְט בְּלָאֶע יַאגְדֶעס, שֶׁהַכֹּל.

פִּישִׁין, פְלֵיישִׁין אַלֶע עֶרְלֵיי, שֶׁהַכֹּל. פּוּצַאי שֶׁהַכֹּל.

פֵּייגִין מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ, די בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה עַל הָעֵץ. די יוֹךְ פוּן גֶעטְרִיקֶנְטֶע אָדֶער גֶעקָאכְטֶע פֵייגֶען אויב מֶען זוּפְּט זַיי מִיט די פֵייגֶען דַארְף מֶען אוֹיף די יוֹךְ נִיט מַאכֶען קַיין בֶּעזוּנְדֶערֶע בְּרָכָה. אויב מֶען זוּפְּט דיא יוֹךְ בֶּעזוּנְדֶער מַאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל 1).

אויב מֶען נֵייקְט די פֵייגִין פוּן דיא יוֹךְ וֶועגֶען אִיז דיא בְּרָכָה שֶׁהַכֹּל אוּנ די בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת.

פְּלוֹימֶען מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ. גֶעטְרִיקֶענְטֶע פְלוֹימֶען אוֹיךְ בּוֹרֵא פרי

1) על הב"א ספק.

פרי העץ. אויף דיא יוך אהן דיא פלוימען אויך בפה"ע. דיא יארעס פון דיא פלוימען שהכל, אויב מען עסט ניי מיט די פלוימען דארף מען אויף זייא נים מאכען קיין ברכה.

פעפער פון בוים פייבטע אפילו רויהע אדער טרוקינע גיפרעגילטע אדער גיריבענע מיט צוקער איז די ברכה בורא פרי האדמה, אבער טרוקענע רויהע מאט קיין ברכה נים.

## צ.

ציטרינעס צייטינע רויהע מיט צוקער אדער גיפרעגילטע בורא פרי העץ. איין געזאלצינע ציטרינעס אויך בורא פרי העץ. אין עסען דארף מען אויף דעם קיין ברכה נים מאכען.

ציבעלע פרישע רויהע בורא פרי האדמה, אלטע געקאכטע רויע שהכל. גרינע ציבעלע בורא פרי האדמה.

ציבולניצע איינגיפרעגילטע בורא פרי האדמה.

ציבעלעס פון גידעמפטע פיש אדער פלייש אונ עס איז גוט צום עסען אונ מען עסט דאס בעזאנדער מאכט מען בורא פרי האדמה.

צימעס פון ערד פרוכט אפילו מיט א ביסיל מעהל בורא פרי האדמה, ווייל די מעהל איז נור גיגעבין פון שטייפקייט וועגען.

אויף דיא יוך פון צימעס איז אויך בורא פרי האדמה. אין עסען דארף מען אויף דעם קיין ברכה נים מאכען.

ציקאריע געקאכטע מאכט מען שהכל.

צוקער שהכל. די שטעקלעך פון צוקער אויך שהכל.

צימרינג אויב מען עסט ווי געוועגליך איז בורא פרי האדמה, אויב נור אום צו סמאקצין דעם טעם אונ ארוים נוארפין מאכט מען שהכל. אויב צו־גיריבט מיט געגעלעך מיט אינגבער איינגעקאכט מער נים פון די יוך וועגען, מאכט מען שהכל.

## ק.

קאווע געקאכטע שהכל [1].

אז מען קייט קערנער קאווע מאכט מען שהכל.

קאוואנעס, ארבוזין, בורא פרי האדמה.

קארשין, בורא פרי העץ, עס האט דעם זעלבין דין ווי אגרעסין. אויף קארשין בראנפין מאכט מען שהכל. אויב דיא קארשין זיינען אוים־געווייקט אונ זיי האבין שוין קיין איינענעם טעם מאכט מען אויף דיא קארשין אויך שהכל.

---

1) וועגין קאווע סוף עסען זעה ביי דינים פון טוו אות ט'.

קאשע פון די פינף מינים, האבער, ווייץ, גערשטן, קארן, ארקיס, מאכט מען בורא מיני מזונות.

קאשע פון רעצקע אונ דיא גרויפן איז קאנטיג מאכט מען בורא פרי האדמה, אויב די גרויפן איז נים קאנטיג מאכט מען שהכל.

קאשע פון קארטאפיל בורא פרי האדמה. אויב עס איז צו געשאטן מעהל פון די פינף מינים פון טעם וועגען איז דיא ברכה בורא מיני מזונות אונ דיא ברכה אחרונה בורא נפשות. אויב עס איז צו געשאטן פיר לויט אויף אכט אונ צוואנציג לויט אונ מען עסט דאס אין צייט וויא עס דויערט עסען בולקע ווי פיר אייער גרוים איז דיא ב"א על המחיה, אויב עס דויערט ווייניגער איז די ברכה אחרונה בורא נפשות.

קאשע פון ארבעס שהכל. די ברכה אחרונה בורא נפשות.

קישקע געפילטע מיט מעהל אדער געפילטע מילץ בורא מיני מזונות, די ברכה אחרונה על המחיה. אויב מען עסט ווי פיל דער שיעור טאס מען איז מחויב צו מאכען א ברכה אחרונה.

קניידלעך פון די פינף מינים בורא מיני מזונות. קניידלעך פון קארטאפיל בפה"א. קניידלעך פון רעצקע אדער פון ארבעס שהכל, די ב"א בורא נפשות. אויב עס איז צוגעשאטן מעהל פון די פינף מינים האט דאס דעם דין פון אויבין שטייט ביי קאשע.

קרעפלעך בורא מיני מזונות.

קנאביל האט דעם זעלבען דין ווי ציבעלע.

קאנפעקטין, קאנפעטורין אויף אלע סארטין מאכט מען שהכל.

קרויט געזייערטע רויהע מאכט מען בורא פרי האדמה. געקאכטע אפילו נים קיין געזייערטע בורא פרי האדמה. די יוך פון געקאכטע קרויט בפה"א. די ראסיל פון געזייערטע קרויט מאכט מען שהכל.

קוואס אלע סארטין שהכל.

קיילינעס שהכל. קירבעס אפילו נאר צוריבענע בפה"א. די קערנלעך פון קירבעס אויך בורא פרי האדמה [1].

## ר.

ראבינעס שהכל. ראסיל פון בוריקעס איז גירעדט אין אות ב' ביים בוריקעס.

ראזינקעס בורא פרי העץ, די ברכה אחרונה על העץ ווי עס איז ידוע דער נוסח.

ראזינקעס

---

1) משום דנטעו גם על הקערנער.

ראזינקעס איינגעלייגטע אדער געקאכטע אויף צו טרינקען די שיטערע, הייסט עס וויין און מען מאכט בורא פרי הגפן.

אויב מען האט געקאכט די ראזינקעס צום עסען מיט די יוך, אויב מען זופט נור די יוך מאכט מען שהכל 1).

אויב עס איז געווייקט געוואָרין נור צום טרינקען די יוך מאכט מען דיא ברכה אחרונה בורא נפשות.

ראשצינע קאשע מאכט מען בורא מיני מזונות, דיא ברכה אחרונה על המחיה.

ראשצינע פאמפושקעס זאל מען ניט עסען סיידין אין מיטין עסען.

רייז געקאכטע בורא מיני מזונות. די ברכה אחרונה בורא נפשות 2).

רעצישניק מאכט מען שהכל. אויב עס איז צוגעשאטין מעהל פון דיא פינף מינים איז די ברכה במ"מ און די ב"א על המחיה.

אויב עס איז צוגעשאטין פיר לויט מעהל אויף אכט און צוואנציג לויט הייסט עס ברויט און מען טאר ניט עסען אהן געוואשין. דארום די בעקערס וועלכע שיטין צו מעהל אין די רעצישניקעס אדער אין די הולגנקעס זיינען זייא מכשיל את הרבים, ווייל דיא וועלט ווייס ניט וויא צו מאכען א ברכה, מען דארף מאכין מזונות און זיי מאכין שהכל, אדער מען טאר גאר ניט עסען אהן געוואשין, ווי מיר ערקלערין.

רעצקינע גרייפליך מאכט מען שהכל.

רעצקינע גרויפין וועלכע דיא קערנער זיינען קאנטיג מאכט מען בורא פרי האדמה.

רעטעך רויהע בורא פרי האדמה. ריבין רויהע אדער געקאכטע בורא פרי האדמה. די ברכה אחרונה בורא נפשות.

רויזין־איינגעמאכץ אויב קאנטיג בפה"א, אויב ניט קאנטיג שהכל.

רפואות זאכין וועגר זיך אזוי, אויב געזונטע מענטשין ברויכין דאס אויך מאכט מען די ברכה ווי גיהעריג. אויב גיזונטע מענטשין עסין דאס ניט, אויב ער האט פון דעם הנאה מאכט מען שהכל, אויב ניט זאגט מען פאר דעם נעמען יעדער מאהל יהי רצון מלפניך ה' אלהי ואלהי אבותי שיהא עסק זה לרפואה כי רופא חנם אתה.

## ש.

שאלאטין צוגעריכטע רויהע בורא פרי האדמה, געקאכטע שהכל.

שווארצע

---

1) ועל הב"א ספק עה"ע או ב"נ. 2) כן הוא דעת הגר"א וסתימת פוסקים אחרונים עיין מ"ב.

שְׁוַוארְצֶע יַאגְדֶעס רויהֶע אָדֶער גֶיפְּרֶעגִילְטֶע בפה"ע 1). צוּרִיבֶּענֶע, אויבּ קאנְטִיג בפה"ע, אויבּ גִיט קאנְטִיג מאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

דִי שְׁוַוארְצֶע יַאגְדֶעס וָואס וַואקְסְט אִין פּוֹילִין אויף בּייְמֶער מֶען רוּפְט זֵיי סְמארָאזִינֶעס, מאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ.

שׁוֹלֶע, דָאס אִיז דִי זַאנְפְט פוּן דִי בּוֹימֶער וָואס רִינְט מאכְט מֶען שֶׁהַכֹּל.

שִׁיפְּטַאלִין הָאט אַיין דִין וִוי פְּלוֹימֶען. אויף דִי יָאדְרֶעס פוּן שִׁיפְּטַאלִין אוֹיךְ בפה"ע 2). אַז מֶען עֶסְט דִיא יָאדְרֶעס מִיט דִי שִׁיפְּטַאלִין צוּ זַאמֶען דארְף מֶען נִיט קֵיין בֶּעזָאנְדֶערֶע בְּרָכָה.

שְׁצַאוֶוע רויהֶע, גֶעקָאכְטֶע, שֶׁהַכֹּל.

שׁוּמְשְׁמִים, דָאס אִיז וָואס מֶען מאכְט פוּן דֶעם אַייל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, גַאנְצֶע אָדֶער גִיבְּרֶענְטֶע, מאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה. אויף דִי אַייל שֶׁהַכֹּל. אויף דִי מַאקוּחַ שֶׁהַכֹּל.

אויף עַרְבִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ הֵייסְט דָאס שׁוּמְשְׁמִים, דִיא וֶועלְט אִיז פארְגְרַייזְט מֶען טַייצְט שׁוּמְשְׁמִים מָאן אוּנ בֶּאֱמֶת רוּפְט דָאס דִי מִשְׁנָה פַּרְגּוֹם, אוּנ שׁוּמְשְׁמִים אִיז נָאר אַ מִין גֶעלֶע זארְקֶעס וָואס לִיגְט אִין שְׁטְרוּצֶעס גִיט אִין קָעפּ וִוי מָאן.

שְׁוֶועמְלִיךְ גִיקָאכְטֶע אָדֶער גִיפְּרֶעגִילְטֶע שֶׁהַכֹּל.

## ת.

תּוּת, דָאס אִיז אַזַא מִין פְּרִי וָואס וַואקְסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ. דִי זַאנְפְט פוּן דִי פֵּירוֹת שֶׁהַכֹּל.

## תלב) וַאֲהַבְתֶּם אֶת הַגֵּר. (י—ג)

דִיא מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, צוּ לִיעבֶּען דֶעם גֵר, דָאס הֵייסְט מֶען דארְף פָאר-זָארְגִין זַיין אִיהם נִיט מְצַעֵר זַיין אויף קֵיין פַאל, אוּנ אִין גֶעוֶועזְנְהֵייל טָאהן אִיהם דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבוֹת, טָאהן מִיט אִיהם חֶסֶד וִוי וַוייט מִיגְלִיךְ אִיז.

גֵר הֵייסְט דֶער וֶועלְכֶער עֶס וֶוערְט בּאהֶעפְט צוּ אוּנְז פוּן אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער אִין אַ צַייט וֶוען מִיר הָאבִּין רֶעכְט אִיהם אַנְצוּנֶעמֶען אוּנ גַייט אִיבֶּער אִין אוּנְזֶער דָת.

וֶוען אוֹיךְ אִיךְ וֵוייס דָאס פוּן פָּסוּק וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אַז מֶען דארְף אִיהם לִיעבֶּען, אוּנ דִיא וֶועלְבֶּע וִויא מֶען טָאר קֵיין יוּדִין גִיט מְצַעֵר זַיין אָדֶער

נארין

---

1) הסוברים לברך בפה"א מפני שרואים שגדלים על אילנות כמיך לארץ והאמת רואים אנו כי האילנות הקטנים נשארים אחר החורף והם מוציאים עלים ופירות לשנה הבאה הרי הם אילן לכל דבר. 2) דמתוקין מאד והוי כמו פרי בפרי ולא עוד שמרביבין השיפטאלין בשקדים.

נארין, דאך האט די תורה אויף דעם דאפיל פערזאגט דאס דיא עבירה אז מען ערצערינט א גר אדער מען בעטריגט איהם איז מען עובר אויף פיל מעהערע עבירות ווי נור א יודין.

פון די מצוה האבין מיר צו שליסין מרחם צו זיין זיך אויף נור א מענטשין וועלכער איז אין דער פרעמד, וויים פון זיין פאמיליע. די תורה איז מרמז דעם טעם איהר זאלט ליבין דעם גר דען איהר זייט דאך געוועזן גרים אין מצרים, מיר זאלין זיך ערינערין אז מיר זיינען גיבריינט געווארין אין דעם גרויסין צער וועלכער דער מענטש פילט זיך בעת ער איז צווישין פרעמדע מענטשין, אונ אז מען ערינערט זיך די דאגה וועלכע מיר האבין דאן געהאט ווי שווער עס איז אונז גיוועזן דאס אריבער צו טראגין, אונ השי"ת האט אונז מיט גרויס רחמים ארויס געפירט פון דאנט, וועט זיך באלד ערוועקין דער רחמנות אויף דעם מענשין וועלכער געפינט זיך עלינד.

## תלג) את ה' אלהיך תירא. (י—כא)

די מצות עשה איז מורא צו האבין פאר גאט.

אויף די מצוה זיינען מחויב באנקלייט אונ פרויענצימער יעדער רגע.

דער דרך ווי אזוי צו קומען צו יראת השם איז די זעלבע וועג ווי צו קומען צו אהבת השם וועלכע עס איז ערקלערט ביי אונז אין מצוה היט די מצוה פון אהבת השם.

אויף צוויי אופנים יראה איז דער מענטש מחויב מורא צו האבין פאר גאט.

א) יראת העונש ב) יראת הרוממות, יראת העונש הייסט נאר איינפאך איזו דאך מורא האבין צו טאהן נגד רצון הבורא ווייל דער בורא שטראפט פאר יעדער פארברעך, ער שיינקט ניט, עס קומט אלעם צום חשבון אויף דער וועלט אונ אויף די קינפטיגע וועלט.

ווי די גמרא זאגט ווען א מענטש זעהט עס קומט אן אויף איהם יסורים זאל ער זיך ארום זעהן וועגען זיינע מעשים וועט ער פארשטעהן אז דאס איז א שטראף פאר זיינע זינד, דען נאך די שטראף נאך קאן מען פארשטעהן אין וואס מען האט פארבראכין, ווייל דער בורא שטראפט מדה כנגד מדה. די גמרא זאגט איבער דעם עון פון ביטול תורה שטארבין קליינע קינדער, דען דער תכלית פון קינדער איז דאך זיי זאלין זיין יודין, די עלטערין זאלין זייא ערציהען נאך דעם דרך פון דער תורה, וויא באלד אז דיא עלטערין היטין ניט זייער תכלית נעמט השי"ת די קינדער צוריק אב.

פאר דעם עון פון חילול שבת קומט שרפות, ווייל שבת איז א צייכין אז דער בורא האט געבאהט די וועלט. ווי נור מען היט ניט קיין שבת מאכט דער בורא חרוב די געביי פון דער וועלט.

אז אײנער טוהט דעם צװײטען שלעכטעס, טוהט מען אים אב שלעכטעס. עס קומט זײן שטראף גאר פון דער זײט, װי יעדער מענטש קאן דאס שפירן, װען ער זאל נור קוקן מיט אפענע אויגן.

די גמרא זאגט אויסנאמיג מאהנט כביכול דעם כבוד פון אלמדן, זעהע מיר װיא ריכטיג דאס איז, דיא לײטע װעלכע רודפין א תלמיד חכם װערין געשטראפט אויף דער װעלט, פיל פאמיליען זײנען פארניכטעט געװארען װעלכע עס האבען גיפירט מחלוקת מיט רבנים, מיר קאנען אפילו בעװײזען פון דיא יעצטיגע דורות נור מיר געפינען דאס ניט פארגײטיג װײל דאס איז ידוע אין דער װעלט.

„יראת הרוממות" הײסט, װען מען זאל זיך מתבונן זײן אין די הויכקײט פון בורא, פאלט עס א מורא ופחד, װאס פאר א נידריגע האט דער מענטש מיט זײן קלײנעם פארשטאנד, אויף א קורצע צײט פון זײן לעבען, װי דוד המלך זאגט (מה אנוש כי תזכרנו) װאס פיר א נידריגע האט גאר דער מענטש. װי דער רמב"ם ערקלערט, דער מענטש זאל בעטראכטען די גאנצע בריאה, דיא װעלט מיט אלע ברואים פון כדור הארץ, פון קלענסטין גרעסטע ביז דעם מענטשין, דיא זוגן מיט דיא לבנה מיט אלע פלאנעטין, מוז ער צוקומען צו יראת ואהבת השם.

װען עס קומט חלילה דעם מענטשין פאר פאר זיך צו טאן א עבירה, זאל ער באלד ביי זיך ערװעקן דעם געדאנק דאס גאט ב"ה קוקט און װײס יעדער טראכט און מיט די עבירה ברײנגט זיך דער מענטש מיט דעם שטראף, װעט ער זיך באלד אפציהען. און אזוי װי מען מוז אימער דײנקען װעגין יראת השם דארף דער מענטש אימער טאג און נאכט, אלעס װאס ער טוהט, טאהן מיט דרך ארץ.

אין כלל פון די מצוה איז, ניט צו דערמאנען נאמען נאמען אומזאנסט.

דיא גמרא זאגט, די תלמידים פון ר' יוחנן בן זכאי האבין גיבעטין ער זאל זײ בענטשין, זאגט ער הלואי זאלט איהר מורא האבען פאר דעם בורא װי פאר לײטין, פרעגין זײא רבי און מעהר ניט, ענטפערט ער זײא איך װעל אײך איבערצײגין אז עס איז אזוי, װען א מענטש טוהט א פארברעך קוקט ער זיך ארום פילײכט זעט װער, פילײכט הערט װער, און דער בורא עולם זעהט און הערט און מען קוקט זיך גאר ניט ארום, און מען מאכט אזוי װיא זײן אויג זעהט ניט, זײן אויהער הערט ניט חלילה.

ר' יוחנן בן זכאי'ס כלל נוטצט אויף אלעם, הלואי װאלטין מיר שעצין דעם כבוד פון בורא װיא דעם כבוד פון מענטשין. אז מען קומט אין א הויז צװישען מענטשין זיצט מען בכבוד און אין די שולין זיצט מען גאר מיט אומ-כבוד, מען רעדט דברים בטלים אין חזרת הש"ץ, אין קריאת התורה, און נאך מחלוקת מיט שנאת חנם װערט אלעס אויף געזוכט אין שול.

## תלד) אֹתוֹ תַעֲבוֹד 1). (שם)

די מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, צוּ דַאוְונֶען אַלֶע טָאג.

פְרוֹיעֶנְצִימֶער זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָב צוּ דַאוְונֶען.

די נוּסְחֵי הַתְּפִלּוֹת פוּן וָואךְ, שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אִיז אָפּ גֶעשְׁטֶעלְט, ווִיא עֶס אִיז בֶּעווָאוּסְט צוּם כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

פִינְף זַאכֶין דַארְף מֶען הָאבֶּען צוּ תְּפִלָּה. א) מֶען דַארְף וַואשֶׁין די הֶענְד, אוּנ' אוֹיבּ עֶר הָאט נִיט קֵיין וַואסֶער אִיז גֶענוּג אָפּ צוּ רֵייבֶּען די הֶענְד מִיט נוּר וָואס. ב) עֶס דַארְף זִיךְ נִיט אַרוֹיס זֶעהֶן פוּן דִיא לַייבּ וָואס אִיז פֶערְבָּארְגֶען. ג) צוּ דַאוְונֶען אִין אַ רֵיינֶעם אָרְט, עֶס זָאל זִיךְ נִיט הֶערֶען קֵיין שׁוּם בֵּיס רֵיחַ. ד) עֶר זָאל נִיט דַאוְונֶען וֶוען עֶר דַארְף גֵיין צוּם מֶענְשְׁלִיכֶען גֶעבְּרוֹיךְ. ה) צוּ דַאוְונֶען מִיט כַּוָּנָה, בֶּעזַייטִיגֶען אַלֶע אַנְדֶערֶע גֶעדַאנְקֶען, דִיא אִין דֶער צַייט פוּן דַאוְונֶען זַיין אֵיינְגֶעטְהוּן פוּן דֶער וֶועלְט אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ רִיכְטִיג ווִיא עֶר שְׁטֵייט אוּן זֶעהְט די שְׁכִינָה.

די צַייט פוּן דַאוְונֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אִיז פוּן די צַייט ווִי עֶס וֶוערְט טָאג בִּיז עֶנְדֶע פִיעֶר שָׁעָה אוֹיף דֶעם טָאג, דָאס אִיז אַ דְרִיטֶיל טָאג.

וֶוען מִיט אַ צוּפָאל אִיז עֶר גֶעבְּלִיבֶּען נִיט גִידַאוְונְט צוּ דֶער צַייט, מָאג עֶר דַאוְונֶען בִּיז הַאלְבֶּען טָאג.

דַאוְונֶען נָאךְ הַאלְבֶּען טָאג הֵייסְט עֶס נִיט גֶעדַאוְונְט, עֶר מָאג נוּר שְׁטֶעהְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אָבֶּער פוּן יוֹצֵר אוֹר בִּיז קְרִיאַת שְׁמַע טָאר עֶר נִיט זָאגִין, ווייל די בְּרָכוֹת הֵייסְט בְּרָכָה לְבַטָּלָה.

וֶועגִין די זַאךְ אִיז פִיל צוּ רֵיידִין. אַזוֹי ווִי עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַ טְהֵייל יוּדִין וֶועלְכֶע זַיינֶען פַארְפִירְט אִין דֶעם אוּן זֵיי הָאבֶּען דָאס אוֹיסְגֶעבְּרָאכֶען אָפֶענְדְלִיךְ דֶעם שְׁפֶּעט דַאוְונֶען אוּנ וָואס שְׁפֶּעטֶער אִיז מֶעהר מִצְוָה, וֶוען אוֹיךְ אֲפִילוּ גַם טוּהֶען דָאס גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל מוּפְלָגֵי תּוֹרָה, אָבֶּער מִיר ווייסִין נִיט דֶעם הֶיתֵּר פוּן דֶעם 2), אֲפִילוּ אַז עֶר לֶערִינְט פַאר'ן דַאוְונֶען, וָאגְט אָבֶּער די גְמָרָא די צַייט פוּן לֶערְנֶען אִיז לֶערְנֶען די צַייט פוּן דַאוְונֶען אִיז דַאוְונֶען, אֵיינֶע דִיא צְווֵייטֶע שְׁטוּפְּט נִיט אָפּ.

נָאכְמֶעהר גָאר אֵיינְפַאכֶע מֶענְטְשִׁין סוֹחֲרִים בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת בַּעֲלֵי עֲגָלוֹת טְהוּעֶן אָבּ אַלֶע אַרְבֵּייט אוּן דַאוְונֶען נָאךְ דֶער צַייט דָאס אִיז אַ עָוֹן פְּלִילִי וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן.

די אוּרְזַאכֶע פוּן אַרָאבּ גֵיין פוּן זְמַן תְּפִלָּה אִיז דִיא עֶרְשְׁטֶע סִיבָּה דִיא

הכנות

---

1) מפי השמועה למדו עבודה זו תפלה שנאמר ולעבדו בכל לבבכם איזה הוא עבודת שבלב זו תפלה.

2) מעיד אני הכותב, כי הגאונים אדמו"ר ר' אברהם טאביטשאווער, והאדמו"ר מנו"ש קובעין זמן התפלה כהלכתה.

סכנות צום דאוונען, ווייל יעדער יוד איז מחויב מכין צו זיין זיך צום דאוונען ווי עס שטייט אין פסוק הכון לקראת אלהיך, עס איז אבער אלעס אב געשטעלט נאך דעם דין פון שולחן ערוך.

דער דין איז אזוי. פאר דעם דאוונען דארף מען זיך בודק זיין אויב מען האט נייטיג ארויס צו גיין, אונ אויב מען קאן ניט ריין ווערין אונ מען פילט ביי זיך אז מען וועט זיך קאנען איינהאלטין א שעה מיט א פערטיל א ערך, קאן מען דאוונען, אונ אויב מען פילט אז ניט, טאר מען נאך ניט דאוונען.

דיא דרייא תפלות האבין אונז מתקן גיוועזן די אבות, אברהם האט מתקן גיוועזן שחרית, יצחק האט מתקן גיוועזן מנחה, יעקב האט מתקן גיוועזן מעריב.

## דינים פון שמונה עשרה.

אין שמונה עשרה דארף מען זיך כורע זיין (איינביינין) פיער מאהל.

א) באלד ווי מען שטעלט זיך שמו״ע ווי מען זאגט די ערשטע ברכה ביינט מען זיך צו ברוך אונ מען שטעלט זיך צו השם. ב) דיא צווייטע ביידע ביא דיא ברכה פון מגן אברהם. ג) ביי מודים ביינט מען זיך צו מודים אונ מען שטעלט זיך צו השם. ד) ביי די ברכה פון הטוב שמך.

די פיער כריעות דארף מען מאכען עס זאל אויסשטארצין דעם רוקין, ווי ברוך גיט מען זיך א הגיה, אונ צו אתה ביינט מען זיך עס זאל אויסשטארצין דער רוקין, צו השם שטעלט מען זיך גלייך.

דער אויסגיין אין שמו״ע דארף זיין מען זאל זיין איינגעבויגין ביז גאנצע דריי טריט, צום אויסגיין ביינט מען די קאפ צו עושה שלום אין דער לינקער זייט, אונ צו יעשה שלום אין דיא רעכטע זייט אונ מען גיט זיך א נייג צו מזרח.

אין שמו״ע טאר מען ניט מפסיק זיין. אז מען הערט אין שמו״ע קדיש קדושה, ברכו, דארף מען זיך אב שטעלין אונ שווייגין ביז דער ש״ץ ענדיגט זאגין קדושה אונ ברכו.

אין שמו״ע דארף זיין דיא כונה צו פארשטעהען דעם געדאנק פון די ווערטער, מען דארף זיך באטראכטען ווי האלט מען דאס קאפ אונ מען היט דעם געדאנקען צו ריידין נאך דעם געדאנק נאך אז מען שטייט פאר א גובערנאטאר, מעהר אונ נאך מעהר טויזענדער מאהל ווען מען שטייט פאר א קיסר היט מען דאך געוויס דעם געדאנק, ווי דארף מען שוין היטין דעם געדאנק אז מען שטעהט פאר ממ״ה הקב״ה.

מען דארף זאגין די שמו״ע אין דער שטיל.

מען טאר זיך ניט אנשפארין אויף וואס עס איז אין דער צייט פון שמונה עשרה.

# דינים פון אַ טעות אין שמונה עשרה.

אַז מען פאַרגעסט פון דאָס וואָס מען זאָגט עשרת ימי תשובה אין שמו"ע דאַרף מען ניט איבער דאַווענען נור אַז מען פאַרגעסט צו זאָגן המלך הקדוש איז דער דין אַזוי, אויב ווי ער האָט געענדיגט די ווערטער האָאל הקדוש האָט ער באַלד געזאָגט המלך הקדוש איז מען יוצא, און אויב ער האָט זיך דער־מאָנט ניט באַלד דאַרף ער אָנפאַנגען פון אָנהויב.

דער זעלבער דין איז אויב עס איז איהם אַ ספק.

אַז מען פאַרגעסט צו זאָגן משיב הרוח דאַרף מען איבערשטיין שמו"ע. ביי דעם איז דאָ פיל אופנים.

אויב ער האָט זיך דערמאָנט איידער ער האָט געזאָגט די ברכה פון מחיה המתים זאָל ער ענדיגן דעם ענין און זאָגן דאָרטן משיב הרוח, דהיינו ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט געזאָגט ומקים אמונתו, זאָל ער ענדיגן זאָגן לישני עפר און זאָגן משיב הרוח.

אויב ער האָט אַ טעות געהאַט זומער און געזאָגט משיב הרוח ומוה"ג איז דער דין אַזוי, אויב ער האָט זיך דערמאָנט איידער ער האָט געזאָגט די ברכה פון מחיה המתים זאָל ער אָנפאַנגען צוריק אתה גבור, אָבער אויב ער האָט שוין געענדיגט די ברכה מחיה המתים זאָל ער אָנפאַנגען פון שמו"ע. אויב ער האָט נור אָנגעפאַנגען זאָגען משיב הרוח און ניט געענדיגט מוריד הגשם, קאָן ער זאָגן ווייטער פון מכלכל חיים.

אַז עס איז איהם אַ ספק אויב ער האָט געזאָגט משיב הרוח אָדער ניט, איז דער דין אַזוי, די ערשטע דרייסיג טעג נאָך שמיני עצרת, איז דער איינגענער דין ווי ער וואָלט געוויס ניט געזאָגט, נאָך דרייסיג טעג דאַרף מען ניט איבער זאָגן קיין משיב הרוח ומוריד הגשם.

די זעלבע אויך די ערשטע דרייסיג טעג פון זומער נאָך דעם ערשטן טאָג פסח אַז מען פאַרגעסט און מען זאָגט יאָ משיב הרוח.

אַז מען פאַרגעסט פסח ביי נאַכט אָדער אין דער פריה צו שחרית אָדער צו מוסף צו זאָגן משיב הרוח דאַרף מען ניט איבערשטעהען קיין שמונה עשרה.

די זעלבע אַז מען האָט פאַרגעסן אין מעריב אָדער אין שחרית פון שמיני עצרת און מען האָט יאָ געזאָגט משיב הרוח, דאַרף מען ניט איבער־שטיין קיין שמו"ע.

אין די ערטער וואָס דער מנהג איז צו זאָגן זומער מוריד הטל, און ער האָט ווינטער פאַרגעסן משיב הרוח, דאַרף ער ניט איבערשטיין קיין שמונה עשרה, ווייל ער האָט דער מאָנט טל, ווי ער איז איינגעוואָהנט.

אַז מען פאַרגעסט צו זאָגן אתה חוננתנו איז מען פטור.

טל ומטר הייבט מען אן צו זאגן צו מעריב זעכציג טאג נאך תקופת תשרי אונ מען זאגט ביז פסח.

אויב מען פארגעסט טל ומטר אדער עס איז א ספק אויב מען האט געזאגט טל ומטר ווענד זיך אזוי, אויב ער האט זיך דערמאנט איידער ער האט געענדיגט די ברכה פון מברך השנים זאגט ער אויף א ארט ותן טל ומטר לברכה, אויב ער האט שוין געענדיגט דיא ברכה זאגט ער אין שמע קולנו נאך די ווערטער ריקם אל תשיבנו, ותן טל ומטר לברכה. אויב ער האט זיך דערמאנט נאך שמע קולנו, הייבט ער אן פון ברך עלינו. אויב ער האט זיך דערמאנט אין אלהי נצור אדער נאך יהיו לרצון וואס פאר עושה שלום, דארף מען איבער שטיין שמונה עשרה, (עיין פאת השולחן).

אז מען פארגעסט אונ מען זאגט טל ומטר אין דער צייט וואס מען דארף ניט זאגן, דארף מען אנפאנגען צוריק פון ברך עלינו. אויב ער האט זיך דערמאנט נאך יהיו לרצון פאר עושה שלום, דארף מען איבער שטעהן שמונה עשרה.

אז מען פארגעסט צו זאגען המלך המשפט, איז מען יוצא בדיעבד.

אז מען פארגעסט ראש חודש אדער חול המועד יעלה ויבוא אדער עס איז א ספק אויב מען האט געזאגט, ווענד זיך אזוי, אויב ער האט געענדיגט די ברכה המחזיר שכינתו לציון, זאגט ער נאך יעלה ויבוא, אונ אויב ער האט אנגעפאנגען מודים אדער ער האט זיך דערמאנט איידער ער איז אויסגעגאנגען שמונה עשרה, פאנגט ער אן פון רצה אונ זאגט יעלה ויבוא. אויב ער האט זיך דערמאנט נאך דעם אויסשטעהן, שטעהט ער שמונה עשרה פון דאס נייע. נור ראש חודש צו מעריב אויב מען פארגעסט דארף מען ניט איבער שטעהן קיין שמונה עשרה.

אז מען פארגעסט צו זאגען נחם אדער עננו איז מען פטור.

חנוכה אונ פורים אז מען פארגעסט על הניסים איז מען פטור.

ביא אלע זאכען איז איין דין אין א טעות, אויב דער ש"ץ אדער דער יחיד, נור עננו זאגט דאך דער ש"ץ פאר רפאנו איז דער דין אזוי, אויב ער האט זיך דערמאנט פאר דעם ענדיגן דיא ברכה פון רפאנו זאגט ער עננו אונ זאגט צוריק פון רפאנו, אויב ער האט זיך דערמאנט נאך דעם ענדיגן דיא ברכה פון רפאנו דארף ער זאגן אין שמע קולנו אזוי ווי דער יחיד זאגט.

## דינים פון א טעות אין שמונה עשרה שבת אונ יום טוב.

אויב ער האט א טעות געהאט שבת אונ פארביטן דעם נוסח דהיינו אויף דעם שטעל פון אתה קדשת האט ער געזאגט ישמח משה אדער אתה אחד, אדער פאר קערט צו מנחה אתה קדשת אונ דאס גלייכען, ווענד זיך אזוי,

אויב

אויב ער דערמאנט זיך איידער ער האט געזאגט דעם שם פון מקדש השבת קערט ער זיך צוריק צום אנהויב ווי ער דארף זאגען. אויב ער האט זיך דער־מאנט ביז ער האט שוין געזאגט דעם שם פון מקדש השבת איז ער יוצא בדיעבד.

ביי מוסף איז דער דין אנדערש, אויב ער האט ביי דעם ארט פון מוסף געזאגט די שמונה עשרה פון מעריב אדער פון מנחה אדער פון שחרית, איז ער ניט יוצא, אדער אז ער האט געזאגט ביי יענע תפלות די מוסף'דיגע שמונה עשרה איז ער אויך ניט יוצא און מוז זאגען די שמו"ע וועלכע ער דארף זאגען.

יום טוב אז מען האט געהאט א טעות אויף דעם ארט וואס ער האט געדארפט זאגען מקדש ישראל והזמנים האט ער געענדיגט מקדש השבת ווענד זיך אזוי, אויב ער האט באלד געזאגט מקדש ישראל והזמנים איז רעכט, אויב ניט באלד דארף מען אנהייבען צוריק אתה בחרתנו.

אויב מען האט יום טוב נאך יעלה ויבוא אנגיהויבען והחזרה, האט ער דאך ניט געזאגט קיין והשיאנו און רצה ווענד זיך אזוי, אויב ער האט זיך דערמאנט נאך דער ברכה דארף ער אנפאנגען אתה בחרתנו, אויב ער איז אויסגעשטאנען שמונה עשרה דארף ער איבערשטעהן שמונה עשרה.

יום טוב אז עס גיפאלט שבת און מען האט ניט דער מאנט פון שבת נור אז ביים סוף האט ער גיענדיגט מקדש השבת וישראל והזמנים איז ער יוצא אויב ער האט זיך דערמאנט פאר דעם אויסגיין שמו"ע דארף ער שטיין פון דאס נייע שמונה עשרה.

ראש השנה, יום כפור, דאס דעם זעלבען דין ווי אלע ימים טובים, וויא מיר האבין ערקלערט.

אויב מען האט אנגעפאנגען שבת אדער יום טוב צו זאגען די וואכעדיגע שמו"ע איז דער דין אזוי, וואו ער האלט דארף ער ענדיגען דיא ברכה און אנהייבען צוריק די שבת'דיגע אדער די יום טוב דיגע שמו"ע נור אויב ער האט זיך דערמאנט אין מיטן רצה זאל ער אויף הערין אין מיטן ברכה, און אנ־פאנגען פון שבת אדער פון יום טוב און זאגען כסדר אויב ער האט גיענדיגט די גאנצע שמו"ע וואכעדיגע דארף ער איבערשטעהן שמונה עשרה.

אין מוסף אויב ער האט אנגעהויבען די וואכעדיגע שמו"ע איז וואו ער דערמאנט זיך דארף ער ניט ענדיגען די ברכה און צוריק אנהייבען תכנת שבת אדער אתה בחרתנו און זאגען מוסף'דיגע שמו"ע.

דער של"ה הקדוש זאגט דעם וואס טרעפט אז ער דאווינט שבת וואכעדיגע שמו"ע איז דאס פאר אירם א שלעכטער סימן, דאס איז צו פארשטעהן מיט'ן משל, צב"ש א הולה אדער א מענש וואס איז אין הארטין שלאף, דער הערט נאר גים, די זעלבע איז דא אויך יעדער יודין דארף איבער ראשין דעם צוזעהען אין צוין שעה וועקסילט זיך אום דיא גאנצע וועלט, דיא פאבריקין

די

די גישעפטין ווערין אב געשטעלט, די בעלי מלאכות, די פור־לייט, בלייבין אין
זיטצען דער ארבעט, אויף די גאסין אין אלע יודישע הייזער שרייט אוים, שבת,
שבת. קורץ אין אלע ווינקעלעך וואו מען קערט זיך איז אלעם קאנטיג שבת,
אונ נאך אלע סימנים פון שבת זאגט ער גאר א וואכענדיגע שמונה עשרה, איז
א בעווייז או אין זיין נפש איז קיין סימן פון א צו בונד צום יודישען געדאנק.
ליגט שוין דער מענש אונטערגעווארפין אונטער סיבות פון דער השגחה. מדה
כנגד מדה, ווי ווייט ער שטעהט אין זיין בונד צום בורא אזוי ווייט שטעהט
פון איהם די השגחה עליונה.

שבת אונ יום טוב ענדיגט מען די ברכה פון השכיבנו מיט ופרוש, אונ
מען ענדיגט ועל ירושלים. אויב מען האט פארגעסין אונ מען האט געענדיגט
ווי אלע טאג, איז דער דין אזוי, אויב ער האט זיך דערמאנט באלד (תוך כדי
דבור) נאך דעם ווארט לעד, זאל ער זאגען די ווערטער פון הפרס סוכת שלום
ביז ירושלים אונ באי' ניט זאגען. אויב ער האט זיך דערמאנט ניט באלד איז
ער יוצא.

דא געפינען מיר פאר נייטיג צו שטעלין דעם יודישין סדר היום די דינים
פון אויפשטעהען מיט דיא דינים פון אנדערע תפלות אויסער דיא דינים פון
שמונה עשרה.

דער רמב"ם שרייבט, אונ מיט די ווערטער פאנגט זיך אן דיא רייד פון
שולחן ערוך, דאס איז א כלל גדול ביי דיא וואס גייען אין די ריכטיגע וועג,
דער זיצין פון מענטשען מיט זיינע תנועות אונ אויף פיהרונג בעת ער איז ביי
זיך אליינער אין הויז איז ניט גלייך ווי ער דארף שטעהען פאר א מלכות, אונ
זיין ביידין מיט די פרייהייט פון מויל מיט זיינע אייגענע געזעלשאפט איז ניט
גלייך וויא ער וואלט זיצין ביי'ם מלכות, דאן היט ער זיינע רייד, אונ זיינע
בעוועגונג זאל זיין געוויגען אונ געמאכטען.

ווען דער מענש זאל האבען אין געדאנק דאס דער גרויסער קאניג הקב"ה
וואס די גאנצע וועלט איז פול זיין כבוד שטעהט דערביי אונ זעהט אונ הערט
אלעם וואס דער מענש טוהט אונ טראכט, ווי עס שטעהט אין פסוק, אויב
א מענש וועט זיך אפילו בעהאלטין אין א פעסטע פערהעלטעניש וועל איך איהם
דען ניט זעהן? אזוי זאגט דער בורא, דען דיא הימעל אונ די ערד בין איך
דאך פול, בודאי וועט באלד קומען אויף דעם מענטשין דיא ריכטיגע יראה
אונ הכנעה פאר דעם בורא עולם אונ וועט באלד אויף שטעהען פון זיין
געלעגער צו דער צייט.

## דינים פון השכמת הבוקר.

מען דארף אויפשטעהען פריה צו עבודת השם. א מענש דארף איבערבעגען

דאם

דאס זיין געגנער דער שונא דאס איז דער יצר הרע מיט זיינע מדות רעות מיט די פאלשע מחשבות וואס זיינען אין מענשען, געפינט שוין פאר זיך דרכים צו פארלייגן טענות מיט בלבולים ניט אויפצושטעהן פריער אונ דוקא פער־שלאפין דעם זמן קריאת שמע אונ תפלה בצבור. ווינטער זאגט ער איהם וויא וועקסטו אויפשטעהן אזוי פריה עס איז דאך א מיאוס'ר וועטער. זומער זאגט ער איהם די נאכט איז דאך קליין דו האסט נאך ניט געשלאפין.

דער מענש אבער וועלכער האט א שטיקיל אויסרעכענונג דארף ער זיך ניט מעהר פארשטעלין ווען מען וואלט איהם רופין צו א געשעפט אדער ער דארף זיך שטעלין צום סוד וואלט ער דאך געוויס אויפשטעהן וואס פריער איז דאך געוויס אז מען דארף זיך איילין ווען מען שטעלט זיך פאר מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

מען איז ניט מחויב צו פארברייגין דעם שלאף, דען זעקס שעה מוז א מענטש שלאפין, אונ מעהר ווי אכט שעה איז אום געזונד צו שלאפין, אזוי זאגט דער רמב"ם. דארום דארף מען זעהען צו לייגין זיך בעצייטינס כדי צו קאנען אויפשטעהן צו דער צייט.

אויפשטעהענדיג אין דער פריה הייסט ער א ניי־געבארענער, דארום זאגט מען באלד אויפשטעהענדיג מודה אני, אונ דאס קאן מען זאגען אפילו אהן געוואשען.

צום ערשט טוהט מען אן דעם טלית קטן אונ מען מאכט ניט קיין ברכת על מצות ציצית, ווייל מען איז דאך אהן געוואשין.

מען וואשט די הענד מיט דעם אופן, מען נעמט אריין דיא כלי וואסער אין די רעכטע האנד אונ מען דערלאנגט אין דיא לינקע האנד אונ מען גיסט אזוי דריי מאהל אויף יעדער האנד א מאהל אום א מאהל. דער ווילנער גאון הייסט וואשין זיך אין דער פריה, אפגיסען א פערטין מאהל די הענד, איז דאס זייער גלייך.

פאר דעם וואשין זיך טאר מען ניט אן רירין, ניט צום מויל ניט צום נאז ניט צו די אויגין ניט צו די אויהערין.

אהן געוואשין נעגיל וואסער טאר מען אויך ניט אן רירין אין א עסענ־וואארג.

ווייל געוועהנליך אויפשטעהענדיג דארף דאך א מענטש ארוים גיין צום מענשליכען געברויך, זאל ער פריהער ארויסגיין אונ וואשין די הענד אונ זאגין נטילת ידים אונ אשר יצר אונ אלעם כסדר.

אויף די זאכען ברויכט מען וואשין די הענד אונ קיין ברכה דארף מען ניט מאכען.

פון מרחץ ארוים גיין. נאך נעגיל שניידין. נאך אבשערין זיך. נאך אנ־טאהן אונ אויסטאהן דיא שוכווארג, אונ אז מען רירט זיך אן אין דיא ערטער

פון

כן לייב וואו דער דרך איז עס זאל זיין צו געדעקט. נאך דעם ארויסגאנג פון דרויס פון א מת, פון א בית עולם, פון א לויה.

נאך נקבים גדולים אדער קטנים וואשט מען די הענד און מען זאגט אשר יצר, נור אין דער פריה אויפשטעהענדיג זאגט מען על נטילת ידים אויך.

מען טאר זיך ניט איינהאלטין פון מענשליכען געברויך ווייל מען איז עובר אויף בל תשקצו, און עס איז נאך דא ביי דעם א סכנה אויך.

אז מען האלט זיך איין פון קטנים איז מען עובר אויף בל תשקצו און מען ווערט א עקר, איז מען נאך עובר אויף לא יהיה בך עקר.

מען דארף זיין געקליידעט מיטיל, ניט גאר גרויסארטיג ווייל דאס ברענגט גאוה, ניט גאר פראסטע קליידער מען זאל ניט מבויש ווערין.

מען דארף איינגעוואהנען די קינדער זיי זאלען ניט זיין אפגעדעקט די קאפף בכדי זיי זאלען אויף זיך ארויף ציהען די אימה פון מלכות שמים, וויא די גמרא זאגט די אסטראנאמיקער האבין געזאגט צו דיא מוטער פון רב נחמן בר יצחק דאס זיי זעהען אז איהר זוהן וועט זיין א גנב, האט זי איהם געהיט ער זאל ניט זיין אב גידעקט דיא קאפף, כדי עס זאל אויף איהם ארויפציהען דיא מורא פאר מלכות שמים.

## נקיון המקום לדבר שבקדושה.

ווי ווייט נור מען הערט דעם ריח פון מענשליכען געברויך שמוץ, דארף מען זיך דערווייטערין פיער איילין פון זאגען אדער טראכטען דארטין א יודישען ווארט.

דיא זעלבע דארף מען זיך דערווייטערין פון די צואה פון א קאין אדער פון א אינדיק.

דאס איז דער דין וויפיל צו דערווייטערין זיך פון ריח, אבער פון זעהען די שמוץ איז נור ווי ווייט די אויג בראנגט.

אויף אורין דארף מען בגיסין מיט א רביעית וואסער מיט איין גאס.

א שטול וואס איז צו גירייכט מען זאל זיך קאנען אויף איהם זעצין צום מענשליכען געברויך, צב"ש ווי עס איז געמאכט פאר קינדער, האט דאס א דין ווי א בית הכסא און מען מוז איהם צו דעקין אין גאנצין אין דער צייט וואס מען וויל דערמאנען א יודיש ווארט.

א רעגאל, א הילצערנער אדער א ליימענער, מוז מען אויך אדער ארויס טראגין אדער ארום דעקין, אפילו א אויסגעוואשענער און עס העלפט ניט דער ארונטער שטעלין אונטערין בעט. אבער א פארצילאיענער א בלעכענער אז ער איז ארום געוואשין און עס הערט זיך פון איהם קיין ריח, מאג ער זיין, דארף מען ניט צו דעקין.

אין מרחץ, אין בית הכסא, און אין די פערשמוצטע געסלעך, טאר מען

ניט דערמאנען דעם בורא אונ טראכטען וועגין בורא אונ ריידין אונ טראכטין קיין יודיש ווארט.

א אשה גייט געוויינליך צו געדעקט, אויב עס איז אב גידעקט פון איהר לייב די ערטער וואס דארף זיין צו געדעקט, אדער זי גייט מיט'ן בלויזין קאפף טאר מען ניט זאגין קיין יודיש ווארט נעגין איהר.

די וועלכע זיצין נעגין איהר אונ דארפין מאכין א ברכה אדער בענטשין, איז די עצה צו מאכין די אויגין 1). אין דעם דין איז קיין אונטערשייד צו ווייז איינענע פרוי אדער די גאהענדע פאמיליע אדער פרעמדע.

## איינינע דינים פון ברכת השחר.

דיא ברכה פון הנותן לשכוי בינה זאגט מען אז עס איז שוין געווארען ליכטיג.

נאך די ברכה פון המעביר שנה ענטפערט מען ניט אמן, ווייל דיא סוף ברכה איז גומל חסדים טובים לעמו ישראל. דארום זאל מען ענדיגין דיא ווערטער והנומה מעפעפי אין דער שטיל.

אז מען איז גיוועזן אויף א גאנצע נאכט מאכט מען ניט דיא ברכה על נטילת ידים אונ אלהי נשמה אונ המעביר שנה.

## דינים פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה.

פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה טאר מען ניט מפסיק זיין אפילו אויף לשון הקודש.

פון ברוך שאמר ביז יוצר אור מאג מען מפסיק זיין צו ענטפערין אלע אמן'ס, נור ניט קיין ב"ה וב"ש. אונ אז דער שליח זאגט קריאת שמע זאגט מען מיט דעם פסוק שמע ישראל, אונ מען זאגט מיט קדושה, אונ מען ענטפערט ברכו אונ מודים.

פון יוצר אור ביז שמונ ע איז דער דין אזוי. מען טאר ניט ענטפערין קיין אמן מעהר ניט ווי נאך די ברכות, נאך האל הקדוש אונ נאך שומע תפלה אונ אמן יהש"ר מברך לעלם ולעלמי עלמיא. אונ נאך דאמירן בעלמא ואמרו אמן, ענטפערט מען אמן, אונ מען ענטפערט ברוך ה' המבורך לעולם ועד נאך ברכו, אונ נאך דעם ברכו פון עולה להורה, אונ אמן נאך דעם עולה להורה, אונ צו קדושה ענטפערט מען נור קדוש ק"ק ה' צבאות מכה"כ, אונ די ווערטער ברוך כבוד ה' ממקומו. אונ ביי מודים זאגט מען מעהר ניט וויא די דריי ווערטער מודים אנחנו לך.

אין

1) כן רוא דעת השו"ע, ועוד עצות בזה, אבל האחרונים הסכימו דצריכין דוקא החזרת פנים ודוקא אם החזיר גופו ועומד בצד אחר. וג"ל עכ"ו בשהדור פרוץ בזה וקשה ליזהר בזה, מוקמינן אדינא דשו"ע.

אין מיטין דעם פסוק שמע ישראל אונ אין מיטין בשכמליו, טאר מען גאר ניט ענטפערין.

די אלע זאכין וואס מיר האבען אויפגערעכינט אז מען דארף זיי ענטפערין אז מען האלט אפילו אין מיטין פסוק פון קריאת שמע, דהיינו מען האט אנגעפאנגען צו זאגען ואהבת את ה׳ אלהיך אונ אין מיטין דארף מען ענטפערין ברכו, קדוש, אמן, ווייא מיר האבען ערקלערט, דארף מען ענטפערין אונ מען מוז אנפאנגען צוריק פון ואהבת. דיא זעלבע נור א פסוק פון ואהבת ביז ענדע קריאת שמע, אבער צווישין אלהיכם מיט אמת דארט טאר מען גאר ניט ענטפערין. דער זעלבער דין איז פון ויציב ביז גאל ישראל דארף מען ענטפערין אפילו אין מיטין די ווערטער אבער מען דארף אנהייבין צוריק אונ איבערזאגען די עטליכע ווערטער וועלכע מען האט געזאגט פון טאגען עס פאנגט זיך אן א בעזונדער געדאנק, ווי עס איז געצייכינט אין סידור.

דינים פון קריאת שמע איז ביי מצות קריאת שמע.

דינים פון שמונה עשרה איז בייא מצות תפלה.

אין חזרת הש״ץ אונ אין קריאת התורה טאר מען ניט ריידין.

דער עונש פון פארפעלין א אמן אדער ענטפערין דעם אמן ניט ווייא דער דין זאגט, איז דער עונש זעהר גרויס.

אונ ווייא מיר ערקלערין דא, ווענין ריידין אין קריאת התורה איז דאס זעהר א שענדליכע זאך, מען זאל בארעכענען קריאת התורה האט מתקן געווען משה רבינו אונ עזרא האט פארברייטערט די תקנה, דער גאנצער צו האלט אין גלות דער צוגויף שלום פון פאלק מיטין דת איז די קריאת התורה, אלע יודין קומען צו זאמען אין איין ארט אונ מען חזרת איבער די תורה וואס גאט האט גיגעבין צו משה צו געבין יודין, שטעלט זיך דאס פאר אזוי ווי מיר וואלטין איהר היינט גענומען אויף דעם בארג סיני, מאכט דאס א איינדרוק אויף אונזערע קינדער א דור נאך א דור אויף עוויג, אזוי ווי עס ציהט זיך שוין א ערך פיער טויזינד יאהר, אבער אז מען רעדט גאר אין קריאת התורה, בארעכינט אויסער די עבירה פון דעם, איז די חוצפה אונ די העזה זייער גרויס, שטעלט זיך פאר מען ווערט לייענען א פריקאז פון א נאצאלניק, וואס דער נאצאלניק איז גרעסער הערט מען אלעם אוים מיט מעהר מורא, ווער רעדט נאך א צירקוליאר פון קיסר ווער ערלויבט זיך דאס דאן צו שפרעכין אדער ווער ערלויבט זיך צו שפרעכין ווען מען זאגט הגוהן תשובה, איז דאך געווים אז מען הערט גאט ווערטער אז מען דארף זיך צו הערין. צווייטינס איז דאס א חילול השם, ווייל דאס איז דאך בצבור. דריטענס לערינט זיך אב איינער פון צווייטין אונ בייא אונזערע קינדער ווערט חול די גאנצע קדושת התורה אונ מיט א צייט ווערט דאס חלילה פארגעסין אין גאנצין, וועלין דארפען פארענטפערין דיא ערשטע פארברעכער. איז א חוב קדוש אויף יעדער יוד גיט צו צו לאזין צו דעם. אין א צייט וואס

עס

עס ברעכט אוים די יודישקייט איז נור ווער עס שטעלט זיך געגען אונ אייג־באלמין איז זיין שבר ווי פנחס אין זיין צייט.

## דינים פון ב"ה וב"ש אונ אמן.

אמן איז דער טייטש אמת, דארום דארף מען טראכטען ביי דעם זאגען אמן אז די ברכה איז אמת, אויך איז אמן דער בעדייטונג די תפלה זאל זיין אמת, ד"ה עס זאל אנגענומען ווער די תפלה ובקשה.

אז מען האלט וואו מען טאר ניט מפסיק זיין, טאר מען ניט ענטפערין קיין ב"ה וב"ש.

נאך די ברכה פון מקרא מגילה אונ נאך די ברכה פון לשמוע קול שופר אדער מיט נור א ברכה וועלכע מען איז יוצא פון א צווייטין, דהיינו קדוש טאר מען ניט זאגען קיין ב"ה וב"ש, ווייל דאס הייסט א הפסק.

מען דארף זיין נעהער געהיט אין ענטפערין אמן אונ אמן יהשי"ר ווי בער דין זאגט.

די גמרא זאגט אין אלע צייטין ווען יודין קלייבען זיך צוזאמען אין די שולין אונ אין די בתי מדרשים אונ ענטפערין איש"ר איז כביכול הקב"ה שאקלט צו מיטין קאפ אונ איז שטארק צו פרידין, אונ דאס איז מעורר א זכות אויפגעלייזט צו ווערין.

די גמרא זאגט דער וואס ענטפערט א „אמן חטופה" ד"ה ער האפט אוועק דעם אמן, ווערט אוועק געהאפט זיין לעבען פאר דער צייט. דער וואס ענט־פערט א „אמן קטופה" ד"ה א אב געהאקטער אמן, ווערט זיין לעבין אב געהאקט. דער וואס ענטפערט א „אמן יתומה" בלייבען זיינע קינדער יתומים.

„אמן חטופה" הייסט, מען האפט אוועק דעם ווארט אמן אויף ניך אז עס הערט זיך ניט דריקענדיג דעם קמץ פון אמן, אונ עס דארף זיך הערין קאנטיג דער קמץ פון אמן.

„אמן קטופה" הייסט, ער ענדיגט ניט אויסזאגין דעם נון פון אמן.

„אמן יתומה" הייסט, מען ענטפערט אמן איידער דער חזן ענדיגט די ברכה, אדער מען ענטפערט אין א צייט שפעטער ווי דער חזן האט שוין גיזאגט די ברכה, ד"ה דער אמן איז א יתום אהן א פאטער, מען ענטפערט אמן אהן א ברכה, ווי כאלד אז דער שבדאף פון ניט ענטפערין אמן אדער ענטפערין ניט ווי דער דין איז, איז זעהר גרוים.

ווי אומפאסשעבט איז מען דאס אז מען רעדט אין צייט פון חזרת הש"ץ פון קדיש אונ מען פארפעלט אמן איער מען זאגט ניט נאך דעם דין נאך, לוינט דאס איבער אזוי א קליינע הנאה זאל מען רעגעקירין דעם לעבין. וויפיל זענד מען דאס אן כוחות צום געזונד, אונ דא נעמט מען זיך זעלבסט אונ

מען

מען ברייננט זיך אריין אין א סכנת מות רח״ל, דער דעקט איז גם זאל זיך געפינען אין יעדער שול טעלכער זאל אויף דעם אויף פאסין.

אז מען זאגט מיט די שטילע שמו״ע מיט׳ן ש״ץ, דארף מען דיא קדושת זאגען ניט מעהר קק״ק ביז כבודו און ברוך כבוד ה׳ ממקומו, און ניט זאגען לדור ודור נגיד אתה קדוש, און צו מודים זאגט מען מיט׳ן ש״ץ ניט דעם מודים דרבנן, נויטער זאגט מען ניט מיט מיט׳ן ש״ץ קיין זאך.

אז מען זאגט די שטילע שמו״ע און דער ש״ץ זאגט קדושה דארף מען איינהערין זאגין און איינהערין זיך ווי דער ש״ץ זאגט קדושה, און מען פאנגט אן וואו מען האלט.

אז מען רופט איינעם אויף לתורה און ער האלט פאר שמו״ע, איז ער עולה לתורה און מאכט דיא ברכה, אבער ער זאל ניט נאך זאגען דעם בעל קורא.

אבער אז ער האלט נאך ישתבח אדער ער האלט אין שמו״ע, טאר ער ניט גיין להתורה.

פון שמו״ע ביז נאך התחנון טאר מען ניט ריידין.

לאנגען והוא רחום דארף מען זאגען שטייענדיג.

נאך דעם דאווענען דארף מען זיך קובע זיין א צייט צו לערנען וואס איינער קאן.

גיבענשט זיינען די יודען וואס באלד נאך דעם דאווענען זעצט זיך אוועק א חברה לערנען, מיט א חברה איז שוין זיכער די אב גישטעלטע צייט אב צוהיטין יעדער טאג דעם זמן קבוע

## די הנהגה פון מענטשין דעם גאנצין טאג.

עס דארף זיין דער האנדיל ערליך, סייא אין גישעפט, סייא ארבייטער ניט ריידין קיין לשה״ר, רכילות און נאך אנדערע מדות רעות, קנאה, שנאה, תאוה, כבוד, גאוה, וועלכע זיי פירין איהם אב פון ביידע וועלטין.

אז מען גייט אין גאס דארף מען ניט אריינקוקין אין טיהר, אין פענצטער פון צווייטין. ניט משהין זיין אויף דעם צווייטענס וואנט. אז מען איז מיטהין אויף די וואנד פון א מקום קדוש. איז אויסער די עבירה פון גזל רבים איז ער נאך עובר אויף די מצוה והיה מחניך קדוש.

מען טאר ניט אויס שטייגין דעם צווייטין אז ער האלט בייא דיגנען דיא סחורה.

מען טאר ניט לעזין דעם צווייטינס בריף אדער אנדערע פאפירין. אפילו א קארטיל אויך ניט.

גייענדיג אין גאס דארף מען בעטראכטין די לאגע פון געדריקטין און מען

דארף

דאַרף אויס רעכענען אַז קיינער איז פון דעם ניט פאַרזיכערט.

אַז מען האָט שוואַכע ניט געזונדע אויגן דאַרף מען ניין צווישן מנחה־מעריב אָהן ניטאָהן אין ברילן טייל דעם צווייטן איבילט צו קוקן.

אַז מען גייט אָדער מען פאָרט אין וועג און מען איז אָב געגאַנגען אַ תחום שבת דאַרף מען זאָגן תפילת הדרך. תפילת הדרך זאָגט מען ניט אַנדערש סיידן באַלד נאָך דעם ענדיגן פריער אַ ברכה צב"ש מען עסט אַ כזית מזונות און מען מאַכט על המחיה אָדער מען עסט אַ עפּיל אָדער מען טרינקט אַ גלאָז וואַסער און מען מאַכט בורא נפשות זאָגט מען באַלד נאָך דעם תפילת הדרך, אָדער מען ברויכט וואַשען אשר יצר זאָגט מען באַלד נאָך ומפליא לעשות תפילת הדרך, די וועלט איז זיך מקיל אין דעם דאָס איז אָבער אַ דין פון דער גמרא.

## דינים פון מנחה און מעריב.

די צייט פון מנחה איז פאַר זון אונטער גאַנג מען טאָר זיך ניט זעצן עסן פאַר מנחה אַ סעודת קבע. פאַר דאַווענען מנחה און מעריב דאַרף מען אויך וואַשן די הענד אָבער נטילת ידים זאָגט מען ניט.

אַז מען קומט צו מנחה און דער ש"ץ שטעלט זיך די הויכע שמ"ע זאָל מען אָב וואַרטן ביז נאָך קדושה און נאָכהער שטעלן זיך שמו"ע, דאָס וואָס אַנדערע שטעלין זיך און זאָגן שמ"ע גלייך מיטן ש"ץ איז דאָס אַ טעות.

די צייט פון מעריב איז אַז עס ווערט זיך שוין שטערין. פון אָנפאַנג מעריב ביז נאָך שמו"ע טאָר מען ניט מפסיק זיין, נעגין ענטפערין אמן און ברכו אויב מען זאָל מפסיק זיין האָט דאָס דעם זעלבין דין ווי פון יוצר אור ביז שמונה עשרה.

אַז מען פאַרגעסט צו דאַווענען מעריב צו דער צייט קאָן מען נאָך דאַווענען ווען מען דערמאַנט זיך אפילו ביז טאָג, מען דאַרף אָבער פאַר זיכטיג זיין צו דאַווענען צו דער צייט ווייל פאַר מעריב טאָר מען ניט עסען אָדער טרינקען. אונזערע היילינע חכמים פערזאָגען שטרענג אויף דעם עס איז גאָר חלילה אַלעבענסגעפאַר.

פאַר דעם שלאָף דאַרף מען בעטראַכטען אין וואָס מען האָט דעם טאָג פאַרבראַכט און זעהען אויף מאָרגען צו פאַרעכטין.

פאַר דעם ניין שלאָפין דאַרף מען לייענען קריאת שמע ווי עס איז געדרוקט דער נוסח אין די סידורים. מען דאַרף זאָגן המפיל נאָך די גאַנצע ק"ש.

## תלה) ובו תדבק (י—כ)

די מצוה עשה איז, צו באַהעפטין זיך צום תלמיד חכם. די גמרא זאָגט דער וואָס באַהעפט זיך צום תלמיד חכם איז גלייך ווי מען באַהעפט זיך מיט די

שְׁכִינָה, כִּבְיָכוֹל. דַארוּם דַארְף מֶען נָאךְ זוּכִין צוּ נֶעמִין פַאר אַ מַארְטֶער אַ מַאן אַ לַמְדָן אוּנ פַאר דֶעם זָאהן נֶעמִין אַ בַּת תַּלְמִיד חָכָם. מֶען דַארְף זֶעהן צוּ זַיין אַ אֵיינְגֶייעֶר בַּיי דֶעם ת״ח אִין הויז.

צוּ שְׁטִיצִין דֶעם ת״ח ווִי ווַייט מֶעגְלִיךְ אִיז.

ווִי מֶען דַארְשְׁט נָאךְ אַ טְרוּנְק אַזוֹי דַארְף מֶען דַארְשְׁטִין נָאךְ דִי רֵייד פוּן דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, ווַייל אִין זַייעֶרֶע אֵיינְפַאכֶע פְּרָאסְטֶע רֵייד לִיגְט אוֹיךְ אֵיינְגֶעוִויקוֹלְט מִדּוֹת מִיט עֶהְרְלִיכְקֵייט, מֶען זָאל בֶּעטְרַאכְטֶען ווִי רִיכְטִיג עֶס אִיז דֶער גֶעדַאנְק אַז מֶען בַּאהֶעפְט זִיךְ צוּם ת״ח אִיז גְלֵייךְ ווִי מֶען בַּאהֶעפְט זִיךְ צוּ דִי שְׁכִינָה וואָס הֵייסְט בַּאהֶעפְט צוּ דִי שְׁכִינָה אַז אַ יוּד הִיט דִי תּוֹרָה אוּנ מִצְווֹת מִיט מִדּוֹת טוֹבוֹת דֶער הֵייסְט בַּאהֶעפְט צוּם בּוֹרֵא, זָאל אַ יוּד שְׁרַייעֶן דֶעם גַאנְצִין טָאג שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, אוּנ פַאסְטִין תַּעֲנִיתִים ווִי בַּאלְד אַז עֶר הָאט שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת הֵייסְט עֶר אַ צָבוּעַ, אָבֶּער אַז עֶר פִיהְרְט זִיךְ אוֹיף גוּט, אוּנ טוּהְט דֶעם אֱמֶת׳ן רְצוֹן הַבּוֹרֵא דֶער הֵייסְט בַּאהֶעפְט, צוּ דִי ווֶעג קָאן אָבֶּער צוּ קוּמֶען נָאר דֶער וואָס קוּקְט נָאךְ דִי ווֶעג פוּן דִי חֲכָמִים, דֶער וואָס נֶעמְט אַרַיין אִין זַיין הויז אַ תַּלְמִיד חָכָם, דֶער וואָס אִיז אַ אֵיינְגֶייעֶר בַּיי׳ן חָכָם אִין הויז אוּנ זֶעהְט ווִי דֶער חָכָם פִיהְרְט זִיךְ אוֹיף, ווִי דֶער חָכָם פִיהְרְט זַיין הויז, ווִי עֶר פִיהְרְט זַיין טִישׁ ווִי דֶער ת״ח עֶרְצִיהְט זַיינֶע קִינְדֶער לֶעהְרִינְט עֶר זִיךְ אָב פוּן אִים.

אַז עֶר נֶעמְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אַ מַאן אַ לַמְדָן אוּנ עֶר פֶערְפְלַאנְצְט אַ כָּשֵׁר'ן דוֹר אוֹיף דוֹרֵי דוֹרוֹת עֶר נֶעמְט פַאר זַיין זָאהן אַ בַּת ת״ח עֶרְצִיהְט זִי דִיא הויז נָאךְ דֶעם פָאטֶערְ'ס פֶערְלַאנְג. הֵייסְט עֶס רִיכְטִיג בַּאהֶעפְט צוּ דִי שְׁכִינָה אָבֶּער אָהן דִי מִיטְלֶען קָאן עֶר נִיט קוּמֶען צוּ דִי רִיכְטִיגֶע ווֶעג ווִי דֶער תַּנָּא זָאגְט וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד, וְלֹא בּוּר יְרֵא חֵטְא, אַ עַם הָאָרֶץ קָאן קֵיין פְרוּמֶער נִיט זַיין אוּנ אַ בּוּר קָאן קֵיין מוֹרָא פַאר אַ חֵטְא נִיט הָאבֶּען, ווַייל אָהן דֶעם דֶרֶךְ פוּן דֶער תּוֹרָה ווַייס מֶען נִיט וואָס הֵייסְט גוּט וואָס הֵייסְט פְרוּם.

דַארוּם פַאר זָאגֶען דִי חֲכָמִים מֶען זָאל נֶעמֶען אַ בַּת ת״ח אוּנ גֶעבֶּען פַאר דִי טָאכְטֶער אַ ת״ח אוּנ זַיין אִימֶער מִיט׳ן ת״ח אִין אֵיין גִיזֶעלְשַׁאפְט עֶסֶען מִיט אִיהם צוּ זַאמֶען מַאכֶען גִישֶׁעפְט מִיט׳ן ת״ח.

דֶער רטב״ן זָאגְט אַז אִין דִי מִצְוָה אִיז אוֹיךְ גִימֵיינְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִיט אָב טָאהן זַיין גֶעדַאנְק פוּן בּוֹרֵא אֲפִילוּ בְּעֵת עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט מֶענְטְשִׁין.

## תלו) וּבִשְׁמוֹ תִּשָּׁבֵעַ ((שם

דִי מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז ווֶען בֵּית דִין זַיינֶען מְחַיֵּיב אַ שְׁבוּעָה אוּנ עֶר ווַייס רִיכְטִיג אַז עֶר קָאן שְׁווֶערִין אִיז אַ מִצְוָה צוּ שְׁווֶערִין נָאר ווַייל אַ שְׁבוּעָה אִיז זֶעהר הַארְבּ דֶער אִיסוּר דֶען דִי גְמָרָא זָאגְט ווֶען עֶס אִיז גֶעזָאגְט גֶעווָארִין דֶער לָאו פוּן לֹא תִשָּׂא הָאט דִי ווֶעלְט גִיצִיטֶערְט בַּיי אַלֶע עֲבֵירוֹת שְׁטְרָאפְט מֶען נוּר דֶעם פַארְבְּרֶעכֶר אוּנ מֶעהר נִיט דָא מָאנְט מֶען אוֹיף פוּן דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע ווִי עֶס שְׁטֵייט לֹא יְנַקֶּה.

דארום טייטש מען זיך אויס צו שווערין אויף א אמת אויך.
ווי הארב עס איז א שבועה איז ערקלערט דא אין בהר און אין פ' קדושים.

# ראה

## תלז) אַבֵּד תְּאַבְּדוּן אֶת כָּל הַמְּקוֹמוֹת וגו' (יב—ב)

די מצות עשה איז ווען מיר האבין איינגענומען רעכטין זיינען מיר מחויב אין ארץ ישראל אויסראטין אלע געצינדינסט מיט זייערע הייזער וועלכע אויף דעם געארדינט און ניט לאזין קיין איינדענקונג פון דעם.

ווייל דער פליכט איז אויף אונז יודין בעקאנט צו מאכין די ריכטיגע אמונה אין דער וועלט אזוי ווי אונזער פאטער אברהם האט געטאהן און מיט דעם וואס מען רייסט אויס די געצינדינסט איז געהנטער זיי בעקאנט צו מאכען די אמת'ע אמונה אונזערע, דארום איז א חוב אויף אונז די געצינדינסט אויס רייסין.

## תלח) לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן לַה' אֱלֹהֵיכֶם (שם—ד)

די מצות עשה איז ניט צו מעקין קיין שם אפילו איין אות פון שם אז מען מעקט אויס שלאגט מען מלקות, עס איז נ"מ אין דעם קיין אונטער שייד געשריבין צו געדרוקט צו גישניצט פון האלץ אדער פון מעטאל.

אויך טאר מען קיינע ספרים ניט מעקין אדער רייסין.

די ספרים וועלכע זיינען פסול געווארען, אדער צו ריסין וועלכע זיי האבען קיינע נוץ דארף מען זיי מקבר זיין.

דאס גלייכען טאר מען קיין היילינע זאך ניט פערדארבען.

אויף ארויס נעמין א שטיין פון מזבח אדער פון דער עזרה קומט מלקות.

מען טאר ניט פארנאנדער נעמען קיין זאך פון א מקום קדוש, נאר באופן צו מאכען בעסער אדער שענער מאג מען.

אין פ' יתרו ביי דעם לאו פון לא תשא האבין מיר פיל ערקלערט וועגין דעם וואס מען איז ניט נזהר און מען ווארפט אוועק, געדרוקטע און געשריבינע לשון קודש אדער אויף נאר א שפראך וועלכע עס ווערט דערמאנט היילינע ווערטער אדער ווי צו דער מאנען גאטס נאמען אין א בריף.

## וּבָאתָ שָׁמָּה—וַהֲבֵאתֶם שָׁמָּה וגו' (שם—ו)

## הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן תַּעֲלֶה עוֹלוֹתֶיךָ בְּכָל מָקוֹם אֲשֶׁר תִּרְאֶה (שם—יג)

## תלט תמ תמא) בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה'–שָׁם תַּעֲלֶה עוֹלוֹתֶיךָ (שם—יד)

די דרייא מצות איז, א) אלע קרבנות וועלכע מען דארף ברייננען זאל מען ברייננען

ברייגנגען אין דעם ערשטען יו"ט פון מחויב ווערין דעם קרבן, ב) ניט מקריב צו זיין קיין מין קרבן אויסער דער עזרה, אז מען איז מקריב א קרבן אויסער דער עזרה קומט כרת. ג) מקריב צו זיין אלע קרבנות אין בית המקדש.

## תמב) רק בכל אות נפשך תזבח ואכלת בשר (שם—טו)

די מצות עשה איז, ווען עס געפאלט א מום אין קדשים זאל מען אויסלייזען אונ פאר די געלד קויפין איין אנדערין, אונ דער ווערט חולין אונ מען מאג איהם עסען.

## תמג תמד תמה) לא תוכל לאכול בשעריך מעשר דגנך ותירשך ויצהרך (שם—יז)

פון דעם פסוק איז ארויס גינומען דריי מצות. א) ניט צו עסען די מעשר שני פון די תבואה. ב) אונ ניט טרינקען וויין פון מעשר שני. ג) אונ ניט צו עסען קיין בוימאייל פון מעשר שני אויסער די שטאט ירושלים, די מעשר שני וועלכע ניט אויס גילייזט.

מעשר שני הייסט נאך דעם געבין מעשר צום לוי נעמט מען אראב נאך א מאהל מעשר הייסט דאס מעשר שני דער צווייטער מאהל מעשר, דאס ווערט גיגעסין אין ירושלים, אדער מען בייט אויס אויף געלד אונ פאר די געלד קויפט מען צו עסין אונ צו טרינקין אין ירושלים, איז איידער עס איז אויסגילייזט טאהר מען ניט עסען אונ טרינקען ניט אין ירושלים. אין פ' בחוקתי האבען מיר ערקלערט וועגין מעשר בהמה איז דאס אויך די וועלכע ערקלערונג.

## תמו. תמז תמח תמט תנ) ובכורת בקרך וצאנך וכל נדריך אשר תדור ונדבותיך ותרומת ידך (שם—יז)

דיא פינעף מצות איז. א) ניט צו עסען די פלייש פון בכור אויסער אין ירושלים. ב) ניט צו עסען קיין פלייש פון קרבנות חטאת אונ אשם אויסער דער עזרה. ג) ניט צו עסען קיין פלייש פון קרבן עולה. ד) ניט צו עסען קיין פלייש פון קדשים, בעפאר מען שפריינגט די בלוט. ה) די כהנים זאלען ניט עסען קיין בכורים אויסער אין ירושלים ניט קיין כהן טאהר קיין מאהל ניט עסען קיין בכורים זיין שטראף איז מיתה בידי שמים, אין פרשת משפטים איז ערקלערט ביי אונז וויא עס איז צוגעגאנגען דער ארדער פון ברייגנגען די בכורים אין ירושלים.

## תנא) השמר לך פן תעזוב את הלוי (שם—יט)

די מצות עשה איז ניט אב צו רייסין פון די אב גאבע וועלכע מען דארף געבין צום לוי אויך אין לאדין זיי אלע ימים טובים פרייען זיך צו זאמען שמחת החג.

אין

אין כְּלַל פון דֶער מִצְוָה אִיז, אויף אַלֶע פייֶערְטאג איין לאדין צו זיך יָתוֹם וְאַלְמָנָה אָרִימֶע. אוף דֶעם אִיז יֶעצְטִיגֶע צייט אויך אַ חִיוּב.

אַזוי ווִי דֶער שֵׁבֶט לֵוִי אִיז דֶער אויסְדֶערְוֵויילְטֶער פון צֶלֶע שְׁבָטִים צו נְאטס דינְסְט אונ לֶערְנֶען הּוֹרָה ייז די וָועלְט אונ דֶער שֵׁבֶט הָאט קֵיין אַנְדֶערֶע גִישֶׁעפְטִין הָאט גָאט גֶעוָואלְט זֵייֶער בְּרוֹיט זָאל זַיין רוּהִיג בְּכָבוֹד. זַיי זָאלֶען נִיט דארְפֶען זוּכֶען זֵייֶער בְּרוֹיט מִיט אֵייגֶענֶע יְגִיעָה, עֶס זָאל זַיי נִיט שְׁטֶערִין צו זֵייֶער חָכְמָה, דארוּם אִיז שְׁטְרֶענְג פֶערְבָּאטִין מֶען זָאל פון זֵייעֶרֶע אָב נֵאמֶע נִיט אָב רַייסִין. דאצו נָאךְ וואו עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב אִין יְרוּשָׁלַיִם וָוען אַלֶע יוּדִין בְּרֵיינְגֶען מִיט פון אַלֶעם נוּטְס פון צו הויז עוֹפוֹת פְּרוּכְטִין צום עֶסֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם, אונ דֶער לֵוִי הָאט דָאךְ נִיט. דאס גְלַייכֶען דֶער יָתוֹם די אַלְמָנָה, אונ דֶער אָרֶעמֶער הָאבֶען דָאךְ נִיט וְויא מְקַיֵים צו זַיין רִיכְטִיג שִׂמְחַת הֶחָג, מוּז עֶר זַיי צו זִיךְ אֵיין לַאדִין פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט זַיי בְּעֶנְאמֶען, טֵייל יוֹם טוֹב דארְף בַּיי אַ יוּדִין זַיין די שִׂמְחָה אַ שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה, נִיט נוּר אַלֵיין מִיט די אֵייגֶענֶער פאמִילְיֶע הֲנָאָה הָאבִּין אונ קֵיין צְווייטֶער זָאל פון דֶעם נִיט גֶענִיסֶען, דֶען דאס אִיז נִיט דֶער דֶרֶךְ פון יוּדִין.

פון דֶער מִצְוָה אִיז צו שְׁלִיסִין יֶעדֶער יוּד זָאל פארְשְׁטֶעהֶען צו שְׁטִיצִין בְּכָבוֹד די תַּלְמִידֵי חֲכָמִים דֶען זֵיי זֶענֶען די מַחְזִיקֵי הָאֱמוּנָה וְהַדָּת ווִי דֶער שֵׁבֶט לֵוִי אִין זֵייעֶר צייט זֵיי זֵיינֶען דֶער יְסוֹד פון דֶער וֶועלְט, אונ פְּשִׁיטָא, מֶען זָאל חָלִילָה נִיט נוֹגֵעַ זַיין אִין זֵייעֶר פַּרְנָסָה, דֶער וָועלְכֶער זוּכְט זֵייעֶר נוּצֶען אונ הָאט אויף זֵייא רַחֲמָנוּת אויף דֶעם הָאט מֶען רַחֲמָנוּת מִן הַשָּׁמַיִם, אונ אִיז זוֹכֶה מִיט זֵיי אַ טְהֵייל צו הָאבֶען בְּעוֹלָם הַבָּא.

## תנב) וְזָבַחְתָּ מִבְּקָרְךָ וגו׳ וּמִצֹּאנְךָ כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִךָ (שם—כא)

די מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, פון די פְלֵייש וָועלְכֶע ס׳אִיז כָּשֵׁר צום עֶסֶען זָאל מֶען שֶׁעכְטִין אונ נִיט עֶסִין אָהן שְׁחִיטָה [1] דֶער צו גאנְג פון שְׁחִיטָה מִיט אַלֶע דִינִים אִיז יָדוּעַ צו שׁוֹחֲטִים, דארוּם הָאבִּין מִיר נִיט נֵייטִיג צו רֵיידִין אִין דֶעם.

## תנג) וְלֹא תֹאכַל הַנֶּפֶשׁ עִם הַבָּשָׂר (שם—כג)

די מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה אִיז נִיט צו עֶסִין קֵיין אָב גֶעשְׁנִיטֶענֶעם גְלִ״ד פון אַ בְּהֵמָה אָדֶער אַ עוֹף.

## תנד) רַק קָדָשֶׁיךָ אֲשֶׁר יִהְיוּ לְךָ וּנְדָרֶיךָ תִּשָּׂא וּבָאתָ (שם—כו)

די מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, די קָרְבָּנוֹת וָועלְכֶע עֶס וָוערְט גֶעבְּרַאכְט פון חוּץ לָאָרֶץ דארְף מֶען זִיךְ מִיט זֵיי בֶּעמִיהֶען אִין אַלֶע זֵייעֶרֶע נויטְוֶוענְדִיגְקֵייט בִּיז מֶען בְּרֵיינְגְט זֵיי אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.



1) זעה אין דער הקדמה.

## תנה תנו) לא תוסף עליו—ולא תגרע ממנו (יג—א)

די צוויא מצוה לא תעשה איז, גיט צו מעהרין אויף דיא תורה, אונ ניט צו מינערין פון דיא תורה. דאס מיינט מען אז קיין יוד טאר זיך ניט ערלויבין ניט צולייגין א מצוה אין די תורה. אונ ניט אראב נעמין א מצוה פון די תורה, סיי פון תורה שבכתב סיי פון תורה שבעל פה.

ד"ה ניט זיין פריי אראב נעמין א מצוה פון יודין אדער זיין צו פרום אונ צו לייגין מצות, נור וואס די חכמים האבען מתקן גיוועזן. צב"ש חנוכה מגילה אונ דאס גלייכען דאס האבין זיי געהאט רעכט צו דער צייט ווען עס האט גיפאדערט 1). ווייל די תורה הייסט תמימה א גאנצע, אונ צו א גאנצע זאך, קאן מען ניט צוא לייגין אונ ניט אראב נעמין, וואריום אז מען לייגט צו איז דאך שאהן א גאנצע מיט נאך עפעס, אונ אז מען נעמט אראב, פעהלט דאך, דער כלל מיר יודין האבין ניט קיין ערלויבונג פון זיך צו פוצין די תורה, ניט אראב נעמין אונ ניט צו לייגין.

## תנז) לא תשמע אל דברי הנביא ההוא (שם—ד)

די מצות לא תעשה איז ניט צו הערין קיין נביא אין דעם נאמען פון עבודה זרה.

מען טאר מיט איהם ניט בעציהען קיינע נישפרעך אדער בעטין ער זאל ציינן א צייכין, אדער עס זאל פאלען א טעות אז זיין צייכין איז אמת.

## תנח תנט תס תסא תסב תסג) לא תאבה לו ולא תשמע אליו ולא תחוס עינך עליו ולא תחמול ולא תכסה עליו (שם- ט) ולא יוסיפו לעשות כדבר הרע הזה (שם—יב)

די זעקס מצות לא תעשה איז. א) ניט אן צוא ביידין קיין שום מענטש פון יודין צוא דינען ע"ז. ווען עס איז אפילו ניט גערינט גיווארין קומט איהם סקילה פאר דעם אנבריידין צו דעם. ב) ניט ליבין דעם אנבריידער צו ע"ז. ג) ניט אב לאזין די שנאה פון מסית. ד) ניט מציל זיין דעם מסית פון טויט. ה) ווען מען משפט דעם מסית זאל מען אויף איהם ניט זוכין קיין זכות. ו) ניט שטילשווייגען אונ אכין א חוב אויף דעם מסית.

דארום איז אויף איהם אזוי שטרייגג פערזאגט גיווארין מעהר ווי אויף דעם גרעסטין פארברעכער, ווייל דיא אנפיהרער זיינען די ערשטע סיבה פון די שעבקשעס. אין שולחן ערוך הלכות שבת סי' ש"ו זיינען אב גיפאסקית די פערפאסער די מעתיקים די דרוקער די פארקויפער די פערפאסונג וועלכע גיגין דער אמונה פאר-

1) זעה אין עדות לישראל קאפיטל תשבע"פ סמיני.

פאר מסיתים אונ מדיחים.

ביי יעצטיגע אפענע פרייע וועלט דארף מען גוט נאך קוקין אויף די ספרים אונ ביכער וועלכע זיינען געדרוקט אין דעם ארט אין וואס פאר א שפראך אין לשון הקודש אין זארגאן אדער אין א אנדער שפראך, וועלכע מען ברייננט אריין אין א יודישע הויז. מען זאל זיך ניט פערלאזין טייל מען קויפט ביי א ערליכין יודין איז סן הסתם כשר דען אין דיא זאך זיינען ערליכע יודין אויך פארפירט.

בעטראכט נור ווי אונ פארשעמט מיר זיינען, שטעלט זיך פאר ווען א שוהמאכער א שניידער, זאל אריין טראגין אין א מקום קדוש פארקויפין אין שול זייערע סחורה, געוויס וואלט מען ניט לאזין, אונ אז עס קומט א ערליכער יוד. אין א מקום קדוש אונ זעצט זיך פארקויפין אפיקורסיש'ה ביכער, אונ ביכער פון ראמאנען מיט לצנות צוזאמען מיט ספרים אונ תפילין אונ מזוזות, אונ קיינער ווערט ניט. נייינגסטין זאל דאס ניט האבין קיין איינטרעט אין די שולין, אויף דעם קלאגט דער נביא „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו" אזוי וויא די תורה זאגט אין אז אויף דעם מסית טאר מען קיין רחמנות ניט האבין אונ קיין זכות ניט זוכין אויף די פארפירער איז קיין זכות צו זוכין אויף די פארפירער פון די ביכער דאס זיי טוהען דאס איבער פרנסה.

נאכמעהר איז געווארין די וועלט אין דעם אויף געבראכין מען מאכט פון דעם גאנצע אגודות. אונ דאס איז נאך א סיבה פון צוזאמען קונפט בחורים ובתולות, דורך דעם לעזין די ביכער מאכט מען בעקאנטשאפט, דיא וועלכע פערדינגען דיא הייזער אויף דעם זיינען אויך א גורם אין דער זאך, אונ מיט א צייט קאן נאך אויסקומען דיא אגודות זאלען נאך אריין פירין אין דיא שולין האלטען פון דעם רעדעם.

## תסד) וְדָרַשְׁתָּ וְחָקַרְתָּ וְשָׁאַלְתָּ הֵיטֵב (שם—טו)

דיא מצות עשה איז, בית דין זאלען ריכטיג נאך פארשין די עדות, אויף וואס זיי קומען זאגען זייערע עדות, ווא די זאך איז געשעהען אונ די פינקטליכע צייט, ווען די זאך האט געטראפין, אונ נאך זייטיגע זאכען וועלכע דער עדות מוז וויסין, עס איז דא א אונטער שייד, אויף וואס דער עדות זאגט צוא אויף געלד זאכען צוא אויף דיני נפשות, אויף דיני נפשות דארף מען נאכמעהר נאך פארשין, ווייל דער גרעסטער קראפט אין דער וועלט איז איבער גיגעבין צו די עדות, ווען צוויי עדות קומען צו גיין זאגען אז דער גרעסטער מענטש אין דער וועלט האט געטייט א מענשין טוידט מען איהם קאנען דאך אב ביידין צוויי מענשין אויף איינעם צום טייטין. דארום פרעגט מען די ארום אונ מען פארשט זיי ארום, ביז די פאלשע עדות מוז ארויס קומען.

## תסה תסו תסז) וְשָׂרַפְתָּ בָאֵשׁ אֶת הָעִיר וְאֶת כָּל שְׁלָלָהּ לֹא תִבָּנֶה עוֹד—וְלֹא יִדְבַּק בְּיָדְךָ מְאוּמָה מִן הַחֵרֶם (שם—יו—יח)

דיא דריי מצות איז. א) צו פארברענגען די שטאט, מיט זייערע גוטעס, וועלכע עס זיינען פארפירט געוואררן צו דינען ע"ז. ב) די שטאט טאר קיין מאהל ניט אויף געבויט ווערין. ג) מען טאר ניט הנאה האבין פון די פערוויסטונג פון די שטאט.

דיא מצות לערנין אונז וויא טייט דער יוד דארף זיך דער ווייטערין פון א פארפירטע זאך. קיין מענטש איז ניט בעגלויבט אויף זיך צו זאגען מיר וועט ניט שאדין. מיינע קינדער זיינען ערהליכע. איך וועל לעזין אפילו א ביכיל, אדער איך וועל פער ריזין אין די ערטער וואס מען טוהט אום שבת מיך וועט ניט רירין פון דער אמונה.

זאגט אן די תורה אז די ערגסטע איז א פאר פירונג אין דער וועלט דאס איז שווער איהם צוא רייסין דאס קאן שאדין דעם גרעסטין אונ אויף אייביג. דער ארט פון דיא ערד ווערט טרייף. א טרפה כלי קאן מען נאך כשירין אבער א טרפה דעה בלייבט טרייף אויף אייביג, וויא באלד נאר אין די שטאט איז געדינט געווען עבודה זרה איז שוין די ערד טרייף ביז גרונד אז מען טאר איר שוין קיין מאהל ניט בויען. אונ עס איז טרייף אפילו א שטיינדיל א ווערדע פון א גראשין אויך טרייף אונ עס טאר בייא זיך פון דעם ניט בלייבין קיין האר גיבקס.

פון די מצוה איז צו שליסין ניט הנאה צו האבען פון דיא זאך וועלכע איז טרייף, ניט דווקא א טרפה זאך, אפילו א כשר'ה זאך, נור אז איך נעם אויף זיך א איסור ווערט עס טרייף אונ מען טאר פון דעם קיין הנאה האבען. צב"ש מען רעדט אב א פאראיין צוא געמין אין איין ארט א עסינוואורג הייזין זאלין. טאר מען זיך אין דעם ניט גרינג מאכען איינקויפין אין א אנדער ארט. אונ דאס גלייבין נוייל אויף דער זאך איז ארויף געצויגין א הסכם פון טרייף.

## תסח) לֹא תִתְגֹּדְדוּ [1]) וְלֹא תָשִׂימוּ קָרְחָה בֵּין עֵינֵיכֶם לָמֵת (יד—א)

די צוויי מצות לא תעשה איז. א) ניט צו וואונדין זיך, אדער איין שנידין זיך אין די פלייש פון פערדרוס אויף א טויטין. ב) ניט אויס צו פליקין זיך די האר פון קאפף פון פערדרוס אויף א טויטין.

ביי

---

1) בכלל זה, שלא תעשו אגודות אגודות וסמכו חז"ל על הדל"ת המותר. מי לא יבין מלחץ זו הדחק של הדרש. אך הסכת ושמע איך מוכח הדבר מתוכו ברעיון אחד ומצאו חז"ל את הדרש בהדל"ת, כי ברעיון הן שוין. טעם דלא תתגדדו על המת משום דמיחזי כשתי רשויות כנודע, ושני בתי דינין בעיר אחת הללו מורין כב"ש והללו כב"ה מיחזי בשתי רשויות (עיין יבמות טו).

בַּיי דֶעם שְׁבַיִיט אִין דֶער תּוֹרָה בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹהֵיכֶם. דָאס הַייסְט אִיהר דַארְפְט צוּ פִיל נִיט קְלָאגִין, אִיךְ בִּין אַ פָאטֶער מַיינְט נִיט אַז אִיךְ טוּהֶע אַייךְ שְׁלֶעכְטֶעס, וַוייל אִיהר זֶעהט נוּר דִי צַייט וָואס פַאר אַייֶערֶע אוֹיגִין אָבֶּער דִי צוּקוּנְפְט זֶעהט אִיהר נִיט מַיינְט אִיהר אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁלֶעכְט, אִיךְ וַוייס אָבֶּער דִי קוּנְפְטִיגֶע צַייט, וֶועט נָאר פוּן דִי רָעָה אַרוֹיס אַ טוֹבָה, מַיין שְׁלֶעכְטֶעס טָאן אַייךְ אִיז לְטוֹבָה, עֶס אִיז נוּר וִוי אַ פָאטֶער שְׁטְרָאפְט זַיין קִינְד, וַוייל עֶר מַיינְט זַיין טוֹבָה. דַארוּם אִיז דֶער דִין דָאס מִיטִין זֶעלְבֶּען מוּט וָואס מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה אוֹיף אַ שִׂמְחָה מִיטִין זֶעלְבֶּען מוּט דַארְף מֶען מַאכֶען אַ בְּרָכָה אוֹיף אַ צַער אוֹיךְ, וַוייל דִיא שְׁלֶעכְטֶעס הַייסְט גוּטֶעס, עֶר אִיז אַיין גָאט, דֶער זֶעלְבֶּער גָאט וָואס טוּהט שְׁלֶעכְטֶעס טוּהט גוּטֶעס דֶען דִי שְׁלֶעכְטֶעס אִיז אוֹיךְ גוּטֶעס 1). וִויא דִי גְמָרָא בְּרֶענְגְט. ר' עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט אִימֶער דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַיינְ־גִיוואהְנְט צוּ זָאגֶען. [כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד] ד"ה אַלֶעס וָואס גָאט טוּהט אִיז צוּא גוּטִין אַזוֹי וִויא ר' עֲקִיבָא דֶער צֵיילְט וָואס אִיהם הָאט גִיטְרָאפִין עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין וֶועג אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט הָאט עֶר גִיבֶּעטִין אַ לָעזִי צוּם נַאכְטִין, הָאט מֶען אִים נִיט גִיגֶעבִּין, זָאגְט עֶר כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד, הָאט עֶר גִינֶעכְטִיגְט אִין פֶעלְד, מִיט זִיךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַ הָאן צוּם אוֹיף וֶועקִין, אַ אֵייזִיל צוּם רַייטִין, אוּנ פַייֶער הָאט עֶר גִיבְּרֶענְט, אִיז גִיקוּמֶען אַ וִוינְד אוּנ אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דֶעם פַייֶער, זָאגְט עֶר אַלְץ וָואס גָאט טוּהט אִיז אַלְץ צוּ גוּטִין, אִיז גִיקוּמֶען אַ קַאץ אוּנ הָאט אוֹיף גִיגֶעסִין דֶעם הָאן. ר' עֲקִיבָא הָאט זִיךְ אַלְץ בַּייא זַיינְס, עֶס אִיז אַלְץ צוּ גוּטִין, בִּיז עֶס אִיז גִיקוּמֶען אַ לֵייב אוּנ הָאט אוֹיף גִיגֶעסִין דֶעם אֵייזִיל, ר"ע זָאגְט אַלְץ כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד, אִין דִיא זֶעלְבֶּע נַאכְט אִיז מֶען בֶּעפַאלִין דִי שְׁטָאט, אוּנ גֶעפַאנְגֶען דִי מֶענְטְשִׁין. הָאט ר"ע גֶעוִויזִין דִיא תַּלְמִידִים הָאבּ אִיךְ אַייךְ דֶען נִיט גֶעזָאגְט אַז אַלְץ וָואס דֶער בּוֹרֵא מַאכְט אִיז צוּ גוּטִין. וֶוען מֶען וָואלְט מִיר גִיגֶעבִּין אַ לָעזִי וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ גֶעפַאנְגֶען גֶעוָוארֶען מִיט אַלֶעם, וֶוען דִי פַייֶער וָואלְט גִיבְּרֶענְט וָואלְטִין זֵיי מִיךְ דֶער זֶעהֶען. וֶוען דֶער הָאן וָואלְט גִיקְרֵייט דֶער אֵייזִיל וָואלְט גֶעשְׁרִיעֶן וָואלְטִין זֵיי דֶער הֶערְט אוּנ מִיךְ גֶעפוּנֶען.

פוּן דִיא גֶעשִׁיכְטֶע קָאן זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ לֶעהְרֶע אִין זַיינֶע טְרֶעפוּנְג אִין דֶער וֶועלְט וֶועט עֶר זֶעהֶען וִויא רִיכְטִיג דָאס אִיז.

## תע) לֹא תֹאכַל כָּל תּוֹעֵבָה (יד—ג)

דִיא מִצְוָה לֹא תַעֲשֶׂה אִיז, נִיט צוּא עֶסֶען דִיא פְלֵייש פוּן קָרְבָּן וֶועלְכֶער אִיז פָּסוּל גֶעוָוארֶען.

כל

---

1) וזהו בנים אתם לה' אלקיכם מדת הרחמים והדין, וזהו הויה אלקינו בין רחמים בין דין הכל אחד,

## תעא) כָּל צִפּוֹר טְהוֹרָה תֹּאכֵלוּ (שם—יא)

די מִצְוֹת עֲשֵׂה אִיז. אוּנְטֶער צוּ זוּכִין אוֹיב דִי עוֹפוֹת הָאבֶּען דִי סִימָנִים וָועלְכֶע מֶען זָאל זַיי מָאגִין עֶסֶען.

יֶעצְטִיגֶע צַייט זָענֶען מִיר נִיט בָּקִי רִיכְטִיג אִין דִיא סִימָנִים, עֶסֶען מִיר נוּר דִי אָנְגִישְׁטֶעלְטֶע בֶּעשְׁטִימְטֶע עוֹפוֹת וָועלְכֶע מִיר הָאבֶּען בְּקַבָּלָה דָאס מֶען מָאג זַיי עֶסֶען.

## תעב) וְכֹל שֶׁרֶץ הָעוֹף טָמֵא הוּא לָכֶם לֹא יֵאָכֵל (שם—יט)

די מִצְוֹת לא תַעֲשֶׂה אִיז. נִיט צוּ עֶסִין קֵיין פְלִיהֶענְדֶע שְׁרָצִים. צב"ש, פְלִיגִין בִּינֶען אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע, דֶער כְּלַל אַלֶע פְלִיהֶענְדֶע שְׁרָצִים אִיז אָסוּר צוּ עֶסִין.

## תעג) לֹא תֹאכְלוּ כָל נְבֵלָה (שם—כא)

די מִצְוֹת לא תַעֲשֶׂה אִיז, נִיט צוּ עֶסֶען קֵיין נְבֵלָה. נְבֵלָה הֵייסְט דִי וָואס וֶוערְט טוֹיְדְט 1). אָדֶער עֶס אִיז גֶעוָוארִין אַ פְּסוּל אִין דֶער שְׁחִיטָה.

פְלֵייש פוּן נוּר אַ בְּהֵמָה, שָׁאף קֶעלְבֶּער צִיגִין, וָועלְכֶע מֶען שֶׁעכְט זַייא פָאר אַכְטְטָאג זַיינֶען זַיי גְלַייךְ צוּ נְבֵלָה וֶועגִין דֶעם הָאבֶּען מִיר גִירֶעדְט אִין פרשת אמור.

## תעד) עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר אֵת כָּל תְּבוּאַת זַרְעֶךָ (שם—כב)

די מִצְוֹת עֲשֵׂה אִיז, נָאךְ דֶעם וִויא מֶען הָאט אַרָאב גִינוּמֶען אַ צֶעהֶנְטִיל, די"ה מַעֲשֵׂר צוּא גֶעבִּין צוּם לֵוִי, זָאל מֶען אַרָאפ נֶעמִין אַ צֶעהֶנְטִיל פוּן דִיא גֶעבְּלִיבֶּענֶע תְּבוּאָה. ד"ה מַעֲשֵׂר שֵׁנִי דֶער צְווייטֶער צֶעהֶנְטִיל, דָאס גִיהֶער צוּם בַּעַל הַבַּיִת צוּ פִירִין אִין יְרוּשָׁלַיִם דָארְטִין צוּ עֶסִין, עֶר קָאן דָאס אוֹיסְבַּייטִין אוֹיף גֶעלְד, אוּנ נֶעמְט מִיט דִי גֶעלְד אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ פָאר דִי גֶעלְד קוֹיפְט עֶר דָארְט אִין יְרוּשָׁלַיִם צוּם עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען.

די מַעֲשֵׂר וֶוערְט אָפּ גֶעשֵׁיידְט פִיר מָאהל אִין אַ שְׁמִטָּה, הַיְינוּ דֶעם עֶרְשְׁטִין יָאהר אוּנ דֶעם צְווייטִין דֶעם פִירְטִין אוּנ דֶעם פִינְפְטִין יָאהר דֶעם דְרִיט'ן מִיט'ן זֶעקְסְט'ן יָאהר שֵׁיידְט מֶען אָפּ מַעֲשֵׂר עָנִי וִוי דִי צְווייטֶע מִצְוָה זָאגְט פָאר. בְּאֶמֶת דַארְף מֶען דִי מַעֲשֵׂר שֵׁנִי וָועלְכֶע מֶען שֵׁיידְט אָב עֶסֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם נוּר דִיא תּוֹרָה הָאט חס גֶעהָאט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשִׁינְס טִרְחָה צוּ פִירִין דָאס אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיז אִיהם עֶרלוֹיבְּט אוֹיס צוּ בַּייטִין אוֹיף גֶעלְד, אוּנ פָאר דִי גֶעלְד קֵייפִין דָארְטִין.

וֶועגִין דִיא מִצְוָה הָאבֶּען מִיר עֶרְקְלֶערְט סוֹף פ' בחקתי.



1) האוכל עוף טהור היה לוקה משום נבלה.

## תעה) מקצה שלש שנים תוציא את כל מעשר תבואתך (שם—כח)

די מצות עשה איז, דאס דעם דריטן און דעם זעקסטן יאהר נאך שמטה זאל מען איין צעהנטיל פון די תבואה אונ פרוכטן געבין פאר ארעמע, און דיא צוויי יאהרין ווערט גיט גינומען קיין מעשר שני.

## תעו תעז) שמוט כל בעל משה ידו—לא יגש את רעהו כי קרא שמטה לה׳ (טו—א)

דיא צווייא מצות איז, א) אין יאהר פון שמטה זאל די גע׳לענע שולדין פון די גאנצע זיבין יאהר וואס איינער לייט פון צווייטען פארלארין גיין. ב) ניט צו מאנען קיין שולד נאך שמטה עס איז אין דעם דא פיל פרטי דינים, דען ניט אלע שולדין גייט פארלארין אין שמטה, וויא עס איז ערקלערט אין חשן משפט, שמטה הייסט אלע זיבין יאהר ווערט גיציילט יעדער יאהר אונ דער זיבעט׳ער יאהר פון די זיבין הייסט שמטה וויא עס איז ערקלערט אין פ׳ בהר.

אויב דער לוה וויל אב געבין נאך שמטה דעם חוב ד׳ארף דער מלוה זאגען עס איז שמטה די געלד איז ניט מיינע, אויב דער לוה זאגט איך גיב דיר דיא געלד אלעס מתנה מאג דער מלוה נעמין. דאס איז אלס גירעדט אז עס גייט פארלארין דער חוב, אז ער האט ניט געמאכט קיין פרוזבול אז מען מאכט אבער א פרוזבול גייט דיא חובות ניט פארלארין.

פרוזבול הייסט דאס וואס ווערט געמאכט בייא בית דין אין יאהר פון שמטה, דער וועלכער האט חובות ביי אנדערע קומט ער צו בית דין אונ גיט איבער פאר בית דין דיא חובות בית דין זאלען דאס איינמאהנען. הייסט דאס גלייך ווי איינגעמאהנט. קאן ער שאהן נאך שמטה אב געמען זיין חוב.

פרוזבול האט מתקן גיוועען הלל הנשיא, ווייל ער האט איינגיזעהן דאס מען האט אויף גיהערט צו לייען מען האט מורא געהאט מען וועט נאך שמטה ניט אב געבין האט ער געמאכט די תקנה.

דארום גייט פארלארין אין יאהר פון שמטה זיין געלד ביי אנדערע ווייל דער מענטש קאן א טעות האבען אונ מיינען דאס ער האט מיט זיין חכמה אונ כח אויף גיטאן דאס געלד, ווייזט מען איהם אז מען איז ניט קיין בעל בעה אויף דעם איינענעם פערמאג, דען מען זאגט איהם גאר אן אז די גאנצע געלד זייגע גייט פערלארין, פארשטעהט ער שאן אז ניט דער מענטש מיט זיין קראפט איז דער אויף מוהער, נאר דער בורא עולם מיט זיין השגחה ער גיט דיר דעם קראפט צו ארבעטין אין דער וועלט.

דארום איז שמטה פון געלד נוהג נאר אין ארץ ישראל אונ שמטה פון געלד איז נוהג אין חוץ לארץ אויך ווייל דיא ערד אין חוץ לארץ קאן דער מענטש וויא ניט רעכינעןי פאר איינגע אבער אין ארץ ישראל די ערד איז דאך

אײנִיגֶע קָאן מֶען דָאךְ פַארְגֶעסְין אָן הַשְׁגָחָה, אוּנ דֵייגְקִין מֶען אִיז אַבַּעַל הַבַּיִת ווִי עֶס אִיז עֶרְקְלֶעְרְט בֵּיי שְׁמִטָּה אִין פּ׳ בהר. אָבֶּער דִי גֶעלְד אִיז דָאךְ בֵּיי דִיךְ אִין הַאנְד אִיז קֵיין אוּנְטֶערשֵׁייד פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּ חוּץ לָאָרֶץ דַארוּם אִיז שְׁמִטָּה פוּן גֶעלְד אוּמְעֶרִים.

אוֹיךְ וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעשְׁלִיסְין פוּן דִי מִצְוָה וֶוען מֶען אִיז נִיט קֵיין תַּקִּיף אוֹיף אַײגִין גֶעלְד אִיז דָאךְ גֶעווִיס אַז מֶען טָאר דֶעם צְווֵייטִינְס גֶעלְד מִיט אַײן עַוְלָה אִין קֵיין פַּ֫נִים נִיט רִירִין.

יֶעדֶער יוּד אִיז מְחוּיָב צוּ מַאכֶען אַ פְּרוֹזְבּוּל. אוֹיב נִיט, וֶוען עֶר מַאהְנְט נָאכְהֶער אִיז עֶר עוֹבֵר אַ אִיסוּר פוּן דֶער תּוֹרָה.

דִי וֶועלְט אִיז אִין דֶעם נַאכְלֶעסִיג, אַנְדֶערֶע הַאלְטִין דָאס נָאר פַאר אַ אַלְטִין מִנְהָג, וַוייל זֵיי וַוייסִין נִיט דֶעם טַעַם פוּן דֶער זַאךְ, אוּנ אַנְדֶערֶע בֶּעהִיטֶע נָאט לַאבֶּען נָאר אָפּ פוּן דֶער זַאךְ ווִי מֶען לַאכְט אָב פוּן אַלֶע הֵיילִיגְקַייט. וֶועגִין דִיא וָואס לַאכִין הָאבִּין מִיר נִיט וָואס צוּ רֵיידִין „הַלְעִיטֵהוּ לָרָשָׁע וְיָמוּת" אָבֶּער דִי נַאכְלֶעסִיגֶע זַיי זֶענֶען דָאךְ נָאךְ פֶּעסְט אִין דֶער אֱמוּנָה לוֹינְט עֶס אִיבֶּער אַ קְלֵיינֶע מִיהֶע עוֹבֵר זַיין אַ אִיסוּר פוּן דֶער תּוֹרָה.

## תעח) אֶת הַנָּכְרִי תִּגֹּשׂ (שם—ג)

דִיא מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, צוּ דְרִיקִין דֶעם גֶעצִינְדִינְגֶער עֶר זָאל אָב צָאהְלִין זַיין שׁוּלְד. דֶען אוֹיף זֵיי אִיז פֶערְזָאגְט נִיט צוּ הָאבִּין קֵיין רַחְמָנוּת, דֶען זֵיי פַארְלִירִין נָאר דִי מֶענְטְשִׁין רֶעכְט כָּל זְמַן זֵיי טָאפֶּען נִיט אַוֶועק זַייעֶר גֶעצִינְדִינְקְט.

## תעט) לֹא תְאַמֵּץ אֶת לְבָבְךָ וְלֹא תִקְפֹּץ יָדְךָ מֵאָחִיךָ הָאֶבְיוֹן (שם—ז)

## תפ פָּתֹחַ תִּפְתַּח אֶת יָדְךָ וגו׳ (שם—כג)

דִי צְווֵיי מִצְוֹת אִיז, א) נִיט צוּ זַיין הַארְט הֶערְצִיג גֶעגִין אָרֶעמִין, ב) עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ גֶעבִּין צְדָקָה.

מֶען דַארְף אוֹיס הַאלְטִין דֶעם אָרֶעמֶען מִיט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט נֵייטִיג, אוּנ מִיט וָואס עֶר אִיז גִיוֶועז אַײנְגֶעווָאהְנְט בֶּעפָאר עֶר אִיז פַארְאָרֶעמְט גֶעוָוארִין. אֲפִילוּ פֶערְד אוּנ דִינֶער דַארְף מֶען אִיהם גֶעבִּין אוֹיב עֶר אִיז אַײנְגֶעווֵיינְט.

דֶער שִׁיעוּר פוּן גֶעבִּין צְדָקָה אִיז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ נָאךְ זַיין פֶערְמָאג נָאךְ, אוֹיסְגַאמִיג קָאן דִי מִצְוָה דַארְף מֶען גֶעבִּין אַ פִינְפְטִיל פוּן פֶערְדִינְסְט, אוּנ דֶעם עֶרְשְׁטִין מָאל אַ פִינְפְטִיל פוּן גְרוּנְד קַאפִּיטַאל. דֶער וָואס הִיט צוּ גֶעבִּין אַ פִינְפְטִיל פוּן גְרוּנְד קַאפִּיטַאל. אִיז פַארְזִיכֶערְט פוּן הֶיזֵק 1). אוּנ וֶועט גֶעווִיס רַייךְ וֶוערִין מִיט

1) בײ רבי חיים וואלאזינער איז פארפאלין געווארין א האק האט ער איבער גירעכינט דעם חשבון פון מעשר האט ער געפונען א טעות הא פיל די האק טרעפט אן אונ בעצאלט נאכהער האט מען די האק געפונען.

מיט איבער פליסיגע פערמעגין. דער פינפטיל דארף געפירט ווערין מיט א חשבון. אין ספר אהבת חסד איז ערקלערט וויא צוא פירין דעם רעכענונג פון געבין א פינפטיל צדקה.

אפילו א ארעמאן וועלכער ווערט געשפייזט פון צדקה דארף ער אויך געבין צדקה פיל מעגליך איז.

דער וואס גיט ניט צדקה גייט מען איהם מיט בית דין.

דער וואס בעזיטצט זיין אויג פון צו זעהען די צדקה ווי צו העלפין דיא זאך, גלייכען איהם דיא חכמים צו איין געצינדינער. דער יוד וואס זיין האריץ איז האַרט אויף צדקה, דארף מען גאר נאך קלערין זיין יחוס אויב ער איז פון זרע אברהם, ווייל דער סימן פון זרע אברהם איז רחמנים בני רחמנים גומלי חסד בני גומלי חסד, אלע יודין הייסין ברידער וויא עס שטייט בנים אתם לה' אלהיכם, ווער זאל רחמנות האבען? אז ניט איין ברודער אויף דעם צווייטין, מען ווערט ניט ארעם פון צדקה, אין געגינטייל פון ניט געבין צדקה ווערט מען פאר ארעמט, ווי די גמרא ברייגנט ר' יוחנן בן זכאי איז געגאנגען מיט זיין חבריא פון ירושלים, זעהט ער וויא א פרוי קלויבט גערשטין פון צווישין די מיסט פון דיא בהמות פון דיא ערבים, ווי זיא האט דער זעהן ר' יוחנן האט זיא זיך ארום געהילט אונ גישטעלט פאר איהם, אונ זאגט רבי גיט מיר צוא עסין זיך פרעגט ער איהר זאג מיר מיין טאכטער און וועמין דו גיהערסט און זאגט זי איך בין די טאכטער פון נקדימון בן גוריון. אוי? שרייט אויס ר' יוחנן וואו איז אהין גיקומען דיין פאטערס פארמאג זאגט זיא רבי? דוא זאלסט דאס זאגען ווייסטו דען ניט דעם משל וואס מען זאגט אין ירושלים, מיט געלט זאלצט מען געלט. ד"ה אז מען וויל די געלד זאל האבען א קיום זאל מען מאן פון די געלד צדקה. אונ די געלד פון דיין שווינגער פאטער'ס הויז וואו איז אוועק גיקומען פרעגט ר' יוחנן בן זכאי? ענטפערט זיא, איינע האט אויף גיגעסין די צווייטע, אוי זאגט זיא רבי איהר גידענקט אז איהר האט זיך געחתמ'ת אויף מיין כתובה, אוי זיגט ער צו דיא תלמידים, איך גידענק ווען איך האב זיך געחתמ'ת האב איך גילייענט דיא כתובה האט בעטראפין א ערך פינף מיליאן רוביל.

ווען אויך נקדימון האט גיגעבין צדקה, וויא די גמרא דערציילט ווען ער פלעגט גיין פון הויז אין בית המדרש פלעגט מען אויסלייגין די וועג מיט ציידינס פון היבשע קלעדין גיין ארעמע צו נויף ליינין אונ צו נעמען.

ער האט אבער ניט גיטאן ווי מען בעדארף טאהן, וואס דער מענטש איז שולדיג דארף זיין צדקה מיט א גרעסערין געפיל זיין, בעסער אונ מער צום נוצין דער הילף זאל מיט א תכלית זיין אונ איבערלאזין א וואלטהאט א איבעריגע זאך אויף דער וועלט.

די געלד פיל א ייד איז מחויב צו געבין אין צדקה, די געלט בלייבט ניט ביי איהם עס גייט אוועק מיט שאדין אדער גאר מיט קראנקהייט חלילה, ווי דיא גמרא ברייגנט ר' יוחנן בן זכאי דאס גיזעהען מוצאי יום כפור אין חלום דאס אויף

זיין שוועסטערס קינדער איז נגזר געוואָרען זייא זאָלען דעם יאָהר שטאַרבען האָבען זיבען הונדערט גילדין האָט ער זיי גיגעבען אויף צדקה איז נאָך געבליבען ביי זיי זיבעציג גילדין פון דעם סכום האָבין זיי די 17 גילדין אָב געצאָלט שטראָף צו די רעגירונג. די גמרא זאָגט ווי עס איז אָן געהתמעט דעם מענטש שפייז ווי פיל ער דאַרף פאַרדינען אַזוי איז אָן געהתמעט איהם זאָל פעהלען דעם יאָהר, ווי פאַר גאַרט איז דאָס דער מענטש אַז ער איז גאַרט אויף צדקה, ער גיט דאָך ניט זיינע דען עס גייט דאָך אַלעס מיט השגחה. דאַרום זאָגט דער תנא גיב איהם פון זיינע וואָרום דוא אונד דיין פאַרמעג געהער צום בורא. אַז דער מענטש איז ווערט לעבט ער מיט זיין קאַפּיטאַל ווען ניט בעהיטע גאָט אָדער מען נעמט צו דיא געלד פון איהם, אָדער מען נעמט צו איהם פון די געלד.

צדקה דאַרף מען געבין בכבוד, ניט ערגערין זיך בעת געבין צדקה, ווען מען גייט אויף צדקה זאָך טאָר מען דיא גייער ניט אויף האַלטען, דען עס איז זיי שאַטין די צייט. אונד אָפּטמאָהל קאָן דאָס גאָר נוגע זיין אין פקוח נפש, וויא די גמרא ברייננגט עס איז גיוועזען אַ גרויסער מאַן מיט זיין נאָמען נחום איש גם זו דאַרום האָט מען איהם גירופין מיט'ן נאָמען גמזו. ווייל אַלעס וואָס איהם האָט גיטראָפין האָט ער גיזאָגט גם זו לטובה, דער צדיק גמזו איז גיוועזען אַ בלינדער אויף ביידע אויגען אונד אָבגעהאַקט ביידע הענד אונד אַרונטער גינומען ביידע פיס, אויך דער קערפּער פוהל מיט קרעציך, ער איז גילעגין אין אַ וואָהנונג וואָס האָט געהאַלטען ביי אייננפאַלין, די פיס פון בעט זענען געשטאַנען אין וואַסער. עס זאָלען אויף איהם קיין ווערים ניט קריכען. האָבען די תלמידים געוואָלט אַרויס טראָגען איהם פריער, נאָכהער אַרויס ראַטען די כלים, זאָגט ער זיי ניין פריער ראַמט אַרויס דיא כלים, ווייט זיכער כל זמן איך וועל זיין אין הויז וועט די הויז ניט איינפאַלין פרעגין זיי רבי אַז דו בינסט אַזוי אַ צדיק גמור וואָרום האָט זיך פון דיר אַזוי אויסגילאָזט, זאָגט ער צוא זיי מיינע קינדער איך האָב זיך דאָס זעלבסט אָן געמאַכט, איינמאָהל בין איך געפאַרין צו מיין שווינער פאָטער אונד האָב מיט זיך געפיהרט גילאָדין דרייא אייזלען, איינעם מיט שפייז, איינעם מיט געטראַנק איינעם מיט מהייערע פרוכטין איז געקומען אַ אָרעמאַן אין וועג אונד האָט מיר אָב געהאַלטען אונד זאָגט רבי שפייזט מיך, איך ענטפער איהם וואַרט ביז איך וועל אָב לאָדין די משא, איך האָב ניט בעוויזין אַראָב צו נעמען פון אייזיל דער ווייל איז ער גישטאָרבען, בין איך געפאַלין אויף זיין פנים אונד געזאָגט, מיינע אויגין וועלכע האָבען קיין רחמנות געהאַט אויף דיינע אויגין זאָלין בלינד ווערין מיינע הענד אונד פיס וועלכע האָבין ניט חס געהאַט אויף דיינע הענד אונד פיס זאָלען זייא אָבגעהאַקט ווערין, איך האָב זיך נאָך ניט בערוהיגט אונד האָב גיבעטין מיין קערפּער זאָל פול מיט קרעציך זיין, זאָגען די תלמידים רבי ווייא איז צו אונז אַז מיר זעהען דיך אין אַזוי איין לאַגע ענטפערט ער זיי ווייא וואָלט גיוועזען צו מיר אַז איהר וואָלט מיך גיזעהען אין אַ בעסערע לאַגע.

פון די ערציילונג קאן מען פארשטעהן ווי טייט מען דארף זיין געהיט אין געבין צדקה און געבין בכבוד און צו דער צייט און מיט א גוטע אויג ·

## תפא) השמר לך פן יהיה דבר עם לבבך וגו' (שם—ט)

די מצות עשה איז, ניט פערמיידן לייען געלד איבער דעם טייל עס גייט שמטה וועט ניין פארלארין די געלד ·

דער רבינו יונה זאגט ווען אז דיא תורה פערזאגט צוא לייען טען אפילו פילייכט וועט פערלארין גיין אין שמטה איז דאך געוויס אז א יוד טאר ניט אב זאגען צו לייען ווען ער איז זיכער מיט זיין געלד, ליידער אבער איז די מצוה פון הלואה זייער שוואך לא די וואס מען וויל ניט לייען קיין גמ"ח זאגט מען נאך א ליגין מען האט ניט און מען האט יא, וואהל איז די לייט וואס גרינדין חברות גמ"ח סומך נופלים אין יעדער שטאט, צו לייען דעם געדריקטין אויף א משכון אדער אויף דעם צווייטנס זיכע, זיכער איז מען און מען קאן אונטער האלטען כמה נפשות, דער רעבט איז די לייטע וועלכע עס מאנגעלט זיי ניט קיין געלד זאלען אב לייגין א בעזאנדערע סומע אויף צוא פערלייען דיא געדריקטע מענטשין ·

## תפב תפג לא תשלחנו ריקם—העניק תעניק לו (שם—יג יד)

די צווייא מצות איז. א) ווען איינער האלט בייא זיך א עבד עברי טאר איהם דער בעל הבית ניט ארויס לאזין ליידיג. ב) ער זאל איהם אן לאדין פון זיינע ברכת הבית ·

וויא עס איז מפורש אין דער תורה, דאס איז געווען אין דער צייט ווען יודין האבין געהאלטין יודישע דינער וויא עס איז מפורש אין פ' משפטים יעצטיגע צייט איז אויך א יושר ווען עס גייט אוועק א מענטש פון זיין שטעלע זאל מען איהם בעשיינקען ער זאל זיך האבען מיט וואס צו ערנערין ביז ער וועט האבין וואס צוא טאהן. ווארום דיא ערנסטע זאך א פארפלוכטע ברויט איז דער יוד וואס לעבט פון א שטעלע, ער דינגט צו א מענטשין און פארליערט זיין האפענונג. אין דעם טאג וואס ער טרעט אב פון די שטעלע האט ער שוין ניט אויף קארגין צום לעבען. איז א חוב אויף דעם בעל הבית ער זאל איהם ליידיג ניט ארויס לאזין ·

נאטירליך קאן איהם דער בעל הבית געבין א שטיצע נאר ביז ער האט וואס צו טאן. עס גיבט אבער וועלכע צו די עלטערע יארין ווערין זיי ענטזאגט פון די שטעלעס אדער חלילה עס בלייבין א אלמנה מיט יתומים דען איז א חוב קדוש אויף דעם בעל הבית נאך דעם ערך ווי פיל ער האט געדינט ביי איהם זאל ער איהם שטיצין צוא דיא עלטערע יאהרין אדער שטיצין זיין אלמנה אונ יתומים ·

גיבענקשט זענען דיא לייטע וועלכע האבען צווישען זיך א חברה; פריקאשציקעם. בעלי מלאכות וועלכע שטיצען זייערע חברים-ווען איינער פון זיי פארלירט די שטעלע אדער אין א נויט.

די חברה הייסט זעהר א וואלטהאטיגע זאך אבער ווי דארף געפירט ווערין כשר וישר עס זאל ניט זיין פארמישט מיט קיין סטאטוטען עס זאל נור געצילט ווערין צום תכלית פון דיא סטיצע אונ ניט קיינע אנדערע זאכען, דען קאן די חברה האבען א קיום בברכה והצלחה.

די חברה-דארף זיין געמאכט ע"פ חוק הממשלה, האלט דאס אויף שטענדיג.

## תפד תפה) לא תעבד בבכור שורך—ולא תגוז בכור צאנך (שם—יט)

דיא צווייא מצות איז. א) ניט צוא ארבייטען מיט די בהמות וועלכע זענין אב גישטעלט אויף קרבנות. ב) ניט צו שערין קיין שאף פון קרבנות 1).

## תפו) לא תאכל עליו חמץ (שם—טז ב)

דיא מצות לא תעשה איז, ניט צו עסען חמץ אום ערב פסח. פון די צייט ווא מען איז מקריב דעם קרבן פסח ביז ענדע טאג, אויסער דעם חיוב כרת וואס ליגט אויף דעם עסען חמץ אום פסח.

מען טאר ניט עסען חמץ ערב פסח נאך דיא פירטע שעה אונ נאך דיא פינפטע שעה טאר מען קיין הנאה האבען פון חמץ.

## תפז) ולא ילין מן הבשר אשר תזבח (שם—ד)

די מצות לא תעשה איז, דער קרבן וועלכער הייסט קרבן חגיגה וועלכער ווערט געבראכט מיט דעם קרבן פסח זאל ניט איבער בלייבין אויף דעם דריטען טאג.

## תפח) ושמחת בחגך (שם—יד)

די מצות עשה איז, צו פרייהען זיך דיא דרייא פייער טעג. פסח, שבועות, סוכות מיט די פרוי אונ קינדער. אין דער צייט פון בית המקדש איז בעשטאנען די שמחה, מען פלעגט מקריב זיין קרבנות שלמים אונ עסען. יעצטיגע צייט איז דיא שמחה מיט פלייש אונ וויין, מיט שיינע קליידער לכבוד יום טוב.

אויך איז מען מחויב משמח זיין ארעמע אונ איין לאדין צו זיך, אין דיא פייערטעג.

ווען אויך די שמחה בעשטעהט אין עסען אונ טרינקען דאך טאר מען זיך ניט צו פיל איבער געבין צו דעם נור פרייהען זיך מיט די מצוה פון יום טוב.

ווייסן

---

1) וה"ה בקדשי בה"ב מדרבנן עיין בספר מצוה"ש.

וויסן דעם קערייבונג פון יום טוב, לערנען די דינים פון יום טוב, ערקלערן דיא ימים טובים פאר דיא הויז פאמיליע, נאכדעם ווי דיא יעצטיגע וועלכע וועלכע מען מאכט גרינג דיא ימים טובים איז געווים א חוב דער פאטער זאל ערקלערן די קינדער פון קינדהייט אהן דעם געדאנק פון די ימים טובים, פרייען זיך אונ דאנקען דעם בורא פאר דיא נסים וועלכע ער האט מיט אונז געטאהן, וועלכע אויף דעם געבייטען די ימים טובים יורישע.

וויא גרוס דיא מצוה פון צוזאמען קונפט קומפאניעס פרייען זיך מיט שמחת יום טוב לייגער אבער איז פארקערט די שמחה צו טרויער ביי אנדערע, די שמחת יום טוב איז נאר בענייטיגט, אונ מען דיינקט גאר ניט וועגן דעם, נאר מען קלויבט זיך צוזאמען מאנספערזאן מיט פרויענצימער, מען עסט אהן א ברכה, ווייל די מצוה איז צו פרייען זיך מיט שיינע קליידער, געוויינליך ברייננט ביי אנדערע דיא מצוה נאר צו א עבירה מען נייט די קלייד אויף יום טוב אבער דיא כונה איז מען זאל זיין צוזעקליבין צו די וויזיטן אונ שפאצירן גיין אנשים ונשים.

אויף דעם זאגט דער נביא (חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי). דיה דער בורא זאגט אייערע פייערטעג פאר האס איך, דען דאס הייסט ניט קיין שמחת מצוה.

# תפט תצ) שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך וגו' (ולא יראה את פני ה' ריקם (יט—טו)

די צווייא מצות איז. א) צוקומען אין דיא דריי פייערטאג אלע מאנספערזאן פון גרוס ביז קליין וועלכע עס קאנען נאר גיין. ב) ניט צוקומען אין די פייערטאג אהן קרבנות.

דער צוזאמען קונפט אין בית המקדש דריי מאהל יערהרליך דער וועקט ביי אונז די אמונה, דען עס קומען צו זאמען אלע יודין אין איין צייט, ווערט עס פארשטייפט דער בונד צווישען יודין מיט דעם בורא. דען מען זעהט, די כהנים אין זייער ארבעט דיא לוים זייער ארבעט, די קדושה וואס ליגט אויף יעדע זאך אין בית המקדש, דיא השראת השכינה וואס אין בית המקדש. מאכט עס א איין דרוק אויף זיך מיט דיא קינדער כון איין פייערטאג ביז צווייטען צו וויסן וויא צו ערציהען די קינדער, ווי צו פירן די הייליגע יודיש.

די גמרא אין (ירושלמי פאה) דערציילט א געשיכטע, עראבישע גוים האבען אנגערעדט אזוי וויא דיא יודין וועלין אוועק עולה לרגל זאלין מיר זייער גוטען צונעמען דיא יודין זיינען אוועק עולה לרגל דיא ערטער זיינען געקומען האבען זיי געפונען חיות ארום די הייזער ארום געריינגלט פאר שומרים.

דיא גמרא (ירושלמי פאה) ברייננט, איינער איז אוועק עולה לרגל האט ער גילאזן זיין שייער התבואה אפן, האט ער געפונען צו ריכטיגע קעץ.

איינער איז אוועק עולה לרגל האט ער געוויינליך פערשלאסין די הויז עס

אין

איז אבער ווייניג זיבער כים א שלום אויף אזא צייט ביז צוריק קומען האט ער געפונען קומענדיג א שלאנג אויף דעם שלאס פון טיר, ווייל די צייט פון עולה לרגל האט דער בורא געשיקט שומרים אויף זייער גוטין.

רבי פנחס דערציילט אין דער שטאט אשקלון זיינען געוועזן צוויא ברידער, האבען זיי געהאט אין זייער הויף ערבער איינוואהנער האבען זייא אב גירעט צווישען זיך ווען זיי וועלין אוועק אין ירושלים זאלען מיר אויס רויבין זייער גוטעם. אז די ברידער זיינען אוועק געגאנגען, האט זיי השי"ת געשיקט אין די זייער מלאכי השרת אין גישטאלט פון דיא ברידער, ווען זיי זיינען געקומען צוריק פרעגין די שכנים ביי זיי וואו זייט איהר געוועזן. זיי זאגין אין ירושלים, פרעגין זיי ווען האט איהר אין דיא הייזער געלאזין. זיי ענטפערין קיין מענטש, זאגען די שכנים געלויבט איז דער יודישער גאט וואס זיי לאזין זיך נים אב פון שיהם באפיר לאזט ער זיך נים אב פון זיי.

# שופטים

## תצא) שפטים ושטרים תתן לך (שם—יח)

דיא מצות עשה איז, אויף צוא געמען דיינים צו ריכטען דיא דינים, אונ שמרים גיוועלטיגער, צו צווינגען דעם עולם צו היטען דעם דת, נאך דעם באפעל פון די דיינים.

אין דיא צייט פון בית המקדש איז גיוועזן איין אונ זיבעציג סנהדרין זייא הייסין סנהדרי גדולה דער גרעסטער פון זיי הייסט ראש הישיבה דאס איז דער נשיא, דער צווייטער פון איהם וועלכער איז גיוועזן דער גרעסטער פון דיא זיבציג, ער הייסט אב בית דין, ער איז גיזעסין ביי די רעכטע האנד פון נשיא, זייער זיצונג איז אויסגיקוקען האלב רונד וויא א האלבע לבנה כדי זיי זאלען זיך קאנען זעהען דורך צו בייזדין.

אויסער דיא סנהדרי גדולה. איז גיוועזן צווייא זיצונג סנהדרי קטנה צו דרייא אונ צוואנציג פערזאן, די סנהדרי גדולה אונ די סנהדרי קטנה דארפין זיין געבילדעט אין פיל שפראך אונ חכמות, זיי דארפען אויך קאנען חכמת הכישוף פיליכט קוקט פאר זיי פאר בן צוא זיין א מכשף דארפין זייא וויסין דעם ציא גאנו פון די ארבעט.

די שוטרים דארפין ארום גיין אין די גאסין זעהען דעם אויף פיהרונג פון עולם, זיי האבען קראפט צו נייטין וואס גיהער צום דת, בינדין אונ שלאגין צו פאלגין די רייד פון די דיינים.

ביי יעצטיגע צייט איז א חוב קדוש סשפתל צו זיין צו דעקאמען א רשיון

הַמֶּמְשָׁלָה. מֶען זָאל עֶרלויבּין פון רֶעגִירוּנְג אַכְטוּנְג גֶעבִּין אויף דֶעם יוּנְגֶען דור. אַזוי ווי זֵיי זַיינֶען פְרוּץ און ווילִין אוים בְּרֶעכִין דֶעם דת אין גאנְצֶען, און דוּרְךְ דֶעם וואס זֵיי הִיטִין נִיט דֶעם דת, נוֹארְפִין אַנְדֶערֶע פוּן זִיךְ אַרָאפּ אֵימַת הַמַּלְכוּת און פַאר שְׁמוּצִין אוּנְזֶער נָאמֶען בְּעֵינֵי הַשָּׂרִים וְהָעַמִּים. וֶוען נִיט חָלִילָה מִי יוֹדֵעַ וואס עֶס קָאן אַרוֹים קוּמֶען, אין יֶעדֶע שְׁטָאט דַארְף זַיין חֶבְרוֹת צוּ לֶערְנֶען מִיט אָרֶעמֶע קִינְדֶער ווי מִיר הָאבֶּען עֶרְקְלֶערְט אין פ׳ ויקהל.

## תצב) לֹא תִטַּע לְךָ אֲשֵׁרָה וגו׳ אֵצֶל מִזְבַּח ה׳ אֱלֹהֶיךָ (שם—כא)

## תצג) וְלֹא תָקִים לְךָ מַצֵּבָה (שם—כב)

דִי צְווֵיי מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה אִיז, א) נִיט צוּ פְלַאנְצִין קֵיין בּוֹים נֶעבִּין מִזְבֵּחַ וָואס אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. ב) נִיט צוּ מַאכֶען קֵיין מִזְבֵּחַ אוֹיסֶער אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ (לרש״י ולסמ״ג) און נִיט שְׁטֶעלִין קֵיין שְׁטֵיין אויף אַ צוּזַאמֶען קוּנְפְט פוּן מֶענְטְשִׁין צוּ דִינֶען גָאט, וָוען דִי גֶעצֶענְדִינֶער הָאבֶּען דָאס גֶעבְּרוֹיכְט.

## תצד) לֹא תִזְבַּח לַה׳ אֱלֹהֶיךָ שׁוֹר וָשֶׂה אֲשֶׁר יִהְיֶה בוֹ מוּם (שם—א)

דִיא מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה אִיז, נִיט מַקְרִיב צוּא זַיין קֵיין קָרְבָּן מִיט אַ מוּם וָועלְכֶער אֲפִילוּ עֶס קָאן זִיךְ אוֹיסְהֵיילִין.

## תצה) וְעָשִׂיתָ עַל פִּי הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ (שם—י)

## תצו) לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל (שם—יא)

דִי צְווֵיי מִצְוֹת אִיז, מֶען טָאר נִיט אִיבֶּערְטְרֶעטִין אִין קֵיין נָאךְ פוּן פֶערְזָאג פוּן דִיא חֲכָמִים וָועלְכֶע זֵיי עֶרְקְלֶערִין אוּנְז דֶעם דת רִיכְטִיג צוּ פַארְשְׁטֶעהְן.

מֶען מוּז פָאלְגֶען סַנְהֶדְרִין און דַיָּינִים אִין יֶעדֶע צַייט. וָוען זֵייעֶרֶע דֵייד אִיז גֶעבּוֹיט אַלֶעם אויף דִי דֵייד פוּן דֶער תּוֹרָה. און דִי קַבָּלָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, ווִי מִיר זָאגֶען אִין פִּרְקֵי אָבוֹת (מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי וּמְסָרָהּ לִיהוֹשֻׁעַ וִיהוֹשֻׁעַ לִזְקֵנִים וּזְקֵנִים לִנְבִיאִים וּנְבִיאִים מְסָרוּהָ לְאַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה) מֹשֶׁה הָאט אִיבֶּער גִיגֶעבִּין צוּ יְהוֹשֻׁעַ, יְהוֹשֻׁעַ צוּ דִיא זְקֵנִים, דִי זְקֵנִים צוּ דִי נְבִיאִים, דִי נְבִיאִים הָאבֶּען אִיבֶּער גִיגֶעבִּין צוּ הוּנְדֶערְט צְוָואנְצִיג מַאן דִיא גְרֶעסְטֶע בַּייא יוּדִין זֵיי הֵייסֶען אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה, זֵיי הָאבֶּען אִיבֶּער גֶעגֶעבִּין צוּ דִי תַּנָּאִים, דִי תַּנָּאִים צוּ אָמוֹרָאִים און אַזוֹי וַייטֶער, דִיא תַּנָּאִים וַאֲמוֹרָאִים וָואס פוּן זֵיי הָאבֶּען מִיר דֶעם הֵיילִיגֶען תַּלְמוּד הָאבֶּען גִירֶעדְט נָאנְץ קוּרְץ, און מִיר זוּכֶען נָאךְ צוּ פַארְשְׁטֶעהֶען זֵייעֶרֶע דֵייד, אויף דֶעם בֶּעשְׁטֵייט אַלֶע סְפָרִים וָואס אִיז גֶעמַאכְט נָאךְ דִי גְמָרָא.

אִין יֶעדֶע צַייט אִיז מֶען מְחוּיָּיב צוּ פָאלְגֶען דֶעם שׁוֹפֵט אִין זַיין דוֹר ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק. וְאֶל הַשּׁוֹפֵט אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם.

דער רמב"ם שרייבט ווען איינער גלויבט אין גאנץ תורה שבעל פה, נאר אין איין דין קריגט ער הייסט ער א זקן ממרא, אונ זיין מיתה איז חנק. ווען ער איז זיך מתודה האט ער עולם הבא, אבער די אפיקורסים וועלכע לייקענען אין דער תורה שבעל פה זייא ווערין געטייט אפילו נים דורך בית דין. דען אז מען גלויבט נים אין דיא היילינע גמרא, איז פיהל גלייך ווי מען גלויבט נים אין תורה שבכתב, ווארום אן דיא בייד פון די חכמים קאן מען נים פארשטעהן די תורת בשום אופן ווי מיר האבען ערקלערט אין עדות לישראל אין פרק תורה שבעל פה מסיני, נידערטרעכטיג אונ א רשע א אפיקורס הייסט דער וואס איז קעגען ווידער דיא חכמים.

דער רמב"ם שרייבט אין כלל פון דער מצוה איז, צו פאלגען דיא חכמים פיל גלייך אין דער זאך וואס זיי האבען בקבלה, אדער וואס זיי האבען אויף גיטאהן מיט דעם איינענעם פערשטאנד, אדער זייערע א תקנה, אונ נור וואס זיי טוהען, אויף צוא האלטען דעם דת, אדער א מנהג פון נביאים, אדער פון דיא חכמים א מנהג וואס יודין האבען אנגענומען הייסט עס תורה אונ מען טאר דאס קיין מאהל נים מבטל זיין אדער גרינג מאכען זיך אין דעם.

## תצז תצח) שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא (שם—טו)

## תצט תק) וְלֹא יַרְבֶּה לּוֹ סוּסִים וְלֹא יַרְבֶּה לּוֹ נָשִׁים

## תקא תקב) וְכֶסֶף וְזָהָב לֹא יַרְבֶּה לּוֹ מְאֹד וְכָתַב לוֹ אֶת מִשְׁנֵה הַתּוֹרָה (שם—טז טז יז)

דיא מצות איז. א) אויף צוא נעמען א מלכות בייא יודין. ב) דער מלכות טאר נים זיין פון קיין אנדער נאציאן. ג) דער מלכות טאר נים האבען קיין צו פיל פערד. ד) ער טאר נים האבען צוא פיל פרויען. ה) ער טאר זיך נים שאפין צו פיל געלד אונ זילבער צווא איינינע נוטצען. ו) ער דארף האבען געשריבען נאך איין תורה, דאס הייסט דער מלכות דארף האבען צוויי ספר תורה'ס איינע דארף ער האבען אין הויז וויא נור א יוד, אונ נאך איינע וועלכע זאל זיין אימער מיט אים וויא עס איז ערקלערט.

פאר דעם מלכות דארף מען פורכט האבען אונ איהם גרויס כבוד געבין מיטען טוים ווערט בעשטראפט א מורד במלכות.

דער מלכות דארף נור האבען איין פערד צום רייטין איין געארדיטע פערד אויף מלחמה דארף זיין פארטיג אן געברייט צוא יעדע צייט.

אויב ער האט פאר זיך מיט איין פערד מער שלאגט מען אים מלקות.

פרויען מיט פיל נשים מאג ער האבען ביז אכצעהן, אויב ער נעמט איינע מער זיא קאן אפילו זיין דיא גרעסטע צנועה, שלאגט מען איהם מלקות.

נאלד

נָאלְד אוּנ זִילְבֶּער מַאג עֶר נוּר הָאבֶּען צוּ פֶּעסְטִין דִיא קָאנִיגְרַייךְ.
אוֹצְרוֹת אוֹיף דִיא חַיִל צוּא דֶער מִלְחָמָה אִיז אַ מִצְוָה צוּ מֶערִין. אוֹיבּ עֶר
פֶּערְט נָאלְד אוּנ זִילְבֶּער זִיךְ צוּ בֶּעשַׁייגֶען אָדֶער פוּן גַאֲוָה וֶועגִין שְׁלָאגְט מֶען אִיהם
מַלְקוֹת.

דַארוּם טָאר עֶר צוּ פִיל פֶּערְד נִיט הָאבֶּען עֶס זָאל נִיט גְלוּסְטִין נָאךְ מִצְרַיִם
צוּ רַייזִין. דַארוּם טָאר עֶר קֵיין צוּא פִיל רַייכְטְהוּם נִיט שַׁאפִין אוּנ נִיט צוּ פִיל
פְרוֹיעֶן הָאבֶּען, דָאס זָאל אִים נִיט אַרָאבּ פִירֶען פוּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.
וַויא עֶס אִיז יָדוּעַ דָאס פְרוֹיעֶן הָאבֶּען בְּכֹחַ אַרָאבּ צוּ פִירֶען דֶעם גְרֶעסְטִין
מֶענְטְשִׁין, וַוי מִיר גִיפִינֶען בַּיי שִׁמְשׁוֹן הַגִבּוֹר, שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגִינוּמֶען
אִיהם וֶועט דִיא צוּ פִיל פְרוֹיעֶן אוּנ רַייכְטְהוּם נִיט שַׁאדִין טָאן, אַס עֶנְדֶע הָאבֶּען
אִיהם דִי פְרוֹיעֶן דָאךְ פַארְפִירְט.

דַארוּם דַארְף עֶר הָאבֶּען צְוַויי תּוֹרוֹת, אֵיינֶע וַויא נוּר אַ יוּד, דִיא צְוַויישְׁטֶע
תּוֹרָה מוּז עֶר הָאבֶּען, אַזוֹי וַוי דֶער מֶלֶךְ הָאט דָאךְ דֶעם קְרַאפְט אִין הַאנְד אֲפִילוּ
צוּ טוֹיטֶען אַ מֶענְטְשִׁין מוּז עֶר מִיט זִיךְ דִיא ס״ת הָאבֶּען עֶס זָאל אִיהם אִיטֶער
עֶרִינֶערִין עֶר זָאל דִי רֶעגִירוּנְג פִירֶען נָאךְ דֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

## תקג) לֹא תוֹסִיפוּן לָשׁוּב בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה עוֹד (שם—טז)

דִיא מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה אִיז, נִיט צוּ בֶּעזֶעצִין זִיךְ אִין מִצְרַיִם, צוּ פֶערְבְּלַייבִּין
דָארְטִין אַ אַיינְוואוֹהְנֶער, גִישֶׁעפְטְמֶעסִיג מַאג מֶען קוּמֶען אִין מִצְרַיִם.

דִיא מִצְוָה לֶערִינְט אוּנְז, נִיט צוּ וֶועלִין פֶערְבְּלַייבִּין אַ אַיינְוואוֹהְנֶער אִין דִי
לַאנְד וֶועלְכֶע אִיז פַארְדַארְבֶּען אִין יוּדִישְׁקַייט. צב״ש, אַזוֹי וַויא דִיא וֶועלְט
עֶסֶעגְרִירִין אִין אוֹיסְלַאנְד אַמֶערִיקָא, אַפְרִיקָא, נַאטִירְלִיךְ פוּן פֶערְגֶענִיגֶען טוּהט דָאס
קֵיינֶער נִיט, אַס נַייטִינְקְסְטִין פֶערְבְּלַייבִּין מִיט. דִיא פַאמִילְיֶע דַארְף מֶען נֶעוִּים נִיט
וֶועלִין, אִין דִי עֶרְטֶער וָואס אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ צוּ הִיטִין יוּדִישְׁקַייט, עֶס אִיז אַ חוֹב
אוֹיף יֶעדֶער יוּדִין וָואס זִיצְט דָארְט אַיין פִירִין דִיא וָואלְטְהַאטִיגֶע גֵייסְטִיגֶע זַאכֶען
וֶועלְכֶע עֶס פֶעהְלְט, אַ בֵּית הַטְבִילָה דָאס אִיז פְרִיעֶר פַאר אַלֶעס, דֶער יוּד וֶועלְכֶער
נֶעמְט אָבּ זַיין פַאמִילְיֶע אִין דֶעם אָרְט וואוּ קֵיין מִקְוָה אִיז נִיטָא אִיז גְלַייךְ וַויא
עֶר וָואלְט פַאר קוֹיפִין זִיךְ מִיט זַיין פַאמִילְיֶע צוּ גֶעצִינְדִינְגְט, אוּנ עֶר אִיז פַאר־
אַנְטְוָוארְטְלִיךְ אוֹיף עֶוִויג וָואס עֶר אִיז מְטַמֵּא דִיא וֶועלְט מִיט בְּנֵי נִדָּה, זַיין
שְׁטְרָאף אִיז אָהְן אַ בְּרֶעג וָוארוּם עֶר בְּרֵיינְגְט אַרוֹיף דֶעם אִיסוּר נִדָּה וָואס דָאס אִיז
אַ אִיסוּר כָּרֵת אוֹיף זִיךְ אוּנ אוֹיף זַיין פַאמִילְיֶע, אוּנ אִיז מְטַמֵּא דִי וֶועלְט, אוֹיף עֶוִויג

מֶען טָאר נִיט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין חוּץ לָאָרֶץ סַיידִין אַז עֶס
שְׁטַארְקְט זִיךְ דֶער הוּנְגֶער אָדֶער עֶר הָאט קֵיין אוֹיסְזִיכְט אוֹיף פַּרְנָסָה אִין אֶרֶץ
יִשְׂרָאֵל.

אֲפִילוּ גֵיין פִיר אַיילִין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר אוֹיךְ זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא
דִיא גְמָרָא זָאגְט, אַ יוּד זָאל בֶּעסֶער וואוֹהנֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צְווִישִׁין נָכְרִים
דיא

אײדער אין חוץ לארץ צווישען יודין, פון דעם איז צו פארשטעהן ווי גרויס דיא מצוה פון ישוב ארץ ישראל איז, דארום איז גרויס די מצוה פון ישוב ארץ ישראל ווייל דער בעשטימטער ריכטיגער ארט פאר יודין איז נור ארץ ישראל, ווייל דארטין קאנען מיר ריכטיג אוים היטין דיא גאנצע תורה, דארטין איז קאנטיג השראת השכינה.

צו דעם דארפין מיר שטרעבין, ווען יודין זענען שאן געזעסין אין א פארטיגע לאנד פון ארץ זבת חלב ודבש, אונ איז חרוב געווארען אונ ארץ ישראל האט זאל נים אויסבעסערין דיא פעהלערין פיר וואס דיא לאנד איז חרוב געווארען ווי דיא חכמים רעכענען אוים, וועלכע עקסעסטירט נאך היינט ביי אונז בטול תורה, שנאת חנם, פריצות פון עריות, דאמען מיט העריין אין צו זאמען קונפטין זאגען נאך צו פארשפרייטין ביי'ם המון עם ביכלאך אויף לשון הקודש אויף זארגאן, הייסט דאס אויך עבודה זרה. ווען אויך קיין אפינע עבודה זרה איז ניטא, אבער אפיקורס'ם וועלכע אויסגימישט.

## תקד תקה) לא יהיה לכהנים הלוים כל שבט לוי חלק ונחלה עם ישראל—ונחלה לא יהיה לו וגו' (שם—א ב)

די צוויי מצות איז, א) דאס דיא כהנים, אונ דער גאנצער שבט לוי זאלען קיין ערד ערבטהייל נים נעמען אין ארץ ישראל, ב) דיא כהנים אונ דער שבט לוי זאלען קיין טהייל פון רויב נים נעמען וועלכע מען בעקומט אין דער מלחמה פון פרעמדע נאציאנען.

דארום האט נים דער שבט לוי קיין טהייל אין דיא ערד, ווייל זיי זענען אבגעשיידט נור צו עבודת ה' אונ לערנין תורה די וועלט, מאכין זיי אויף זיך קיין אנדער עול נים טראגין, נור אויף זייער פרנסה האט מען זיי איינגעטיילט מתנות. נים נור דער שבט לוי אלא נור יעדער יוד, וועלכער זיין גייסט איז זיך מתנדב אבגעשיידט צו זיין פון דער וועלט צו זיין א עבד ה' אונ יאגט נים נאך מותרות והבלי הזמן איז ער גיהייליגט ער הייסט קודש קדשים, אונ דער בורא איז מיט איהם עוויג אונ איז איהם מזכה א רוהיגע פרנסה ווי דיא כהנים אונ לוים, אויף איהם זאגט "ה' מנת חלקי".

## תקו) ונתן לכהן הזרוע והלחיים והקבה (שם—ג)

דיא מצות עשה איז, צו געבין דעם כהן פון יעדער געשאכטינע בהמה, דאס שולטער שטיק אונ די קינבאקין אונ דעם מאגין.

## תקז) ראשית דגנך תירשך ויצהרך וגו' תתן לו (שם—ד)

די מצות עשה איז אב צו שיידין תרומה אונ געבין צום כהן.

דער מענטש וועלכער זיין אויג איז גוט אין יעדער זאך דער גיט איין טהייל פון פערציג, דער מיטעלער האראקטער גיט איינע פון פופציג, דיא שלעכטע אויג גיט איינע פון זעכציג.

אללע פרטי דינים פון די מצות איז ערקלערט אין רמב״ם.

## תקח) ראשית גז צאנך תתן לו.

דיא מצות עשה איז, צו געבין דיא ערשטע געשארענע וואל פון דיא שאף צום כהן.

דער שיעור פון דעם איז איין טהייל פון זעכציג.

אזוי ווי די כהנים האבען ניט קיין איינענע פערדינסט נור גאט האט זייער חלק איין גיטהיילט ביי יודין זיי זאלין שטיצין די כהנים, גיבין מיר זייא אלעם וואס זיי האבין נייטיג פון ערד וואוקס, פלייש צום עסען, וואל אויף קליידער, אויף אנדערע אויסגאבען האבען זייא צו פעלינע פון דער זייט, פדיון בכורים, גזל הגר, דאס הייסט ווען מען גזלת א גר וועלכער ער האט ניט קיין איינענע יורשים, דארף מען אב געבין די גזלה צו דיא כהנים, און אך אנדערע זאכין.

## תקט) וכי יבא הלוי מאחד שעריך

די מצוה איז, אזוי וויא דיא כהנים צו דער עבודה און דיא לוים צו זייער ארבייט איז איינגעטהיילט אין משמורים [געזאנדערע קאמפאניעס], דורך דעם גאנצען יאהר איז געווען אב געשטעלטע צייטין פאר יעדער קאמפאניע ווען זיי זאלין זייער ארבייט טאהן. אבער דיא פייערטאג פסח, שבועות, סוכות האבען די כהנים דאס גלייכען דיא לוים, צו זאמען גיטאהן זייער ארבייט, און די קרבנות וועלכע עס גיהער צום פייערטאג האבין אלע כהנים איין גלייכין טהייל גענומען אבער געוועהנליכע קרבנות וואס מען איז מקריב גיהער עס נור צו די קאמפאניע אין וועלכע דער יום טוב גיפאלט.

שמואל הנביא און דוד המלך האבען איין גיטהיילט אין פיר און צוואנציג משמורות כהנים און פיר און צוואנציג משמורות לוים, יעדער משמר איז אויס גיקומען צו טאהן דיא עבודה צוויא וואכין אין יאהר.

דיא נביאים האבין מתקן גיווען פון ישראלים אויך פיר און צוואנציג משמורים פריוואטע לייט זייא זאלין שטעהן ביים מקריב זיין דיא קרבנות וועלכע מען איז מקריב טעגליך פון דיא גימיינדע.

אויף יעדער משמר איז גיווען א עלטסטער איבער זייא ער הייסט „ראש המעמד״.

יעדער משמר אין זיין צייט פלעגין פאסטין מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך, דאנערשטאג, זייא פלעגין פארברייננען דיא טעג אין תפלות ותחנונים און קריאת התורה.

## תקי) לא ימצא בך וגו' קוסם קסמים.

דיא מצות ל"ת איז, מען טאר ניט ברויכען קיין צייבעריא גענאנקען דיא ארבייט גייט צו, אנדערע שלאגין מיט א שטעקין פיל מאהל אויף די ערד אונ שרייען מיט משונה קולות, ער טוהט אוים זיין געדאנקען אונ קוקט אויף דער ערד א צייט ביז ער זעהט אוים וויא א חולה נופל אונ זאגט וואס עס וועט פארקומען.

דער רמב"ם שרייבט אז ער האט דאס זעלבסט געזעהן אין ארצות המערב זאגט דער רמב"ם ווען אויך זייא טרעפין ווען עס איז, דאס איז אזוי א מין קראפט אין געדאנק אזוי וויא איינער איז שטארק אין קערפער אייסנאמיג, אונ דאס וואס זיי טוהען ביי דעם איז דאס נור איבער צו רעשין דעם נאראד.

אויך טאר מען בייא זייא ניט פרעגין. אונ מען טאר ניט פרעגין ביי דיא קארטין־אויסטארפער. פיל פראסטע איינפאכע מענשין אונ דאס מעהרסטע פרויען זיינען פארטארט אין דעם, ווען נור עס טרעפט א שאדין אין הויז לויפין זייא באלד אויסווארפין אין קארטין.

## תקיא) לא ימצא בך וגו' ומכשף. תקיב) וחובר חבר. תקיג) ושואל אוב. תקיד) וידעוני. תקטו) ודורש אל המתים.

דיא מצות איז, מען טאר ניט ברויכין קיין צויבעריא. דער שטראף פאר דעם איז סקילה (בזה"ב). ב) ניט צו בעשווערין קיין טהירע, שלאנגען, עגדעסין, אדער אנדערע חיות זייא זאלען ניט טזיק זיין, אדער בעשווערין עס זאלען צו קומען אויף איין ארט פיל חיות. ג) ניט צו פרעגין בייא דיא וואס ברויכין דעם צויבערקונסט פון אוב. ד) ניט צו פרעגין בייא דיא צויבערקונסט פון ידעוני. ה) ניט צו פארשטין מיט צויבערקונסט צו מתים, דאס הייסט דער מענש הונגערט זיך אוים אונ שלאפט אין בית הקברות דער מת זאל צו איהם קומען.

דיא פרטים פון דיא אלע מצות איז ערקלערט אין יורה דעה.

דער ספר חק לישראל אויף תרי"ג מצות שרייבט, אין פוילין איז א מאדע דאס פון א עין הרע ווענין א קינד גיסט מען וואקס אדער בלייא אונ דיא ווייבער זאגין דאס זייא זעהען גיטינקדיג דיא פיגורין פון דעם וואס האט גיגעבין דיא עין הרע, זאל מען וויסין אז דאס איז אויך א מין כשוף.

מיר האבין אויך געזעהן אין א ארט ווען עס שטארבט איינער פון דער משפחה א מאנספערזאהן אדער א פרויענצימער לייגט מען אין גארטיל אריין א קוויטיל דער בר מינן זאל איבער געבין אויבין דעם קוויטיל בעטין ביים

רבש"ע

רבש"ע פון יענעמ'ס וועגין אויף קינדער, ביי דעם איז דא צוויי איסורים, בחקותיהם לא תלכו און עהנליך צו רובש אל המתים.

## תקטז) אליו תשמעון.

דיא מצות עשה איז, צו הערין דעם אמת'ן נביא וואס ער זאגט פאר, אבער דער נביא וואס הייסט מבטל זיין א מצוה, אדער ער הייסט דינען עבודה זרה אפילו נור לפי שעה, דער הייסט א נביא השקר.

ווען עס פאדערט דעם נביא מבטל צו זיין א מצוה לפי שעה, צב"ש וויא אליהו בהר הכרמל ווען ער האט געדיספוטירט מיט פיער הונדערט פופציג פאלשע נביאים האט ער מקריב געווען א קרבן אויסער דעם מזבח, און נאט האט פון הימעל איין פייער אראב געשיקט זיין פערלאנג צו ערפילין דעם אמת ארוים צו טיינען.

דיא העכסטע ידיעה פון דער וועלט איז ביי דעם נביא, וועלכער צו דעם קומט נור צו איינער פון היגדערט טויזענדער מענשין, אין דער צייט ווען דיא וועלט איז ראווי צו דעם, בעציהט אויף איהם דער בורא איין געטליכען שיין, מוזין מיר איהם גלויבין, דען ער זאגט דאך גיט קיין אייגענע.

## תקיז יח) אך הנביא אשר יזיד לדבר דבר בשמי את אשר לא צויתיו. ואשר ידבר בשם אלהים אחרים וגו' 1). תקיט) בזדון דברו הנביא לא תגור ממנו. (יח—כג)

דיא מצות איז, מען טאר ניט זאגין קיין נביאות אין נאמען וועלכע איהם איז ניט געזאגט געווארין.

ב) מען טאר ניט זאגין קיין נביאות אין נאמען פון ע"ז.

ג) ניט צו פארכטין צו הרגע'ן דעם נביא השקר. זיין מיתה איז חנק מען איז איהם דן פאר איין און צוואנציג סנהדרין.

## תקכ) שלש ערים תבדיל לך. (יט—ב)

דיא מצוה איז, צו בעשטעטיגען שטעט אויף ערי מקלט וואו דער רוצח וועלכער האט ניטויט א מענשין אומגערן זאל אנטלויפין.

עס איז געווען זעקס שטעט, דרייא וועלכע משה האט בעשטעטיגט, דרייא

---

1) עיין בהחנוך.

דרייא וועלכע יהושע האט בעשטעטיגט. אין דיא צייט פון מלך המשיח וועט מען מעהרין נאך דרייא שטעט, ווייל דיא וועלט וועט ווערין גרעסער מיט מעהר יודין וויא עס שטייט אין פסוק (והלכו גוים רבים לאורך).

בית דין אררענגען איין וועגין צו דיא שטעט אונ פארברייטערין דיא וועג אב צו ראמען די שטיינדלעך, די בערגלעך אראב נעמען עס זאל זיין א גלייכער וועג, וואו עס פאדערט א בריק דארף מען מאכען א בריק.

דיא ברייט פון וועג דארף זיין ניט וויינגער וויא צוויא אונ דרייסיג איילין. אויף דיא וועג איז גיוועען סטאלביקעס אויפגישריבין „מקלט" „מקלט" זייא זאלען וויסין וואו צו לויפין.

## תקכא) ובערת דם הנקי. (שם—יג)

דיא מצוה איז, ניט רחמנות האבען אויף דעם רוצח. דער דיין זאל ניט זאגין ווען איין מענש איז שוין טויט וואס פיר א נוצין ברייננט אונז דעם צווייטין מענשין צו טויטין, אדער ווען דער דיין זאגט דער ארעמאן דארף צאלען קנס דאס איז דאך א וועלכע געלד וועלכע ער האט ניט גינומען מיטין האנט זאל דער דיין ניט זאגין ער איז א ארעמאן ער האט דעם שאדין גיטאהן ניט ווילענדיג.

## תקכב) לא תסיג גבול רעך. (שם—יד)

(ובחו"ל רק הלאו דלא תגזול או לא תגנוב)

דיא מצוה איז, ניט אריין צו נעמען דיא ערד פון צווייטין אין זיינע ערד, אויב מען נעמט דאס בעהאלטינערהייד הייסט מען א גנב, אויב מען נעמט דאס אפענערהייד הייסט מען א גזלן

יעדער יוד דארף בעסער צו היטין אייגענע אונ ניט פערלאנגען אדער גרינג מאכען זיך אויף פרעמדע ערד. אויף דיא עטליכע יאהר וואס מען לעבט אויף דער וועלט איז מען נאך אויך ניט זיכער דאס מען זאל איינהאלטין בייא זיך דיא ערד, אונ בייא דיא קינדער איז גאר זעלטין עס זאל דעם פאטערס פארמעגין בלייבין, אויף דיא מענשין האט דער נביא ירמיהו גילייגט א קללה (עושה עושר ולא במשפט בחצי ימיו יעזבנו) דיא לייט וואס פארזאמלען רייכקייט מיט פאלשקייט קומען אום פאר דיא צייט פון דער וועלט.

בעת השי"ת העלפט א יודין אז ער בויעט א הויז אדער ער צאמט א גארטין זאל ער נור היטין זיין ריכטיגען מצר.

ווען עס איז דא אין דעם א ספק דארף מען גיין צו בית דין דורך זעצין דיא זאך.

## תקכג) לֹא יָקוּם עֵד אֶחָד בְּאִישׁ וגו׳. (יט—טו)

דיא מִצְוַת ל״ת איז, בית דין זָאלֶין נִיט פַּסְקֶנֶען קיין דין דוּרְךְ אֵיין עֵדוּת.

עֶס איז דָא אויסְנַאמִינ וָוען עֶס איז כָּשֵׁר אֵיין עֵדוּת אויךְ וְוִיא עֶס איז עֶרְקְלֶערְט אין שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

בּארוּם הָאט דיא תּוֹרָה נִיט גִינְלוֹיבְּט אֵיין עֵדוּת, ווייל אֵיינֶעם קָאן זִיךְ אָב דוּכְטִין דיא זַאךְ אָדֶער פַּילַייכְט זָאגְט עֶר דיא עֵדוּת מִיט אַ פְּנִיָּה. אָבֶער צְווייֶען דוּכְט זיךְ נִיט, אונ צְווייא זַיינֶען נִיט אין חָשָׁד אויף אַ עַוְלָה.

## תקכד) וַעֲשִׂיתֶם לוֹ כַּאֲשֶׁר זָמַם לַעֲשׂוֹת לְאָחִיו. (שם—יט)

דיא מִצְוַת עֲשֵׂה איז, וָוען עֵדוּת זָאגִין אויף דֶעם צְווייטֶען אויף גֶעלְד אָדֶער לייב שְׁטְרָאף אונ מֶען הָאט אִיהם אָב גֶעפַּסְקֶנְת צוּ טָאהן זַיין שְׁטְרָאף נָאכְהֶער זַיינֶען גִיקוּמֶען אַנְדֶערֶע עֵדוּת אונ הָאבִּין עֵדוּת גֶעזָאגְט אויף אויף דיא צְווייא עֵדוּת אַז אין דֶער צייט וָואס זַייא הָאבֶּען עֵדוּת גֶעזָאגְט זַייא הָאבִּין גִיזֶעהִן די זַאךְ זַיינֶען זַיי גָאר מִיט אוּנְז גִיוֶועןִ אין אַ אַנְדֶער אָרְט ווייט פוּן דֶעם אָרְט, קוּמְט צוּ טָאהן די עֵדוּת דֶעם זֶעלְבִּין שְׁטְרָאף וְוִיא זַייא הָאבֶּען אִיהם גֶעוָואלְט בֶּעשׁוּלְדִינֶען 1).

## תקכה) וְהָיָה כְּקָרָבְכֶם אֶל הַמִּלְחָמָה וְנִגַּשׁ הַכֹּהֵן וְדִבֶּר אֶל הָעָם. (כ—ב)

דיא מִצְוַת עֲשֵׂה איז, אוּם צוּ עֶרְוֶוילִין אַ כֹּהֵן אין דֶער צייט פוּן מִלְחָמָה אַלְס פֶעלְד פְּרֶעדִינֶער עֶר זָאל רֵיידִין צוּ דֶעם פָאלְק דִירִינְדֶע רֵייד, שְׁטַארְקִין זַייא, זַייא זָאלִין נִיט שְׁוַואךְ וֶוערִין אין זַייעֶר אַרְבֵּייט.

פאר דֶעם צוּ בְּרֵייטִין צוּ דֶער מִלְחָמָה הָאלְט עֶר דיא רֶעדֶע אונ זָאגְט. פִי׳כְטֶעט זיךְ נִיט. זַייט נִיט מוּטְלָאסִיג אָפְּפֶערְט זיךְ פִיר דֶעם דָּת. שַׁאפְט זיךְ מוּטָה, נֶעמְט רַאכֶע פוּן דיא פֵיינְד.

וֶוער עֶס הָאט פוּן אֵייךְ אַ הויז גֶעבּויט אונ הָאט אִיהר נִיט בֶּעווֹאהְנְט, אָדֶער עֶר הָאט אַ גָארְטִין גִיפְלַאנְצְט אונ עֶר הָאט נָאךְ נִיט אויסְגִילֵייזְט דיא

פרוכט

---

1) המפרשים חתרו למצוא טעם מאי חזית דסמכית אהני סמוך אהני, ובדרך פשוט נוכל לומר כאשר מסרה התורה הנאמנות להעדים לחייב לזכות, לטמא לטהר, ואף בערי נפשות החמורות, ועל פי שני עדים רק כשרים הדין היתה אף על גדול שבגדולים, ואם כ״כ גדלה כחם פן ואולי חלילה ימצאו אנשי בליעל ויעידו בשקר כעובדא דבן ר׳ שמעון בן שטח, מצאה התורה עצה שייראו להגיד שקר פן יבאו אחרים ויזימום, וכ״כ עד סוף העולם, ולא כן בהכחשה אשר עכ״פ עצם המעשה אמת, שייך שפיר מאי חזית.

פרוכט פון פירצין יאהר, אָדער ער האט מקדש גיוועזן א פרויא און האט איהר נאך ניט געהייראט מיט חופּה. (פאַרצייטין פלעגט מען פריהער מקדש זיין און אין א יאהר ארום מאכען דיא חופּה), דיא אַלע זאלין צו הויז גיין, וויא עס שטייט מפורש אין דער תורה.

נאכהער פערזאגט דער פעלד פערדינער אום צו רופין קעגענט מאכען דעם עולם ווער עס האט פורכט אָדער א שוואַכע הארץ זאל ער צוריק גיין, דער וואס האט דיא קלענסטע זינד האט זיך צוריק גיקערט.

דיא וועלכע עס דאַרפין זיך צוריק קערין צו הויז, נאך זייער א וועקגיין ווערט איין געאָרדענט דיא מלחמה וויא נייטיג, נאכהער ווערט גישטעלט בייא דיא מיליטער א וואך עס זאל קיינער ניט אוועק גיין, ווער עס איז גילאפין האט מען געהאט רעכט איהם צו טויטין.

דאס איז אלעס גירעדט א מלחמה וועלכע מען האלט פון זיך דאס הייסט א מלחמת רשות, אבער א מלחמה וועלכע נאט הייסט האלטען, דאס הייסט א מלחמת מצוה דאן גייען אלע, אפילו א חתן פון אונטער דיא חופּה, ווייל דאן איז דיא השגחה גרעסער שאדעט שוין קיין זאך ניט, דען גאט הייסט דאך, אבער א מלחמה וועלכע עס איז ניט קיין מצוה, איז דיא אלע טוען זיך צוריק קערין ווייל זייא העלין זיין צו טראגין אין זייער זאך העלין זייא שוואך זיין אין דער מלחמה, אָדער איבער דעם בעל עבירה קאן מען חלילה גישטראפט ווערין.

פון די מצוה מוז דער גרעסטער אפיקורס מודה זיין אויף תורה מן השמים, שטעל זיך פאר, דער כהן רופט אוים ווער עס האט נאך ניט געהייראט זאל גיין צוריק, דיא צייט פון הייראטהען איז דאך צו צוואנציג יאהר און מיליטער נעמט מען אויך צוואנציג יאהריגע, איז שוין אראב דיא צוואנציג יאהריגע דיא רעכטע גבורי מלחמה.

נאכהער דיא וואס האבען הייזער נאך ניט בעוואהנט. דיא וועלכע האבען נאך ניט גילייזט דיא געדערנער, רעדין אראב דיא בעלי עבירות, און ניט נור גראבע עבירות, אפילו גרינגע עבירות (השח בין ישתבח ליוצר אור). נו! מיט וועמען פיהרט מען דעם שטרייט? און דער פיינד דער גענגער גרייט זיך אָן אללעס, אלא משה האט דאך פון זיך ניט גיזאגט, אזוי האט איהם דער בורא געהייסין שרייבין אין דער תורה, ווייל מיט יודין פיהרט דער בורא למעלה מן הטבע, און נור דער געטליכער קראפט האלט פאר אונז מלחמת, וויא מיר זאגין אלע טאג ה' איש מלחמה.

## תקכו) וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם.

דיא מצוה איז, ווען מען האלט מלחמה זאל מען קיין מורא האבין פאר דעם פיינד און ניט לויפין.

דער וואס שרעקט זיך אין דער מלחמה דארף וויסן דאס דיא בלוט פון דיא גאנצע חיל הייננט אן איהם, ווען ער אפפערט ניט דעם לעבען אין דער מלחמה אונ דיא מלחמה איז ניט גיגאלטין איי גלייך וויא ער וואלט דיא אלע פון זיינע לייט זעלבסט גיטויט.

## תקכז) וְקָרָאתָ אֵלֶיהָ לְשָׁלוֹם. (כ—י)

דיא מצוה איז, ווען מען האלט מלחמה זאל מען פריער אוים רופין אויף א שלום. 1)

## תקכח) לֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה. (שם—טז)

דיא מצוה איז, פון דיא זיבין פעלקער אונ דאס זיינען זייא, א) כנעני, ב) חתי, ג) אמורי, ד) פריזי, ה) חוי, ו) יבוסי, ז) גרגשי, ניט צו לאזין לעבין.

ווייל דיא זיבין פעלקער זיינען גיוועזן דיא ערשטע אנפירער פון עבודה זרה אונ אלע מיאוסע זאכין וועלכע השי"ת האט פיינד, דארום זיינען מיר פערזאגט זייא אוים צו מעקין ביז גרונד עס זאל פון זייא איין גידעכעניש ניט בלייבען, בכדי מיר זאלין זיך פון זייא ניט אב לערנען, ווען אז מיר דארפין זיך נאך יאגין אפילו איינעם פון זייא צו הרגנן וויא אזויא וועלין מיר שוין וועלין טאהן זייערע מעשים.

פילייכט וועט ווער וועלין פרעגין, וויא באלד אז מען טאר פון זייא ניט איבערלאזין צו וואס פאר א נוצין זיינען זייא גאר געקומען אויף דער וועלט. בייא דעם קאן מען זאגין פיל טעמים. ערשטינס קאן זיין אז זייא זיינען בעשאפין גיוועזן אויף גוט אונ זייא האבין זיך פערדארבין אז זייא זיינען ווערט דעם פסק, אונ אפשר האבען זייא ווען עטוואס גוטעס גיטאהן וועלכע איבער דעם זיינען זיי בעשאפין געווארין.

דיא זיבען פעלקער האט שוין דוד המלך ע"ה לאנג אום גיבראכט, נאר זייא געפינען זיך נאך פארמישט צווישן אנדערע פעלקער.

## תקכט) לֹא תַשְׁחִית אֶת עֵצָהּ. (שם—יט)

דיא מצות ל"ת איז, ווען **מען בעלאגערט** א שטאט אין דער מלחמה זאל מען ניט פערדארבין דיא פרוכטבוימער.

מען טאר קיין זאך וועלכע ברייננט נוטצין ניט פערדארבין, דהיינו ניט צו קרעכין קיין כלי גערין, ניט רייסין קיין בגד, ניט פארמאכען קיין ברוגען, אדער נור א עסין פארדארבין. אבער פון א נוטצן וועגין צב"ש ווי מען צו ברעכט א גלאז אינטער דיא חופה אדער א כלי אויף א תנאים דאס איז מותר.

א בוים וועלכער איז גאנץ אלט אונ גיט שוין גאנץ ווייניג פרוכט, אדער דער

---

1) לבד עם עמון ומואב עיין במצה"ש.

דֶער בוים פֶערְדֶארְבְּט דִיא אִיבֶּעריגֶע בּוימֶער. מַאג מֶען אִיהם אויסְהַאקִין.

דֶער מֶענְש דַארְף ווִיסִין אַז דֶער בּוֹרֵא הָאט אִיהם גֶעמַאכְט פִיר אַ גִיוֶועלְטִיגֶער אויף אַלֶעם וָואס אונְטֶער אִיהם, לֶעבֶּעדִיגֶע אונ נִיט לֶעבֶּעדִיגֶע זַאכִין נוּר צוּם נוּצְלִיכֶען גֶעבְּרויךְ צוּ וָואס דִיא זַאךְ נוּצְט אָבֶּער נִיט אִיבֶּער צוּ פִירִין דִיא זַאךְ אויסְבְּרֵיינְגֶען אִיהם נִיט צוּם אָב גִישְׁטֶעלְטִין נוּצִין.

דִיא גְמָרָא בְּרֵיינְגְט, ר' חִיָיא הָאט גֶעזָאגְט זַיין זָאהְן מִיט דֶעם נָאמֶען שַׁבְּתַאי אִיז גֶעשְׁטָארְבִּין נוּר אִיבֶּער דֶעם חֵטְא וָואס עֶר הָאט אויסְגֶעהַאקְט אַ בוים פַאר דֶער צֵייט.

## תקל) כִּי יִמָּצֵא חָלָל בָּאֲדָמָה. (כא—א)

דִיא מִצְוָה אִיז, וָוען מֶען גֶעפִינְט אַ טויטִין מֶענְשִׁין אונ מֶען ווֵייס נִיט וֶוער עֶס הָאט אִיהם גִיטֵייט. דַארְף דִיא שְׁטָאט וֶועלְכֶע אִיז נָאהֶענְט צוּם טויטִין בְּרֵיינְגֶען אַ עֶגְלָה עֲרוּפָה, דֶער צוּ נָאכְג אִיז אַזוֹי, מֶען מֶעסְט פוּן טויטִינְס קֶערְפֶּער צוּ דִיא שְׁטֶעט אַרוּם, דִיא שְׁטָאט וֶועלְכֶע אִיז גֶעהֶענְטֶער צוּם טויטִין דִיא שְׁטָאט בְּרֵיינְגְט דִיא עֶגְלָה עֲרוּפָה, דָאס הֵייסְט זֵייא בְּרֵיינְגֶען אַ קַאלְבּ אויף אַ פְּלַאטְץ אַ מָאהל, וֶועלְכֶעס אִין דֶעם מָאהל אִיז נִיט גִיזֵייט אונ נִיט גֶעאַרְבֶּעט גֶעוָוארִין, אונ מֶען הַאקְט דֶעם קַאלְבּ אַרָאבּ דִיא קָאפּ מִיט אַ פְּלֵייש הַאק. דֶער קַאלְבּ דַארְף זַיין אַלְט נִיט מֶעהר ווִיא צְווֵייא יָאהר.

דִיא זְקֵנִים פוּן שְׁטָאט וַואשִׁין דִיא הֶענְט אונ זָאגִין, אוּנְזֶערֶע הֶענְט הָאבִּין דִיא בְּלוּט נִיט פֶארְגָאסִין, דָאס הֵייסְט זֵייא הָאבֶּען קֵיין שׁוּלְד אִין זַיין טויט, ווייל עֶס קָאן אָפְּט מָאהל טְרֶעפִין דָאס זֵייא זָאלִין יָא שׁוּלְדִיג זַיין, וֶוען פִילֵייכְט אִיז דֶער מֶענְש גֶעגַאנְגֶען אונ הָאט דִיא וֶועג נִיט גִיטְרָאפִין, זֵיינֶען דָאךְ שׁוּלְדִיג דִיא זְקֵנִים פוּן שְׁטָאט פַאר וָואס עֶס פֶעלְט אִין דֶער שְׁטָאט דֶער אָרְדְנוּנְג פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, וֶועלְכֶע מֶען דַארְף דֶעם פְרֶעמְדִין עֶרְלִיךְ הַאלְטִין מִיט עֶסֶען אונ טְרִינְקֶען אונ בֶּעגְלֵייטִין ווִיא עֶס שְׁטֵייט גִישְׁרִיבִּין.

דֶער תַּרְגוּם יוֹנָתָן בֶּן עוּזִיאֵל שְׁרֵייבְּט, אִין דִיא עֶגְלָה עֲרוּפָה אִיז גִישֶׁעהֶן אַ נֵס, עֶס אִיז אַרויסְגִיקוּמֶען אַ וֶוערֶעמִיל פוּן קָאפּ פוּן קַאלְבּ אונ אִיז אַוֶועק צוּם רוֹצֵחַ אונ הָאט זִיךְ צוּ אִיהם אָנְגִיצֶעפֶּעט אונ אִיהם גֶעבְּרַאכְט צוּ דֶעם אָרְט וואו דִיא סִיבָּה הָאט גֶעטְרָאפִין.

## תקלא) אֲשֶׁר לֹא יֵעָבֵד בּוֹ וְלֹא יִזָּרֵעַ. (שם—ד)

דִיא מִצְוַת ל"ת אִיז, עֶס זָאל קֵיין מָאהל נִיט גִיטָאהן וֶוערִין אונ נִיט גִיזֵייט וֶוערִין אִין דֶעם מָאהל וואו מֶען הַרְגֶ'ט דֶעם קַאלְבּ.

דַארוּם קָאן מֶען זָאגִין דַארְף דֶער פְּלַאץ לֵיידִיג זַיין נִיט גִיזֵייט, דָאס וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען אויף דֶעם אָרְט זָאל קָאנְטִיג זַיין אַז אויף דֶעם אָרְט אִיז

זיטויט געוואָרין א מענש, עס זאָל איטער דיא רציחה ניט ווערין פארגעסין, צו פארשטעהן אויף עוויג וויא שענדליך רציחה איז ביא יודין.

# תצא.

## תקלב) וראית בשביה אשת יפת תואר. (כא—יא)

דיא מצוה איז, ווען יודין אין ארץ ישראל האבען רעכט נאך דעם דין התורה מלחמה צו האלטין, אויב אין דער מלחמה פארליבט זיך ווער אין א ליעבספערזאן פון פרעמדע נאציאנען, מאג ער איהר פיר א פרויא נעמען נאך דעם דין פון דער תורה.

ער ברייננט איהר אריין צו זיך אין הויז און פערזאנט איהר זיא זאָל זיך אב גאלין דיא האר פון קאפ און לאזין וואקסין די נעגיל און אראפ נעמען פון זיך איהרע שיינע קליידער וועלכע עס האט איהם דעם ריין נעמאכט, אזויא איז געוועזען דער דרך פון דיא אומות אוים צו פוצין זייערע טעכטער צו זנות. צו דעם דארף זיא נאך בעדויערין בעוויינען איהרע עלטערין א חודש צייט, דאס האט אלעס דיא תורה איהם פערזאגט ער זאָל זיך מיט איהר אזוי נוהג זיין, איהם צו פערצאמען זיין ווען דיא שלעכטע וואס ער איז נאך דיא אויג פון זנות נאך גינאנגען, גענין דעם פערזאג פון דער תורה ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם) אחרי עיניכם מיינט מען זנות, ווען זיא וועט זיך אזויא אויף פירין ויא דיא תורה הייסט וועט זיא דאך ביא איהם מיאוס ווערין, ווען זיא פארלירט איהרע שיינע האר און נייט מיט גרויסע נעגיל, [illegible] דיא אויגין געשוואלין פון וויינען א גאנצען חודש, וועט ער איהר גענוים צו איהם הויז אב שיקין. נאך אלע [illegible] אז ער וויל דאך איהר פערהאלטין, איז ער איהר מגייר, [illegible] אן בלייבט זיא זיינע א פרויא וויא אלע יודישע פרויען, אבער דעם שידוך וואס ער האט דא גיטאהן וועט ער זיך שאפין נאכהער.

דיא גמרא זאגט דיא פרשה פון בן סורר ומורה שטייט ביא דיא פרשה פון יפת תואר, צו וייזין אז פון דיא יפת תואר קומט ארוים א בן סורר ומורה.

## תקל"ג לד) לא תתעמר בה תחת אשר עניתה. (שם—יד)

דיא צווייא מצות איז, א) ער טאר דיא יפת תואר ניט פארקויפין וויא ער האט איהר אונטער זיין שוטץ ארונטער גענומען 1). ער קאן איהר נור

אב

1) אחר שבעלה, ולדעה זו שמותר לבועלה בגיותה אסור ג"כ למוכרה.

זאג שיקן צו הויז אין א יאהר ארום. ב) ער טאר איהר ניט אב שטעלין ביים זיך אין הויז פיר א שפחה אדער פיר א פילגש, נור זיא פערבלייבט זיין פריא ווי אלע יודישע פרויען.

דיא פרטי דינים פון דיא מצות איז ערקלערט אין רמב"ם.

## תקלה) ותלית אותו על העץ. תקלו) לא תלין נבלתו על העץ.

## תקלז) כי קבור תקברנו ביום ההוא. (שם—כב כג)

[וה"ה שאר המתים כל המלין את מתו עובר כלא תלין ומשום כבודו מותר].

דיא מצות איז, אויף צו הענגען דיא וואס קומט צו הענגען נאך זייער טויט, דער וואס האט גילעסטערט גאט, אדער א געצינדינער. ב) ניט לאזין דעם אויפגעהאנגענעם הענגען איבער נאכט. ג) דיא וועלכע ווערין גיטויט דורך בית דין זאל מען זיא דעם זעלבען טאג בעגראבין.

דער ארדענונג פון אויפהענגען איז אזוי, באלד ווי מען פארשטיינגט איהם שלאגט מען איין אין דער ערד א גרויסין האלץ, אונ דעם מענשין לייגט מען אריבער א האנד איבער א האנד, אונ מען הייגגט אויף פאר זונן אונטערגאנג, נאך זונן אונטערגאנג נעמט מען איהם אראב אונ מען בעגראבט איהם מיט דעם שטיין וועלכע מען האט איהם גיטויט אונ מיט דעם האלץ וואס ער איז געהאנגען, עס זאל ניט בלייבין אן אנדיינקונג פון זיין חטא אויף דער וועלט כדי זאל מער ניט ביידין וועגין איהם.

קיין מת טאר מען ניט האלטין איבער נאכט, נור פון זיין כבוד וועגין מאג מען.

פון דיא מצות איז צו שליסין וויא ווייט מען דארף פארזיכטיג זיין אין כבוד המת, אלזא דארף מען זעהן דאס דיא חברה קדישא זאל זיך אויף פיהרין ערליך, קיין נידערטרעכטיגע מענשין זאלין אין דער חברה קיין איינטרעט האבין, דען זיא קאנען אפט ברייגגען צו בזיון המת.

עס איז א חרם פון קדמונים ניט צו ביידין וועגין א טויטין. אין ספר חפץ חיים שטייט, אז אויף א טויטין איז אויך דא דער איסור פון לשון הרע, ביי דיא וועלט איז איין גירעדט אז מען וויל ביידין אויף א טויטין זאגט מען פריהער זאל ער מיר מוחל זיין, קאן מען שוין ביידין וויפיל מען וויל, דאס איז אבער א טעות, ערשטינס פאר וואס זאל ער מוחל זיין, אונ ווען ער זאל שוין מוחל זיין וויא באלד אז ביי דעם איז דא דער איסור פון לשון הרע איז דאך דער בורא ניט מוחל.

## הקלח) השב תשיבם לאחיך. תקלט) לא תוכל להתעלם. (כב—א ג)

די צווייא מצות איז, ווען מען געפינט א זאך וועלכע גיהער אן א צווייטין דארף מען איהם אב געבען.

כּאלד נֶעגין איהרֶע אוינין זֶעהן וויא מֶען נֶעמט בּייא איהר צו דיא קִינְדֶער אָדֶער דיא אֵייֶער וֶועלְכֶע בּייא איהר הַייסְט דָאס קִינְדֶער, אַזֶעלְכֶע פארדארבּענהייט טארין מיר ניט טאהן, וָוארום דיא פְּעוּלוֹת פוּן מֶענְטְשִׁין מאכט אויף איהם אַ איינְדְרִיק אַז עָס וֶועדְט בּייא איהם נאטירליך בּיז מֶען קאן ווערין אַ אַכְזָר אַ מֶערְדֶער, פארלירין דֶעם גאנְצִין יוּד. (עיין בחינוך)

דארום איז דיא מִצְוָה נוּר בּייא כְּשֵׁרָה פויגְלֶען, ווייל דֶער בּוֹרֵא הָאט גֶעוואלְט מיר זָאלין מיט פויגְלֶען טְמֵאִים קיין מַגָע וּמַשָׂא הָאבּין.

דיא מִצְוָה גייט נוּר אָן בּייא הֶפְקֵר, וָוארום וֶוען דֶער נֶעמְט הָאט אַ בַּעַל הַבַּיִת הַייסְט דָאך דָאס גְזֵלָה.

אִין דֶער גאנְצֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט נִיט קיין שָׂכָר פיר אַ מִצְוָה, ווייל עָס איז נָאר אוּם בֶּעגְרֶענֶעצְט אויף דֶער וֶועלְט דֶער שָׂכָר פוּן דיא מִצְוָה, אויף דֶער וֶועלְט קאן דיא מִצְוָה נִיט בֶּעצָאלְט וֶוערין אוּנ אויף דיא קִינְפְטִיגֶע וֶועלְט וויא גְרוֹיס דֶער שָׂכָר פוּן דיא מִצְוָה קאנֶען מיר נָאר נִיט מַשִׂיג זַיין, ווייל זיא איז דָאך אַ עֶוויגֶע וֶועלְט, וויא דיא תּוֹרָה הָאט אָבּ גִישְׁטֶעלְט בּייא שִׁילוּחַ הַקֵן (לְמַעַן יִיטַב לָךְ וְהַאֲרַכְתָּ יָמִים) זָאגִין דיא חֲכָמִים אַז דָאס מֵיינְט מֶען אויף דיא קִינְפְטִיגֶע וֶועלְט, וָוארום דיא נוּצְט פוּן דיא וֶועלְט הַייסְט נִיט קיין נוּטְעס, אוּנ דָא הַייסְט נִיט קיין לַאנְגֶער לֶעבִּין.

דֶער זֶעלְבֶּער שָׂכָר שְׁטֵייט בּייא כִּבּוּד אָב וָאֵם אויך, דָאס איז אוּנְז צוּ לֶערְנֶען מֶען זָאל זַיין אָבּ גֶעהִיט אִין דיא גְרִינְגְסְטֶע מִצְוָה ווי אִין דיא שְׁוֶוערְסְטֶע, וויא דיא חֲכָמִים זָאגִין (הֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה), כִּבּוּד אָב וָאֵם איז דיא שְׁוֶוערְסְטֶע מִצְוָה, זיא איז טָאג אוּנ נאכְט שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב מיט גֶעלְט אוּנ מיט קֶערְפֶּער בּייא זֵייעֶר לֶעבִּין אוּנ נָאך זֵייעֶר לֶעבִּין אִיז מֶען אַלְס מְחוּיָב אִין דֶער מִצְוָה, שִׁילוּחַ הַקֵן איז דיא גְרִינְגְסְטֶע מִצְוָה, מֶען איז מֶערְר נִיט מְחוּיָב אַז עָס טְרֶעפְט זִיך דיא מִצְוָה, מֶען דַארְף אָבֶּער אוּם דיא יָאהְרִין נִיט טְרֶעפִינְדִיג, דָאך הָאבֶּען זֵיי אֵיין שָׂכָר, שִׁילוּחַ הַקֵן דִי גְרִינְגְסְטֶע מיט כִּבּוּד אָב דִי שְׁוֶוערְסְטֶע.

(וּבגמ׳ נקראת מצוה קלה וע׳ ביו״ד במפרשים שיש מי שסובר כי המצוה נקרא ג״כ רשות).

## תקמו) כִּי יִפּוֹל הַנּוֹפֵל מִמֶּנּוּ.

## תקמז) וְלֹא תָשִׂים דָּמִים בְּבֵיתֶךָ. (כב--ח)

דיא צְוֵוייא מִצְוֹת אִיז, א) וָארוּם אַדַאך אָדֶער נוּר וָואס פיר אַ שְׁטֶעלֶע מֶען קאן דַארְפִין גִישֶׁעדִיגְט וֶוערִין, זָאל מֶען מאכֶען אַ שְׁטַארְקִין צָאם צֶעהֶען טְפָחִים דיא הויך.

ב) נִיט הַאלְטִין אִין הויז קיין זַאך וֶועלְכֶע עָס קאן שַׁאדִין טָאהן.

מֶען טָאר נִיט הַאלְטִין אִין שְׁטוּבּ אַ כֶּלֶב וֶועלְכֶער איז אַ מַזִיק.

מֶען טָאר נִיט הַאלְטִין קיין שְׁלֶעכְטֶע טְרֶעפּ אָדֶער אַ לַייטֶער.

איך איז א מצוה העלפען אן לאדען די משא צוריק.

אין פ' משפטים האבען מיר די מצות ערקלערט.

## תקמב) לא יהיה כלי גבר על אשה.
## תקמג) ולא ילבש גבר שמלת אשה. (כב—ה)

די מצות איז, פרויענצימער זאלין ניט גיין גיקליידעט ווי מאנספערזאהן, אדער אין די ציהרונג ועלכע עס איז אב גישטעלט נור פיר מאנסלייט.

ב) א מאנספערזאהן זאל ניט גיין קיין קליידער פון פרויענצימער, אויך ניט ניט טראגין קיין ציהרונג וועלכע איז בעשטימט נור פיר פרויענצימער, אונ ניט פוצין זיך די זעלבע פוצונג וויא פרויענצימער פוצין זיך, דהיינו ניט פארבין די האר, ניט פודערין זיך ווייל פרויענצימער טוהען דאס צו זייער פוץ. אויך ניט אייסקלייבין קיין ווייסע האר פון די שווארצע האר פון בארד אדער פון די פאות.

דער רמב"ם שרייבט, ביא די געצינדינער איז נאך איין געפיהט עד היום דאס מאנסלייט אונ פרויענצימער גייען די זעלבע קליידער גיקליידעט. פאר זייא פאסט דאס זעהר, זייא קליידען דאס, ווייל דאס איז די פארהעלטינגעם פון זנות, ווען אז זייא גייען די זעלבע קליידער איז דאך קיין אונטערשייד צווישין מאנספערזאהן אונ פרויענצימער קאנען זייא טרייבין אפענע זנות. אונז אבער ישראל קדושים איז דאס פערבאטין, מיר מוזין זיך ערווייטערין פון דעם, עס זאל קאנטיג זיין פיר אלעם אונזער היילינקייט אז אלע זאלין דערקאנען אונ רופין אונז ישראל קדושים.

בעונותינו הרבים ביא די יעצטיגע וועלט וויא דער לוקסוס עקסעסטירט איבעראל, אונ ביא אנדערע מאדעם גלייכען זיך איים מאנסלייט מיט פרויענצימער, מען טראגט די זעלבע היטעלעך אונ קראגינס מיט שניפסין, זיינען מיר מחויב מוזהר צו זיין דעם עולם אויף דעם אבהונג צו געבין די עלטערע אין שטאט, עלטערין אויף זייערע קינדער.

## תקמד) לא תקח האם על הבנים.
## תקמה) שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך. (כב—יו)

די מצות איז, ווען עס טרעפט זיך אז מען זעהט א נעסט מיט כשרה פויגלעך אונ די מוטער ליגט אויף די פויגלען אדער אויף די אייער, זאל מען ניט נעמען די מוטער מיט די קינדער אדער מיט די אייער, נור טאהן זיא די צווייטע מצוה זאגט פאר. מען זאל צום ערשט אוועק שיקין די מוטער נאכהער נעמען די קינדער אדער די אייער.

דער רמב"ן זאגט, דאפיר שיקט מען אוועק די מוטער ניא זאל גיט

באלר

באלד נעגין איהרע אוינגן זעהן וויא מען נעמט בייא איהר צו דיא קינדער אדער דיא אייער וועלכע בייא איהר הייסט דאס קינדער, אזעלכע פארדארבענהייט טארין מיר ניט טאהן, ווארום דיא פעולות פון מענטשין מאכט אויף איהם א איינדרוק אז עס ווערט בייא איהם נאטירליך ביז מען קאן ווערין א אכזר א מערדער, פארניכטין דעם גאנצין יוד. (עיין בחינוך)

דארום איז דיא מצוה נור בייא כשרה פויגלען, ווייל דער בורא האט געוואלט מיר זאלין מיט פויגלען טמאים קיין מגע ומשא האבין.

דיא מצוה גייט נור אן בייא הפקר, ווארום ווען דער נעסט האט א בעל הבית הייסט דאך דאס גזלה.

אין דער גאנצער תורה שטייט גיט קיין שכר פיר א מצוה, ווייל עס איז נאר אום בעגרעניצט אויף דער וועלט דעה שכר פון דיא מצוה, אויף דער וועלט קאן דיא מצוה ניט בעצאלט ווערין אונ אויף דיא קינפטיגע וועלט וויא גרויס דער שכר פון דיא מצוה קאנען מיר גאר ניט משיג זיין, ווייל זיא איז דאך א עוויגע וועלט, וויא דיא תורה האט אב גישטעלט בייא שילוח הקן (למען ייטב לך והארכת ימים) זאגין דיא חכמים אז דאס מיינט מען אויף דיא קינפטיגע וועלט, ווארום דיא נוטס פון דיא וועלט הייסט גיט קיין נוטעס, אונ דא הייסט גיט קיין לאנגער לעבין.

דער זעלבער שכר שטייט בייא כבוד אב ואם אויך, דאס איז אונז צו לערנען מען זאל זיין אב געהיט אין דיא גרינגסטע מצוה ווי אין דיא שווערסטע, וויא דיא חכמים זאגין (הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה), כבוד אב ואם איז דיא שווערסטע מצוה, זיא איז טאג אונ נאכט שבת אונ יום טוב מיט געלט אונ מיטין קערפער בייא זייער לעבין אונ נאך זייער לעבין איז מען אלם מחויב אין דער מצוה, שילוח הקן איז דיא גרינגסטע מצוה, מען איז מעהר גיט מחויב אז עס טרעפט זיך דיא מצוה, מען רעכט אבער אוים דיא יאהרין גיט טרעפינדיג, דאך האבען זיי איין שכר, שלוח הקן די גרינגסטע מיט כבוד אב די שווערסטע.
(ובגמ' נקראת מצוה קלה וע' ביו"ד במפרשים שיש מי שסובר כי המצוה נקרא ג"כ רשות).

## תקמו) כי יפול הנופל ממנו.
## תקמז) ולא תשים דמים בביתך. (כב--ח)

דיא צווייא מצות איז, א) ארום אדאך אדער נור וואס פיר א שטעלע מען קאן דארטין גישעדיגט ווערין, זאל מען מאכען א שטאקין צאם צעהען טפחים דיא הויך.

ב) גיט האלטין אין הויז קיין זאך וועלכע עס קאן שאדין טאהן.
מען טאר ניט האלטין אין שטוב א כלב וועלכער איז א מזיק.
מען טאר ניט האלטין קיין שלעכטע טרעפ אדער א לייטער.

מען דארף אכטונג געבין אויף דיא בויגעמער, אויף דיא קעלערין אויף די ברונעמער זייא זאלין זיין פערצאמט נאך דעם דין נאך.

אין פיל היינער איז דא קעלערין אין רעכטין אריין גאנג פון הויז אדער פון פארהויז, דארף דער ארט זיין ארומגעצאמט, ווען ניט קען דאס קען טרעפין דער גרעסטער אומגליק.

ביא אונז אין אונזערע מדינות וואו מען קאן ניט גיין אויף דיא דעכער, איז דער רעכטער חוב אכטונג צו געבין אויף דיא באלקאנען גאלעריעס און אין דיא ערטער וואו דער דאך איז גלייך פלאטציג, צב״ש אין צפת איז די דעכער דיא פאר צייטין, איז געווים דער וואס מאכט ניט קיין מעקה ביא דער דין, איז ער שטענדיג עובר אויף דיא מצות.

## תקמח) לא תזרע כרמך כלאים.

## תקמט) פן תקדש המלאה. (שם—ט)

די צוויי מצות איז, ניט צו זייען קיין תבואה אדער גרינסין מיט ווינטער־פרוכט צו זאמען.

פון דיא פרוכטין וועלכע גיזייט מיט תבואה אדער מיט גרינסין צו זאמען טאר מען קיין הנאה האבין פון דיא פרוכט און תבואה און גרינסין.

אלע פרטי דינים וואס הייסט כלאים, וועלכע מען טאר ניט זייען צו זאמען, און וויא וייט עס דארף זיין אפגערוקט איינע פון דיא אנדערע, איז ערקלערט אין יורה דעה.

די מצות גייט אן אין חוץ לארץ אויך אבער גרינגער ווי אין ארץ ישראל.

## תקנ) לא תחרוש בשור ובחמור יחדו. (שם—י)

דיא מצות לא תעשה איז, ניט אקערין אדער נור א ארבייט ניט צו טאן מיט צוויא בהמות איינע א טהורה און איינע א טמאה.

מען טאר זייא ניט שפאנען צו זאמען, אפילו ווען עס איז אנגיבונדין פון הינטין א בהמה טהורה צום וואגין פון א אינו יהודי, טאר מען ניט פארין אין וואגין, יעדער איינציגער וואס זיצט אין וואגין ווערט מיט מלקות געשטראפט.

מען טאר ניט צו בינדין צום וואגין א בהמה ווען אפילו מען זאל אליין ניט פארין אין וואגין.

דאס מערסטע ווערין קצבים נכשל אין דער זאך, זייא מאכין זיך גרינג און בינדין צו פון הינטין א בהמה, זייא רעכענען וויא באלד אז ער זיצט ניט אין וואגין האט ער קיין עבירה, זיינען מיר מחויב מודיע צו זיין דעם איסור פון דעם, און דער וואס וועהט דאס מוז איהם זאגין, און אויב ער פאלגט ניט זאל׳.

זאל מען דאס דערציילן דעם רב פון שטאט. איבערהויפט מאכן זייא זיך גרינג נוועל זייא זאגן עס איז שווער אוים צו קומען. אויף דעם איז מען דאך א יוד, ווען דען א קצב חלילה גרינג מאכען זיך אין א שאלה, און וואס עס טרעפט איז דאך וויא דער רב פסקנת, איז דאס אויך דיא זעלבע אז מען טאר ניט טוהט מען ניט.

דיא מצוה לערינט אונז, אז דער טהור מיט'ן טמא אמגיירין זיך ניט, זייא פארין קיין מאהל ניט צו זאמען קומען ווייל זייא הייסן ניט איין מין האבין זייא צער צו רוהען מיט ניט זייער מין און בפרט טאהן א מלאכה צו זאמען. דער פון קאן מען זיך ארוים נעמען א לעהרע ניט אוים צו קלייבין אין א זיווג א צדיק מיט א רשע א אורדינערע מענשין מיט א נכבד.

ווען אז דיא תורה איז חס אויף דעם צער פון בהמות איז דאך די תורה נאכמעהר חס אויף דעם צער פון מענשין וועלכע זייא האבען דאך א נפש משכלת און ווייסין זייער באשעפער.

## תקנא) לא תלבש שעטנז צמר ופשתים יחדו. (כב—יא)

דיא מצות לא תעשה איז, ניט אהן צו טאהן אויף זיך קיין שעטנז דאס הייסט א בגד וועלבער איז געמאכט פון פלאקס מיט וואל, אפילו איין פאדעם אין א גאנצין בגד, הייסט אויך שעטנז.

דער איסור פון שעטנז איז סיי עס איז געשפונען אדער געוועבט צו זאמען אדער צו נויף געניים צו זאמען, הייסט עס אלס שעטנז.

מען טאר ניט זיצין אויף שעטנז, אפילו עס איז ארויף געלייגט איינע אויף דיא אנדערע ביז צעהן זאכין אז דיא אונטערשטע איז שעטנז טאר מען ניט זיצין.

וועגין שעטנז איז פיל צו ריידין עס איז דא פיל דברים וואו דער יוד ווערט נכשל אין שעטנז.

לויט וויא מיר האבין דערנאנגען איז אזוי, דאס איז א כלל, די געוואנטין טוכין, דראפין, פון דיא גוטע סארטין איז דאס מעהרסטע ניטא קיין שעטנז ניט אין דיא שטאף ניט אין דיא אונטער פוטער, ווייל די גוטע סחורה ארבייט זיך דיא אונטער פוטער ניט פון שאנע

שאדע הייסט, דאס וואס מען קויפט אויף אלטע טיכער אלע סארטין קלייבט מען זייא ניט פערנאנדער נור מען מאכט זייא צו רעבט און זיי ווערין געשפונען און געוועבט צו זאמען און דאס ווערט געבראבט אויף אונטער פוטער פאר יודין ניט וויסינדיג אין שעטנז.

דיא פראסטע סחורה וואס רופט זיך בוקע צייג זייא ווערין געמאכט פון דיא שאדע וועלכע ניט פערנאנדער געסארטירט, ווייל זייא פארקויפן זיך בילליג א ערך א רובל א ארשין. איז געוויס פון דיא שאדע דיא אונטערפוטער

ווייל עס האט קיין רעכענונג צו לייגן אונטער פוטער פון דיא כשרה שאפע וועלכע מען סארטירט פערנאנדער פארין שפינען די וואלינע פון די פלאקסינע וויא עס האט זיך גיפירט מיט יאהרין צוריק.

גם וויא מען נייט יעצט אלע בגדים מיט שפייף־לייווינד, איז דא פון קאנאפלעס אונ פון פלאקס דארף מען נעמען מיט א סטעטפיל כשר.

ווען מען קויפט א אלטין בגד מוז מען פרובירין, ווייזין א מבין אויב עס איז ניטא קיין שעטנז, נים פערלאזין זיך אויף דיא פארקויפער, ווייל עס איז דא פיל סוחרים וואס מאכען זיך גרינג אין דעם, וויא עס איז גהנבע געווארין אז מען האט נאכהער געפונען שעטנז.

דיא גומע אין דיא שטיבילעטין איז ניטא קיין שעטנז, וייא זיינען פון וואהל אדער פון באנוויל, דער אויבערשטער וועב איז געווים וואהל, אלנא אזויא וויא עס ווערט אביין גילייגט איינווייניג לייווינד אונ דאס רוב ווערט עס מיט דאצקע לייווינד איז דאך דאס מיט דיא גומע שעטנז, זייגען מיר מחויב מכריז ומודיע זיין דעם עולם די זאגאטאווציקעס, די שוסטער, זאלין איינווייניג לייגין דיא פאצעווקע פון באנוויל, דהיינו נאמקע צייג אונ דאס גלייכען.

שיך פון קרייקעס אדער נור שיך פון טוך צייג, פון קערטיל, דארף מען זעהן עס זאל נים זיין קיין שעטנז, אין דיא שטאף אדער אין דיא פאציוועקע.

דער מדרש תנחומא זאגט, ווייל קין האט געבראכט א מתנה פון פלאקס אונ הבל האט גיבראכט פון וואהל, וויל דער בורא נים האבין דאס דיא מתנת פון זינדיגער זאל זיין געמישט מיט דיא מתנה פון ערליכען. איז דאס א לעהרע פיר אונזערע יונגע לייט וואס מען מאכט סאבראניעס, אויגדין, עס קומען צו זאמען דאמען מיט העררין אונ מען האלט זיך אונטער, אביסיל צו געשמייכעלט. אביסיל צו גיטאנצט, אין בופעט ווערט גילייגט א סך געלד אבער פאר קיין ביין ברכה נים, אפילו ווען דיא רוח פון דעם גייט אויף וואלטהאטיגע זאכען, איז דאס אויך שבייך, ווייל דער בורא וויל נים עס זאל זיך פארמישן דיא שלעכטעס מיט גוטעס.

## תקנב) כי יקח איש אשה ובא אליה. (כב—יג)

דיא מצוה איז, צו נעמען א פרויא מיט קדושין.

דיא פרטים וויא מקדש צו זיין א אשה אונ מיט וואס מקדש צו זיין איז פיל ערקלערט אין אבן העזר, נור בכלל וועלכעס עס איז נייטיג יעדער יודין צו וויסין איז, דאס ווען איז מקדש א אשה מיט געלט אדער מיט א ווירדע פון געלט.

דער מנהג איז מקדש צו זיין מיט א גאלדענעם רינג אדער מיט א זילבערנע מטבע. דער רינג דארף זיין פון ריינע גאלד אונ עס דארף אין איהם נים זיין קיין שטיינדיל.

ער זאגט פאר צוויא עדות הרי את מקודשת לי בטבעת אדער במטבע זו כדת משה וישראל. דאס הייסט דוא בינסט צו מיר פערהייליגט מיט דעם רינג אדער מיט דיא מטבע נאך דעם דת פון משה וישראל.

דער וועהר עס האט ניט קיין ידיעה אין דיא דינים פון קדושין טאר ניט מסדר קדושין זיין.

דער צו גאנג פון דיא קדושין מיט דיא ברכות אויב מען נעמט א בתולה אדער א אלמנה אדער א גרושה, איז גידרוקט אין דיא סידורים און ידוע צום כלל ישראל.

פאר דער חופה שרייבט איהר דער חתן א כתובה ע"פ דין.

דיא כתובה וועלכע ער גיט איהר ארוים אויף איהרע גרן דאס הייסט ניט קיין כתובה על פי דין ער זאל מאנין זיין מיט איהר.

נאך דער חופה גייט אריין דער חתן מיט דיא כלה אין א בעזאנדערין צימער, קיין אנדער פערזאהן טאר דארטין ניט זיין אין דעם חדר דאס רופט זיך יחוד. דאס איז א דין וואס דארף זיין ביי קדושין ניט קיין מנהג און מען טאר זיך ניט גרינג מאכין אין דעם, דיא מחותנים דארפין דאס בעזארגין נאך דער חופה.

דער מנהג איז דעם טאג פון דיא חופה פאסטין חתן כלה, מוזען תשובה און בעטין מחילה וסליחה, זייא דאוונען וויא ערב יום כפור און בעטין ביי דעם בורא יתברך זייער בונד זאל זיין אויף עוויג זייא זאלין פיהרין זייער וועלט עהרליך יודיש, עס זאל זיין שיין פיר גאט און פאר לייטין.

דער מנהג איז דיא חופה זאל זיין אונטער דעם הימיל, דאס איז א סימן פון הצלחה.

אויף דיא חתונה ט וואס טאנצין דאמען מיט העררין, טאר מען ניט זאגען שהשמחה במעונו, וויא מיר האבין ערקלערט אין פ' אחרי.

אז עס גייט פארלארין דיא כתובה דארף מען שרייבין א אנדער כתובה, אויב ניט טאר דער מאן מיט איהר ניט זיין בעזאמען.

דיא פרויען וועלכע גייען אין באס מיט דיא הוילע האר פארשפילין זייא דיא כתובה, איז נאך ערגער וויא זייא פארלירין דיא כתובה, דען זייא לעבין אימער מיט דיא מאנען אהן א כתובה.

תקנג) ולו תהיה לאשה. תקנד) לא יוכל לשלחה כל ימיו. (שם—יט)

דיא צווייא לא תעשה'ס איז, ווען דער מאן וואס האט גינומען א בתולה ציהט לייז אויף זיין פרוי, אנדערש ווי אלע יונגע פרויען, און עס איז ערפארין אז עס איז שקר, מוז זיא אויף אימער זיין פרויא בלייבין ווען אויך זיא איז א בליגדע א קרעציגע.

ער קאן פון איהר ניט לויז זיין קיין מזל מיט קיין גט אויסער אז זיא וויל א גט.

אויב עֶס אִיז דֶער גאנְגֶען נֶעוָוארִין אַז זִיא הָאט יָא מְזַנָּה גִיוֶועזֶען נָאךְ דִיא קְדוּשִׁין, קוּמְט אִיהר סְקִילָה, אויב עֶס אִיז שֶׁקֶר שְׁלָאגְט מֶען אִיהם מַלְקוּת אוּנ עֶר דַארְף צוּ צָאהלֶין דֶעם פָאטֶער הוּנְדֶערְט דָאלַאר, אויב זִיא הָאט קֵיין פָאטֶער גִיהֶער עֶס צוּ אִיהר.

## תקנה) וּסְקַלְתֶּם אוֹתָם בָּאֲבָנִים. (שם—כ״ד)

דִיא מִצְוָה אִיז צוּ פַארְשְׁטֵיינֶגֶען וֶועמֶען עֶס אִיז פַאר אוּרְטְהֵיילְט דִיא מִיתָה סְקִילָה.

דֶער צוּ גַאנְג פוּן מִיתָה סְקִילָה אִיז אַזוֹי: מֶען טוּהט אִיהם אוֹיס נַאקֶעט, אַ פְרוֹיעֶנְצִימֶער פֶערְשְׁטֵיינְט מֶען אָנְגִיטָאהן אִין אַ הֶעמְד. — מֶען פִיהְרְט אַרוֹיף דֶעם פַארְבְּרֶעכֶער אָדֶער דִיא פַארְבְּרֶעכֶערִין אוֹיף אֵיין שְׁטֶעל צְוֵייא מַאן דִיא הוֹיךְ וֶועלְכֶעס עֶס אִיז אוֹיף דֶעם אָבְגִישְׁטֶעלְט, דִי הֶענְד גֶעבּוּנְדִין אוֹיף הִינְטִין, אוּנ אַיינֶער פוּן דִיא עֵדוּת וֶועלְכֶע זָאגִין אוֹיף דֶעם עֵדוּת שְׁטוּפְּט אִיהם אַרָאבּ הִינְטֶערְטֵיילִיךְ, אויב עֶר בְּלַייבְּט פוּן דֶעם טוֹיט אִיז רֶעכְט, אויב נִיט נֶעמֶען בֵּיידֶע עֵדוּת אַ גְרוֹיסִין שְׁטֵיין וֶועלְכֶע צְוֵייא מֶענְטְשִׁין דַארְפִין אִיהם טְרָאגִין אוּנ מֶען וַוארְפְט אִיהם אַרוֹיף אוֹיף זַיין הַארְץ, אויב עֶר וֶוערְט דֶערְפוּן אוֹיךְ נִיט טוֹיט, בֶּעוַוארְפִין אִיהם דִיא גַאנְצֶע גִימֵיינְדֶע מִיט שְׁטֵיינֶער.

אוֹיף אַכְטְצֶעהן אוֹפַנִים פֶערְבְּרֶעךְ קוּמְט סְקִילָה, ווִי עֶס אִיז אוֹיסְגִירֶעכְנֶעט בַּייא יֶעדֶער מִצְוָה.

## תקנו) וְלַנַּעֲרָה לֹא תַעֲשֶׂה דָבָר. (שם—כו)

דִיא מִצְוָה אִיז, וֶוען עֶס טוּהט וֶוער אַ עֲבֵירָה וֶועלְכֶע מֶען הָאט אִיהם גֶעצְוואוּנְגֶען צוּ דֶעם, דְהַיְינוּ וֶוען מֶען צְווִינְגְט צוּ זְנוּת אַ פְרֵייליִן וֶועלְכֶע אִיז מְקוּדָּשׁ, דָאס הֵייסְט אַ נַעֲרָה הַמְאוֹרָסָה, אָדֶער מֶען צְווִינְגְט נוּר וֶועמֶען אוֹיף אַלֶע מִינֵי עֲבֵירוֹת, קוּמְט נִיט דֶער שְׁטְרָאף פוּן מִיתָה, אוֹיסֶער אַז מֶען צְווִינְגְט אַ מַאנְסְפֶּערְזָאהן אוֹיף זְנוּת מִיט עֲרָיוֹת קוּמְט אִיהם יָא מִיתָה. [דלא הוי אונס גמור].

## תקנז) וְלוֹ תִהְיֶה לְאִשָּׁה. תקנח) לֹא יוּכַל לְשַׁלְּחָהּ כָּל יָמָיו. (שם כט)

דִיא מִצְוֹת אִיז, א) וֶוען עֶס נוֹיט וֶוער אַ בְּתוּלָה צוּ זְנוּת, מוּז עֶר אִיהר פִיר אַ פְרוֹיא נֶעמֶען, אויב זִיא אִיז אַיינְשְׁטִימִיג.

ב) עֶר טָאר אִיהר קֵיין קָאהל נִיט גֶט׳ין. אוֹיךְ דַארְף עֶר צָאהלִין דֶעם פָאטֶער פוּנְפְצִיג דָאלַאר זִילְבֶּער, אוּנ וָואס עֶר הָאט אִיהר צַער אָן גִיטָאהן אוּנ בּוֹשֶׁת אוּנ פְּגַם, וִויא עֶס אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין פ׳ מִשְׁפָּטִים.

צוּ בֶּעשְׁטְרָאפִין דִיא נְבָלִים וָואס טוּהֶען מַעֲשִׂים רָעִים, יוּדִישֶׁע טֶעכְטֶער זָאלִין נִיט זַיין וִויא הֶפְקֵר, הָאט אִיהם דִיא תּוֹרָה גִיקְנַסְט עֶר מוּז אִיהר פִיר אַ פְרוֹי הַאלְטִין, זִיא קָאן זַיין אַ גִיפֶּעגֶערְטֶע, אַ אוֹיקְזַאצִינֶע, נָאכְמֶעהר עֶר קָאן

פון

פון איהר קיין מאל ניט גישיידעט ווערין, זיא אבער האט דאך ניט ווילענדיג געטאהן דאפיר האט זיא דיא פבייהייט, אדער זיא וויל איהם ניט אבער זיא ווערט לויז מיט א גט.

דיא אלע דינים גייט נור אן ביא א נערה.

דיא יאהרין פון א פריילין ווערט צו טהיילט אין דרייא אבטהיילונג, פון דרייא יאהר ביז צוועלף יאהר איז זיא אין כלל פון א קטנה, פון צוועלף יאהר איז זיא זעקס חדשים א נערה, נאך דיא צייט איז זיא אין כלל פון א בוגרת.

## תקנט) לא יבוא פצוע דכה וכרות שפכה בקהל ה׳. (כג—ד)

דיא מצות ל"ת איז, א פצוע דכה אדער א כרות שפכה, דאס הייסט דיא וועלכע זיינען געבארין געווארין וויא אלע מענשין נור דורך א סיבה באיי דורך א רעפאראציאן אדער דורך א אנדער סיבה זיינען זייא געראנירט געווארין דאס זייא קאנען קיין קינדער ניט האבין, טארין זייא ניט נעמען קיין יודישע טעכטער פיר פרויען 1).

## תקס) לא יבוא ממזר בקהל ה׳. (שם—ג)

דיא מצות ל"ת איז, א ממזר טאר ניט נעמען קיין יודישע טאכטער פיר א פרויא, אונ א יוד טאר ניט נעמען קיין ממזרת פיר א פרויא.

דער אמת'ער כשר קינד הייסט דער וואס איז גיבארין אהן א עבירה, ניט אין דיא קדושין אונ ניט גיבארין פון נדה.

אין ניט כשרה גיבארינע איז דא אזעלכע וואס הייסין ממזרים, וועלכע טארין ניט קומען מתחתן זיין זיך אין יודישען קהל, אונ עס איז דא אזעלכע וואס מען קאנ זייא יא ארייןנעמען, דאס הייסט זייא הייסין ניט ממזרים, אבער זייא פארשמוצין אונ פאר מיאוסין די יודישע הייליגקייט טהרת משפחה. אונ ווייל עס איז אז־דעם דא פיל פרטי דינים האבין מיר ניט אויס גישריבין וועלכער הייסט ממזר אונ וועלכער ניט, נור אין שולחן ערוך איז פיל ארום גירעדט.

אז מען געפינט א קינד אוועק גיווארפין אונ עס איז אום בעוואוסט ווער דיא עלטערין פון דעם קינד זיינען, טאר דער קינד ניט חתונה האבין פון יודין, דער קינד האט דעם דין פון א ממזר.

דיא חכמים זאגין עבירה גוררת עבירה, איין עבירה ציהט ארויף דיא צווייטע, פון דיא עבירה פון זנות בריינגט פיל עבירות, עס ווערט גיבארין א קינד פון זנות, געוויינליך דיא מוטער שעמט זיך ערלויבט זיא זיך איהם צו דערשטיקין, הייסט דאס גיטויט א נפש, זיא ווארפט איהם אוועק אונ מען ווייס

ניט

---

1) פצוע דכה הוא שנפצע או נכרת או נדך אפילו אחת מהבצים שלו או התוטים, כרות שפכה הוא שנכרת או נפצע האבר או שנכרתה העטרה או למעלה מהעטרה.

גיט ווער דיא מוטער איז, אונ דער קינד ווערט פערמישט צווישען יודין אונ האט יא חתונה, איז דאס מרבה ממזרים בישראל. נאכמעהר אין די שטעט וואו עס געפינט זיך דיא שענדליכע הייזער מאכט מען מיט דיא גיבארינע קינדער געשעפטין אום צו ברייגען זייא פון דער וועלט.

בעונותינו הרבים ביי אונזער היינטיגע פינצטערע וועלט וויא די עלטערין זיינען גאר ניט זוכה צו פירין די קינדער אונטער די חופה, זיי פארין זעלבסט אוועק אונ האבען חתונה אונ ביי דעם איז ניטא קיין פאטער אונ מוטער קיין שווער אונ שוויגער, דארפין די עלטערין פאר דיא קינדערשע אב ביינען דורך לערנען מיט זייא הלכות נדה.

ווען דיא קינדער גייען אוועק מיט יאהרין פריהער, דארפין דיא זייטיגע מענשין זעהן, דיא עלטערע פרויען זאלין מיט אזעלכע כלה'ס פארזאגין דיא דינים פון נדה וויא זיא זאל זיך בענעמען מיט'ן מאן. השי"ת זאל אונז עפינען דיא אויגין עס זאל ווערין אזעלכע חברות מיט דעם נאמען „עזרת נשים" אין יעדער שטאט, בפרט אין אמעריקא אין אפריקא וואס דאס מערסטע זייגען דיא יונגע קינדער פערטריבין פון דיא עלטערין אונ גייען מיט'ן אייגענעם פערשטאנד וויא א בלינדער אין גרוב אריין.

## תקסא) לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה' וגו' עד עולם. (כג—ד)

דיא מצות ל"ת איז, פון פאלק עמון ומואב ווען זייא זייגען זיך אפילו מגייר, טארין זייא ניט נעמען קיין יודישע טאכטער פיר פרויען 1).

דיא טעכטער פון עמון ומואב זייא מאגין גינומען ווערין צו יודין ווען זייא זיינען זיך מגייר.

## תקסב) לא תדרוש שלומם וטובתם כל ימיך לעולם. (שם—ז)

דיא מצות ל"ת איז, ווען יודין האבען געהאט רעכט מן התורה מלחמות צו האלטין מיט אנדערע נאציאנען, דארף מען צו ערשט פארטראגין שלום צו שליסין, אבער מיט עמון ומואב טאר מען קיין שלום שליסין, סיידין זייא גיבין זיך זעלבסט אונטער.

## תקסג) לא תתעב אדומי כי אחיך הוא.

## תקסד) לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו. בנים אשר יולדו להם דור שלישי יבוא להם בקהל ה'.

דיא צוויי מצות איז א) אדום ווייל ער קומט ארויס פון עשו'ן טאר מען

איהם

---

1) ובזה"ז אחר שבלבל סנחרב כל האומות אמרינן כל דפריש מרובה פריש ומותרים גם הזכרים אחר שנתגיירו.

איהם ניט פאר האסין, ווען ער איז זיך מגייר מאג מען זיך שוין מיט זיין דריטין דור מתחתן זיין.

ב) דיא זעלבע דער מצרי ווייל דוא ביסט געוועזן אין זיין לאנד א גר טאר מען איהם ניט פערהאסין, אונ ווער עס איז זיך מגייר מאג מען מיט זיין דריטין דור מתחתן זיין.

ביז דעם דריטין דור זיינען זיך דיא גרים מתחתן צווישין זיך דאן איז דער דריטער דור כשר.

דארום זיינען מיר פערזאגט צו דערווייטערין עמון ומואב מעהר פאר אנדערע נאציאנען וועלבע האבין אונז שלעכטס געטאהן, ווייל זייא האבין געגען אונז גרויסע אכזריות בעוויזין, ווען יודין זיינען געגאנגען אין וועג פארמידעט, הונגעריג אונ דארשטיג אונ זיינען גאר געגין זייא ניט געגאנגען מיט א מלחמה. פון דעסטוועגין זיינען זייא ניט ארויס אנטקעגין מיט ברויט אונ וואסער וויא דער מענשליכער געפיהל זאגט, נאכמעהר וויא גרויס זייער אכזריות אונ קארג־הייט איז, האבען זייא נאך געדונגען בלעם צו שילטין יודין אונ האבען קיין געלד געזשאלעוועט, אזעלבע פארדארבענע מענשין איז זייערע שלעכטעס א עוויגע ירושה צו קינדס קינדער, אלזא ווען אויך אפילו זייא זיינען זיך מגייר טאר מען זייא ניט אריין נעמען אין כלל ישראל, ווייל זייא וועלין זיך געוויס ניט אויס־בעסערין אונ אונז פערדארבין, אונ אין א מלחמה טארין מיר זיי ניט פארגייאגין שלום צו שליסין, מיר דארפין גאר מיט זייא אכזריות בעהאנדלען, אב שטאסין פון זיך ניט צו ציהען צו זיך.

דיא נקבות זייערע זיינען מותר מתחתן צו זיין ווייל עס איז ניט דער דרך פון פרויענצימער ארויס צו גיין אנטקעגין, ווידער האבען זייא דאך עלטערין, דיא פארהייראטע האבען דאך מאנען זיינען זיי דאך אונטער דריקט אונטער זיי.

ארום אבער ער קומט ארויס פון דיא אבות. זיין גיבארענע נאטור איז גאר ניט אזוי שלעכט, אונ צום דריטין דור וויא ער איז זיך מגייר קאן איהם דעם היטין דיא יודישקייט אויסבעסערין צו בעקומען יודישע זיטין אונז ניט פערדארבען אונ זיך אויסבעסערין, דארום טארין מיר איהם ניט האסין.

דאס גלייכין דער מצרי, ווען אויך מצרים האבען אונז וויא געטאהן, דאס איז דאך אבער געוועזן מן השמים, צום גליק פון קבלת התורה צו דערקאנען אז עס איז דא א בורא א משגיח. הכלל דיא גאנצע אמונה האבין מיר זיך גישאפט אין מצרים, אלזא איז זייער פערדארבענהייט ניט קיין עוויגע נאך נור צו דער צייט, אבער ווען זייא זיינען זיך מגייר קאנען זייא זייערע שלעכטע זיטין ארויס טרייבין אונ צום דריטין דור קאנען זייא שוין זיין מענשין.

תקסה) **איש אשר לא יהיה טהור מקרה לילה** וגו׳
**לא יבוא אל תוך המחנה.** (כג—יב)

דיא מצות ל״ת איז. דער מענש וועלכער איז אונריין פון קרי זאל ניט

זיין קומען אויף דעם הר הבית וואס איז דער פלאץ פון בית המקדש׳.

## תקסו) ויד תהיה לך מחוץ למחנה ויצאת שמה חוץ.
## תקסז) ויתד תהיה לך על אזנך. (שם — יג יד)

דיא צוייא מצות איז, אין דער צייט ווען דיא ארמיע גייט מלחמה האלטין זאל מען גיין אויף דעם מענשליכען געברויך אין א בעזאנדערין ארט אויסער דעם לאגער, ווייל דיא יודישע מחנה מוז ריין זיין.

ב) יעדער קריגסמאן ביי דיא כלים מוז האבין א לאפאטקע צו פערשיטין מיט ערד ווען ער גייט אויף דעם מענשליכען געברויך.

דיא גמרא ברייננט אין עבודה זרה ר׳ פנחס בן יאיר זאגט ווען אנדערע מלכים האבין בעקוקט דעם יודישען לאגער האבין זייא בעוואונדערט וויא ריין און ציכטיג עס איז געוועזין וועלכע אין קיין נאציאן האט מען דאס ניט געפונען.

דארום איז דער דין אז מען טאר קיין דבר שבקדושה ניט זאגין אין א אונרייניגעם ארט, ארום א מקום קדוש דארף דער גאנצער פלאץ ריין זיין וויא עס איז מבואר אין שלחן ערוך.

פון דעם פסוק ויתד תהיה לך על אזנך דרש׳נט דיא גמרא ווען איינער הערט וואס מען טאר ניט הערין, ליצנות, לשון הרע, רכילות, נבול פה, האט איהם דער בורא גיגעבין א גיכאריגע עצה, דארום איז געמאכט דער גאנצער אויהער הארט און דיא שטיקעלע ווייך צו פערשטאפין מיט׳ן פינגער פון די זאך וואס מען טאר ניט הערין.

## תקסח סט) לא תסגיר עבד אל אדוניו.
## עמך ישב וגו׳ לא תוננו. (כג—טז יז)

דיא צווייא מצות איז, א) ווען א עבד כנעני פון חוץ לארץ אנטלויפט אין ארץ ישראל זאל מען איהם ניט אומקערין צום ווירט צוריק.

ב) דעם קנעכט ניט מצער זיין, דער ווירט מוז איהם פרייא מאכין און ארויס געבין א שיין דאס ער איז פרייא, דאס הייסט שטר שחרור.

ווען דער עבד כנעני געפינט זיין רוהע אין ארץ ישראל וויפיל דארפין מיר שוין האפין און ווארטין אויף אונזער הייליג לאנד מיר זאלין דארטין אונזער רוהע קריגין, עס טאר אונז דיא צייט ניט לאנג ווערין, מיר זאגין אלעם מיר ווארטין שוין צווייא טויזענד יאהר באלד, און עס נעמט קיין ברעג, מיינט יעדער אז ער ווארט דיא גאנצע צווייא טויזענד יאהר, יעדער איינציגער ווארט דאך ניט מעהר וויא עטליכע צעהנדליג יאהר, דארף דאך איהם ניט שווער זיין צו ווארטין, דיא הילף פון השי״ת איז כהרף עין. מיר דארפין נאר זעהן מיר זאלין ווערט זיין וועט שוין קומען די גאולה.

## תקע) לֹא תִהְיֶה קְדֵשָׁה מִבְּנוֹת יִשְׂרָאֵל. (כג—יח)

דיא מִצְוַת ל״ת אִיז, קֵיין מַאנְסְפֶּערְזָאן טָאר נִיט צוּזַאמֶען קוּמֶען מִיט אַ פְּרוּיעֶנְצִימֶער לֶעבִּין מֶענְלִיךְ אוּנ טייבְּלִיךְ אָהן קִדּוּשִׁין, אוּיב זֵייא קוּמֶען יָא צוּזַאמֶען קוּמְט זֵייא מַלְקוּת, אוּיסֶער וָואס זֵייא הָאבֶּען אוּיף זִיךְ כָּרֵת. ווייל דָאס מֶערְהֶערְסְטֶע גִיוֵויינְלִיךְ אִיז זִיא אַ נִדָּה. אוּיךְ אִיז דאס מַרְבֶּה מַמְזֵרִים בְּיִשְׂרָאֵל וִויא מִיר הָאבִּין עֶרְקְלֶערְט.

מִיט אֵיין מָאהל זִינְדִּיגְט טוּהט מֶען דרייא פַארְבְּרֶעכֶען, א) זוֹנָה, ב) נִדָּה, ג) מַמְזֵר.

דיא אַנְפִירֶער פוּן דֶעם וָועלְכֶע מַאכִין דָאס פִּיר אַ גִישֶׁעפְט דיא בָּתֵּי זוֹנוֹת. די גאסְטְהֵייזֶער וָועלְכֶע פַארְנֶעמֶען זִיךְ מִיט דֶעם, זֵייא קְלֵייבִּין זִיךְ אָהן טוֹיזֶענְדֶער עֲבֵירוֹת, זֵייא קֶאנֶען זִיךְ קֵיין מָאהל נִיט אָבְּרֵיינִיגִין פוּן זֵייעֶר שְׁמוּץ, ווייל אַלֶעם וָואס וֶוערְט אָב גִיבְאהן זֵיינֶען זֵייא דָאךְ דיא סִיבָּה, אִיז וִויפִיל יֶעדֶער הָאט פַאר זִיךְ הָאבֶּען זֵייא פַאר אַלֶעמֶען, אוּנ זֵייא זֵיינֶען מַרְבֶּה מַמְזֵרִים בְּיִשְׂרָאֵל, זֵייא הָאבֶּען גָאר קֵיין הָאפְנוּנְג יוּדִין גִירוּפִין צוּ וֶוערִין, דֶער גֵיהִנּוֹם עֶנְדִיגְט זִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטְרָאף קָאן זִיךְ גאר נִיט עֶנְדִיגִין ווּאו זֵייא זָאלִין דֶעם גִישֶׁעפְט נִיט אַוֶועקְוַוארְפִין.

דֶער רמב״ם זָאגְט דֶער מַאן וָועלְכֶער לֶעבְּט מִיט זַיין פְרויא אָהן אַ כְּתוּבָּה אִיז גְלֵייךְ ווִיא עֶר לֶעבְּט מִיט אַ זוֹנָה.

## תקעא) לֹא תָבִיא אֶתְנַן זוֹנָה וּמְחִיר כֶּלֶב בֵּית ה׳ אֱלֹהֶיךָ. (כג—יט)

די מִצְוָה אִיז, מֶען זָאל נִיט מַקְרִיב זַיין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ די זַאךְ וָועלְכֶע אַ זוֹנָה הָאט פַאר אִיהר לָאהן בֶּעקוּמֶען, אָדֶער דיא זַאךְ וָועלְכֶע אוּיף אַ הוּנְד גֶעטוּישְׁט גֶעוָוארִין.

## תקעב) לֹא תַשִּׁיךְ לְאָחִיךָ. (שם—כ)

דיא מִצְוָה אִיז קֵיין יוּד טָאר נִיט נֶעמֶען קֵיין גֶעלְד אוּיף צִינְזִין.

דארוּם הָאט דיא תּוֹרָה בֶּעזוּנְדֶער פֶערְזָאגְט דֶעם לֹוֶה עֶר זָאל גָאר נִיט גֶעבִּין קֵיין צִינְזִין, ווייל דיא עֲבֵירָה פוּן פְּרָאצֶענְט אִיז עֶרְגֶער פִיר אַלֶעם, ווייל דֶער לֹוֶה אִיז גִינֵייטִיגְט אִין גֶעלְט מֵיינְט עֶר גָאר אַז דָאס אִיז זַיין טוֹבָה, אַזוֹיא וִויא דֶער פִּישִׁיל מֵיינְט אַז דֶער וֶוערֶעמִיל אִיז אִיהר בְּרוֹיט, אָבֶּער וֶוען די תּוֹרָה פֶערְזָאגְט אִיהם אַז עֶר טָאר נִיט גֶעבִּין נַיים עֶר אַז מֶען דַארְף נִיט גֶעבִּין, אוּנ דיא תּוֹרָה אִיז אִיהם מֶעהר גוּטֶער פְרֵיינְד וִויא עֶר זִיךְ זֶעלְבְּסְט.

וֶועגִין צִינְזִין הָאבֶּען מִיר עֶרְקְלֶערְט אִין פ׳ מִשְׁפָּטִים אוּנ אִין פ׳ בְּהַר.

## תקעג) לַנָּכְרִי תַשִּׁיךְ. (שם—כא)

דיא מִצְוָה אִיז, צוּ נֶעמֶען צִינְזִין פוּן אַ גֶעצִינְדִינֶער.

אזוי וויא צינזין איז דיא גרעסטע פארדארבענהייט וויא מיר האבין פיל ערקלערט וועגין דעם, דאס איז אבער אלס גירעדט אז מען טאר דאס גיט טאן דיא וועלכע גלויבין אין בורא עולם, אבער דיא געצינדינער זייא איז גאר א מצוה ווייא צו טאהן, דען דיא מענשין וועלכע גלויבין גיט אין גאט האבין גאר קיין מענשין רעכט.

## תקעד) כִּי תִדֹּר וגו׳ לֹא תְאַחֵר לְשַׁלְּמוֹ. (כג—כב)

דיא מצוה איז, ווען מען טוהט זיך א נדר אדער מען זאגט צו א נדבה אדער מעשרות אדער מתנות עניים, מוז מען אב געבין פאר דעם ערשטין יום טוב פון דער צייט וואס ער איז מחויב געווארין.

ווען עס גייט פערבייא דרייא יום טובים נאך דער צייט איז ער עובר דיא לא תעשה.

אז מען זאגט צו א צדקה מוז מען באלד אב געבין.

אז מען זאגט צו אויף די שולין אונ מנגנים איז פיל גלייכער באלד אב צו געבין, גיט ווארטין וויא דיא מאדע איז אויף ימים נוראים, ווייל דיא זאך וואס מען קאן באלד אב געבין אונ מען גיט ניט אב איז מען עובר דעם לאו.

## תקעה) מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר וְעָשִׂיתָ כַּאֲשֶׁר נָדַרְתָּ. (שם—כד)

דיא מצוה איז מקיים צו זיין א נדר אדער נגר וואס מען אסרת אויף זיך טאר מען פון דעם קיין הנאה האבין, מען מוז זעהן דיא זאך מקיים צו זיין.

דער צוזאג פון צדקה איז אזויא וויא א נדר, וויא עס איז ערקלערט אין יורה דעה.

דיא שטענדיגע צדקות שטאטיגע אדער פרעמדע, צב״ש וואס מען צאהלט אויף ישיבות אונ נאך אנדערע, טאר מען פון דעם ניט אב רייסין, ווען אויך אפילו דיא צייט גייט חלילה ערגער, וויא דער מדרש ברייננט, ר׳ עקיבא מיט נאך חכמים פלעגין רייזין צו נויף נעמען נדבות פאר זיין ישיבה, אין דער שטאט אנטיוכא איז גיוועזן איינער מיט זיין נאמען אבא יודן פלעגט ר׳ עקיבא ביא איהם בעקומין א גרויסע נדבה, דער אבא יודן איז אבער פאר ארעמט געווארין אונ האט שוין מעהר ניט גיקאנט געבין זיין נדבה, עס האט איהם אבער דיא זאך זעהר געקריינקט, זאגט ער צו דיא פרויא וואס טוהט מען דא דיא חכמים זיינען גיקומען אונ איך האב זייא ניט וואס צו געבין, ענטפערט איהם באלד דיא פרויא, וויא אזויא קאנסטו זאגין דאס דוא האסט גיט צו געבין פארקויף א האלבע פעלד אונ גיב אב דיין נדבה, ער האט אזויא גיטאהן, דיא חכמים האבען איהם גיבענשט אונ זיינען אוועק, אין איינע טעג איז ער גיגאנגען אקערין אין פעלד איז גיפאלין דיא קוה אונ צו בראכין א פוס. ער גייט איהר אויף הייבין געפינט ער א אוצר. ווען דיא חכמים זיינען צוריק גיפארין פרעגין

זייא נאך אויף דעם אבא יורן זאגט מען זייא זיין ביינכטהום איז אומנאטירליך נער האט גאר דיא זכיה איהם צו זעהן, ער האט זיך דערוואוכט פון די חכמים איז ער זייא אנטקעגין געגאנגען בעדאנקען פאר זייער ברכה.

אבער אונזערע פרויען, וואס זייא האבען נור איין ענטפער אהן דעם מאן ווייס איך ניט, וויא פאראירט זייא זיינען, דיא צדקה וואס מען איז געוואהנט צו געבין הייסט דאס א נדר, אונ אז מען היט חלילה דעם נדר ניט זיינען דיא פרויען פעראנטוואָרטליך, זייא גייען חלילה אן א צייט פון דער וועלט, דארפין זייא דאך דעם מאן צו טרייבין צו דעם לסוף שטערט זיא איהם אין דיא אויגין, אונ אונטער דיא אויגין איז זיא גאר פטור, „אהן מאן ווייס איך ניט", — אויף מאדעם נעארט זיא שוין ניט אויף דעם מאן.

תקעו) כי תבא בכרם רעך וגו׳ כי תבא בקמת רעך וקטפת וגו׳.
תקעז) וחרמש לא תניף. תקעח) ואל כליך לא תתן. (כג—כה כו)

דיא דרייא מצות איז, א) דער בעל הבית זאל לאזין דיא ארבייטער עסין פון דער זאך וואס זייא טוהען בייא דעם.

ב) דער ארבייטער זאל ניט עסין ווען ער טוהט דיא ארבייט נור ווען ער ענדיגט דיא ארבייט.

ג) ער זאל ניט אב לייגין אויסער זיין עסען, אונ זאל ניט נעמען מעהר וויפיל ער קאן עסין אונ געבין צו איין אנדערין.

אפילו אז ער מאג עסין אבער צו זאט טאר ער ניט עסין.

דיא מצות גייט נור אן בייא ארבייט אין דיא זאך וואס הייסט ערד פרוכט אדער בוים פרוכט.

אין דיא ארבייט ווען זייא גייען פון איין ארט צום צווייטין מאגין זייא עסען.

דיא זאך וואס וואקסט ניט פון דער ערד איז ניט קיין חוב אויף דעם בעל הבית צו לאזין עסען, נור אלעם האראקטער איז אויף א קליינינקייט קיינער ניט מקפיד.

א שומר א סאד, א גארטין, הייסט ניט קיין ארבייטער.

דער וואס היט אב געריסענע תבואה אדער פרוכט אדער גרינסין, האט ער א דין וויא א ארבייטער (מתל׳ מדינה).

תקעט) וכתב לה ספר כריתות. (כד—א)

דיא מצות עשה איז, ווען א מאן וויל זיך שיידין מיט זיין פרויא זאל ער איהר געבין גט.

אלע פרטי דינים פון גט איז ערקלערט אין אבן העזר. מיר האבין דא ניט

נים גייטיג צו שרייבן דיא דינים אונ דער צו גאנג פון גט וייל דאס גיהער צו בית דין.

קיין מאן זאל זיך נים איילין צו געמין מיט זיין פרויא.

דיא גמרא זאגט דער וואס גט זיין פרויא גיסט דער מזבח טרערין אויף איהם. דאס הייסט דער מזבח מאכט שלום אונ זייא צו ברעכין דעם שלום.
דיא גמרא בעריימט אהרן הכהן מיט דיא מדה דאס ער פלעגט שלום מאכען צווישין מאן אונ פרוי.

איבער שלום צווישין מאן אונ פרויא האט דער בורא גיהייסין זיין היילגען נאמען אב מעקין, וויא מיר האבין ערקלערט אין פ' נשא, איז דאך געוויס אז דער שטראף איז זייער גרוים דער וואס מאכט א פירוד צווישין מאן אונ פרוי.

דיא פרויא וועלכע איז פריינעזאגען אין דת אדער זיא פירט זיך נים בצניעות וויא א יודישע טאכטער דארף זיך פירין, דיא איז א מצוה צו געטין. אבער דיא וועלכע פיהרט זיך בצניעות זיא פיהרט דיא הויז יודיש דיא קינדער ערציהט זיא יודיש, דיא איז א מצוה צו שעצין, ווי דיא גמרא דערציילט ר' חייא האט געהאט א שלעכטע פרויא דאך האט ער איהר גישעצט. דיא תלמידים האבען דאס בעוואונדערט, ענטפערט זייא ר' חייא עס איז גענוג פון זייא וואס זייא זייגען אונז מציל פון חטא אונ ערציהען דיא קינדער צו תורה.

דיא גמרא זאגט האלט זיך א עצה מיט דיין פרויא, ווען זיא איז אפילו נידעריגער פאר דיר אין פערשטאנד בייג זיך צו איהר אונ פרעג איהר אין גישעפט זאכין. אבער וואס גיהער צו יודישקייט האט דיא פרויא קיין דעה ער זאל ביא איהר דארפין פרעגין, סיידין אז ער פארשטייט אז זיא וועט איהם באטהען גוט איז פיל גלייך ער זאל ביי איהר פרעגין.

דיא פרויא הייסט דער אמה"ד גוטער פריינד, איז דאך געוויס אז מען טאר איהר נים מצער זיין דען איהרע טרערין קומט גלייך צום הימיל שטול.
דיא פרויא דארף שעצין דעם מאן, זיא איז צו איהם אונטער זיין שוטץ פארהייליגט אויף עוויג.

ווען זיא איז פארדארבין אין יודישקייט אדער אין מענשהייט, צב"ש ווען זיא שילט דעם מאנס עלטערין פאר דעם מאן אין דיא אויגין אדער זיא גייט אין גאס מיט'ן הוילין קאפ אדער זיא פיהרט דיא הויז נים בכשרות, גט ער איהר אונ זיא פערליהרט דיא כתובה.

עס איז דא אופנים ווען מען גייט דעם מאן ער זאל געטין די פרויא ווען זיא פערלאנגט.

תקפ) לא יוכל בעלה הראשון אשר שלחה לשוב לקחתה. (שם—ד)

דיא מצות ל"ת איז, דיא פרויא וועלכע איז גיגט אונ האט שוין געהאט
איין

איין אַנְדֶער מאַן אונ עֶר איז גֶעשְׁטָארְבֶּין אָדֶער זיא איז גִיגַט פון איהם. פַאר איהר דֶער פְרִיעֶרִיגֶער מאַן ניט גֶענוּמֶען צוּרִיק פִיר אַ פְרויא.

## תקפא) לֹא יֵצֵא בַּצָּבָא וְלֹא יַעֲבֹר עָלָיו לְכָל דָּבָר. (שם—ה)

דִיא מִצְוַת ל"ת איז, אִין דֶעם יָאהר נָאךְ דֶער הָאכְצֵייט גֵייט נִיט דֶער חָתָן צוּ קַיין יוּדִישֶׁע מִלְחָמוֹת אוּנ צוּ קַיין נָאךְ וֶועלְכֶע דֶער קָהָל הָאט נֵייטִיג.

## תקפב) וְשִׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ אֲשֶׁר לָקָח. (שם)

דִיא מִצְוַת עֲשֵׂה איז, אִין עֶרְשְׁטֶין יָאהר פוּן דִיא הָאכְצֵייט טָאר עֶר אויף אַ לַאנְגֶע צֵייט, אָדֶער אויף אַ וַויטֶע רֵייזֶע נִיט אָב רֵייזֶין, נוּר עֶר מוּז אִין הוֹיז צוּם פֶערְגְנִיגֶען זַיין פְרויא פֶערְבְּלַייבֶּין, אִיבּ זיא עֶרְלוֹיבְּט קָאנ עֶר אָב רֵייזֶין.

דַארוּם הָאט דִיא תּוֹרָה אִיהם בֶּעפְרַייט פוּן דִיא פְלִיכְטֶין אוּנ טָאר פוּן אִיהר אָהן עֶרְלוֹיבְּנִיס נִיט אָב רֵייזֶין, וַוייל זַייא קָאנֶען זִיךְ וֵוייניג פוּן פְרִיעֶר, אִיז אִין דִיא צֵייט פוּן עֶרְשְׁטֶין יָאהר וֶוערִין זַייא גוּט בֶּעקַאנְט אִינ שְׁטִימֶען זִיךְ אַיין וִויא צוּ פִירֶין זַייעֶר לֶעבֶּין נָאךְ דֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

אַייגֶענְטְלִיךְ אִיז דָאךְ אַ פְרַאגֶע, פִיל גְלַייבֶּער וָואלְט זַיין זַייא זָאלִין זִיךְ גוּט קָאנֶען פוּן פְרִיהֶער וָוארוּם וָואס נוּצְט זַייא זַייעֶר בֶּעקַאנֶען זִיךְ נָאךְ דֶער חֲתוּנָה פִילַייכְט וֶועט זַייעֶרֶע דֵעוֹת נִיט שְׁטִימֶען אוּנ זַייא וֶועלִין זִיךְ דַארְפִין נָאכְהֶער גֶטִין.

אִין דֶער פְּרַאקְטִיק זֶעהֶען מִיר אָבֶּער גְרַאדֶע פַאר קֶערְט, דִיא וֶועלְכֶע הָאבִּין חֲתוּנָה מִיט דֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה הָאט מֶעהר הַצְלָחָה. אוּנ דִיא וֶועלְכֶע צַם גֶענוּמֶען זִיךְ אַלֶעם לִיבֶּע אִיז דָאס מֶעהרְסְטֶע אָהן הַצְלָחָה. מֶען כֵייסְט זִיךְ אָב דֶעם גַאנְצִין לֶעבִּין, וַוייל בְּעֵת זַייא שְׁפִּילִין דִי לִיבֶּע גַארִין זַייא זִיךְ אַייגֶער דֶעם צְוַוייטִין, זַייא זָאגִין זִיךְ צוּ אוּנ שְׁטֶעלִין זִיךְ פַאר דִיא גְרֶעסְטֶע גְלִיקִין, דֶער גְרֶעסְטֶער גְלִיק אִיז וָואס עֶר בֶּעקוּמְט אִיהר אוּנ זיא אִיהם, אוּנ דֶערְוַוייל פֶערְקוּקְט מֶען דִיא פֶעהלֶערִין, וִויא שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט עַל כָּל פְּשָׁעִים תְּכַסֶּה אַהֲבָה, אויף אַלֶע פֶעהלֶערִין פַארְשְׁטֶעלְט דִיא לִיבֶּע, נָאכְהֶער עֶרְשְׁט נָאךְ דֶער חֲתוּנָה אַז דֶער בְּרֶען פוּן דִיא לִיבֶּע פַאלְט אַרָאבּ קוּקְט מֶען זִיךְ עֶרְשְׁט אַרוּם אַיינֶער אויף דֶעם צְוַוייטִין אוּנ זַייא גִיפֶעלִין זִיךְ שׁוֹין נִיט.

דִיא תּוֹרָה אָבֶּער הָאט אַרוֹיסְגִישְׁטֶעלְט רִיכְטִיגֶער דֶעם מֶענְשְׁלִיכֶען לֶעבִּין, פַאר דֶער חֲתוּנָה אַז דוּא וֶועסְט זִיךְ מִיט אִיהר בֶּעקָאנֶען, וָואס דוּא וֶועסְט מִיט אִיהר מֶעהר מַאכֶען בֶּעקַאנְטְשַׁאפְט וֶועסְט דוּא אַלֶעם אִיהר וֵוייניגֶער קָאנֶען. — אַלְזָא אַרוּם פְרֶעגִין פַאר דֶער חֲתוּנָה וִויפִיל דוּא קָאנְסְט פְרֶעגִ, זֶעהֶען זִיךְ מוּז מֶען, וִויא דִיא חֲכָמִים זָאגִין אָסוּר לְאָדָם לְקַדֵּשׁ עַד שֶׁיִּרְאֶנָּה, עֶר מַאג אִיהר גָאר

ניט מְקַדֵשׁ זַיין וואו עֶר זָאל אִיהר נִיט זֶעהן, אוּנ וֶועגֶין אַיינְשְׁטִימִין דֶעם לֶעבִּין צוּ פִיהרִין דִיא וֶועלְט אִיז אִין אַ צַייט פוּן אַ יָאהר קָאן מֶען זִיךְ רִיכְטִיג אוּנ עֶרְלִיךְ אַיינְשְׁטִימֶען, אַזוֹיא הָאבִּין זִיךְ יוּדִין אַייבִּיג גֶעפִירְט.

אִין מְדִינוֹת פּוֹילִין פִירְט מֶען נָאךְ עַד הַיּוֹם מִיט דֶעם דֶרֶךְ דִיא עֶלְטֶערִין זָעהֶען חָתָן כַּלָּה פְרִיעֶר, עֶרְפָארִין זַייא רִיכְטִיגֶער, זַייא הָאבִּין דָאךְ נִיט קַיין פְּגִיָּה פוּן לִיבֶּע. אַנָב מַאכִין זַייא יוּנְג חֲתוּנָה אוּנ עֶס אִיז זַייא בּ"ה מַצְלִיחַ ווייל דִיא רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן יוּדִין אִיז נוּר דֶער דֶרֶךְ הַתּוֹרָה. אוֹיף דֶעם זָאגְט דהע"ה חִשַּׁבְתִּי דְרָכַי וְאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדוֹתֶיךָ, אִיךְ הָאבּ גִיפְּרוּבִּירְט זוּכִין אַיינִיגֶע דְרָכִים הָאבּ אִיךְ עֶרְפָארִין אַז אַיינִיגֶע דְרָכִים אִיז נָאר קַיין דֶרֶךְ נִיט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גִיקֶערְט צוּ גֵיין צוּם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, דָאס אִיז דֶער אֶמֶת'ר דֶרֶךְ.

## תקפג) לֹא יַחֲבֹל רֵחַיִם וָרָכֶב כִּי נֶפֶשׁ הוּא חֹבֵל. (שם—ו)

דִיא מִצְוַת ל"ת אִיז, דֶער בָּארְגֶער זָאל נִיט נֶעמֶען קַיין מַשְׁכּוֹן פוּן דִיא זַאכֶען וֶועלְכֶע נֵייטִיג אִיז צוּם פַארְפֶערְטִיגִין שְׁפַּייז אִין הוֹיז.

פִיל גְלַייךְ אִיז כֵּלִים פוּן מָאהלִין צוּ פוּן קְנֶעטִין, בַּאקִין, קָאכִין, אוּנ דָאס גְלַייכֶען.

## תקפז) הִשָּׁמֶר בְּנֶגַע הַצָּרַעַת. (שם—ח)

דִיא מִצְוָה אִיז, דִיא סִימָנִים פוּן נֶגַע בַּייא אַ מֶענְשִׁין אָדֶער אִין קְלֵיידֶער אִין הַייזֶער וֶועלְכֶע דֶער כֹּהֵן בֶּעהַאנְדִילְט דִיא נֶגַע טָאר מֶען נִיט אוּם מַאכֶען עֶס זָאל אוֹיסְזֶעהן דִיא נֶגַע טָהוֹר צוּ מַאכִין.

## תקפה) לֹא תָבוֹא אֶל בֵּיתוֹ לַעֲבֹט עֲבֹטוֹ.

## תקפו) לֹא תִשְׁכַּב בַּעֲבֹטוֹ.

## תקפז) הָשֵׁב תָּשִׁיב לוֹ אֶת הָעֲבוֹט.

דִי דְרַייא מִצְוֹת אִיז, א) נִיט צוּ נֶעמֶען קַיין מַשְׁכּוֹן אָהן רְשׁוּת פוּן בֵּית דִין. וֶוען בֵּית דִין עֶרְלוֹיבְּט צוּ נֶעמֶען, טָאר דֶער בָּארְגֶער זֶעלְבְּסְט נִיט נֶעמֶען נוּר דֶער שָׁלִיחַ בֵּית דִין נֶעמְט אוּנ גִיט אָבּ. דֶער בָּארְגֶער טָאר נָאר אִין הוֹיז נִיט אַרַיין גֵיין מִיטִין שְׁלִיחַ בֵּית דִין.

ב) דֶער בָּארְגֶער טָאר דֶעם מַשְׁכּוֹן נִיט הַאלְטִין אוֹיף שְׁטֶענְדִיג נוּר אָבּ גֶעבִּין צוּ יֶעדֶע צַייט וִויא דִיא צְוַוייטֶע מִצְוָה זָאגְט פָאר.

ג) עֶס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה אָבּ צוּ גֶעבִּין דֶעם שׁוּלְדִיגֶער דֶעם מַשְׁכּוֹן צוּ נַייא גֶעבְּרוֹיךְ, אוֹיף בַּייטָאג דִיא וֶוערְקְצַייג אוֹיף בַּיי נַאכְט דִיא בֶּעטְגֶעוַואנְד.

דָאס אִיז אַלֶעס אוֹיבּ עֶר הָאט אִיהם לְכַתְּחִלָּה נִיט אוֹיף דֶעם מַשְׁכּוֹן גִילִיעֶן. אָבֶּער וֶוען עֶר גִיט אִיהם לְכַתְּחִלָּה אוֹיף דֶעם מַשְׁכּוֹן בַּארְף עֶר נִיט אָבּ גֶעבִּין צוּ

זיין

זיין געברויך, נור דער וואס פהוט דאס הייסט ער טוהט לפנים משורת הדין.
דער בארגער טאר ניט נוטצין דעם משכון אונ איז מחויב צו היטין דעם משכון פון א שאדין פון גנבה אונ אויסלופטערין וויא דער דין הייסט, וואררום ער הייסט א שומר אויף דער זאך.

## תקפח) בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ. (שם—טו)

דיא מצוה עשה איז, אב צו צאלין דעם גידונגענעם צו דער צייט, וויא עס איז ערקלערט אין פ׳ קדושים.

## תקפט) לֹא יוּמְתוּ אָבוֹת עַל בָּנִים. (שם—טז)

די מצוה איז, בית דין זאלין ניט אן נעמען פאר עדות א קרוב פון א בעל דין. וועלכער קרוב איז פסול איז ערקלערט אין חושן משפט.

## תקצ) לֹא תַטֶּה מִשְׁפַּט גֵּר יָתוֹם. (שם—יז)

דיא מצות ל״ת איז, אזויא וויא דער דין איז פערזאגט ניט מטה דין צו זיין, ווען ער איז חלילה מטה דין פון א גר אדער פון א יתום איז דיא עבירה דאפיל.

## תקצא) וְלֹא תַחֲבוֹל בֶּגֶד אַלְמָנָה. (שם)

דיא מצות ל״ת איז, ניט צו נעמען א משכון א בגד בייא א אלמנה, ניט בייא קיין ארעמע ניט בייא קיין רייכע.

## תקצב) וְשָׁכַחְתָּ עֹמֶר בַּשָּׂדֶה לֹא תָשׁוּב לְקַחְתּוֹ.
## תקצג) לַגֵּר לַיָּתוֹם וְלָאַלְמָנָה יִהְיֶה. (שם—יט)

דיא צווייא מצוה איז, א) דעם פארגעסענעם גארב וועלכער געהער צו ארעמע זאל מען ניט צוריק קערין צו נעמען.
ב) עס איז א מצות עשה צו לאזין דעם פערגעסענעם גארב פאר ארעמע.

## תקצד) וְהִפִּילוֹ הַשֹּׁפֵט וְהִכָּהוּ לְפָנָיו וגו׳ בְּמִסְפַּר אַרְבָּעִים וגו׳.

דיא מצוה איז, בן צו זיין דעם שטראף פון מלקות ווער עס איז פארווערטהיילט.
מען שלאגט נייען אונ דרייסיג מלקות.
עס ווערט גישאצט פריהער איב דער מענש וועט דאס קאנען אריבער

יא

טראגין

פראגין, אויב מען זעהט איין אז ער וועט דאס ניט קאנען איבערטראגין ניט מען איהם ווייניגער נור מען גיט איהם אזא צאל וואס צו טהיילט זיך אויף דרייא, צב"ש ווען מען האט איהם געשאצט צו געבין צוואנציג, גיט מען איהם אכטצעהן.

דער צו גאנג פון דיא מלקות איז אזויא, מען בינד איהם צו ביידע הענד צו א זייל, דער שמש גייט צו איהם צו אונ נעמט אן פאר די קליידער עס קאן זיך אפילו צו רייסין די קליידער ביז ער דעקט איהם אב דיא הארץ. דער שמש שטייט הינטער איהם מיט א רצועה פון קאלב לעדער אין צווייען, דיא צווייא אין פירין, אונ צווייא רצועות פון אייזיל ריטען געמאכט.

דארום איז געמאכט פון קאלב לעדער אונ אייזיל לעדער, וויא ישעיה הנביא שטראפט דיא יודין, "ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו ישראל לא ידע עמי לא התבונן".

ביא דעם שטראף פון מלקות זיינען דרייא בית דין געשטאנען, איינער פון זייא האט דעם פערברעכער פארגילעזין דיא ווערטער פון דער תורה, פון אם לא תשמור לעשות ביז דיא ווערטער חליים רעים ונאמנים, אונ דארף ענדיגין דיא ווערטער ביז עס ענדיגט זיך דיא מלקות, אויב ער האט גיענדיגט דיא ווערטער פריהער, פאנגט ער אן פון אנפאנג.

דער צווייטער האט געציילט דיא קלעפ. דער דריטער האט אויסגעשריען שלאג. איין דריטיל פון דיא קלעפ האט מען איהם צווישין דיא בריסט געשלאגין דיא איבעריגע שלאגט מען איהם איין דריטיל אויף איין אקסיל אונ איין דריטיל אויף דעם צווייטין אקסיל פון הינטין.

בעת מען שלאגט איהם די מלקות שטייט דער גישלאגענער איינגיבויגין.

אויף צוויי הונדערט זיבין פארברעכין שלאגט מען מלקות.

## תקצה) פן יוסיף. (כה—ג)

דיא מצוה איז, ניט צו שלאגין דעם פערברעכער קיין איבעריגע מלקות, אפילו איינע אויך ניט.

אין כלל פון דער מצוה איז איינער זאל דעם צווייטין ניט שלאגין.

דער שטראף פאר דעם איז מלקות, דאס איז אויב עס איז ניט גיוועזן קיין שאדין פון שלאגין, ווען אבער ער האט געהאט דורך דעם שלאגין שאדין מוז מען אב צאהלין מיט געלד.

דער יוד וואס הייבט נור אויף א האנד צו שלאגין הייסט ער א רשע.

## תקצו) לא תחסום שור בדישו. (שם—ד)

דיא מצות ל"ת איז, ניט צו פערצאמען דיא מויל פון דער בהמה אויף דער צייט ווען זיא דרעשט תבואה בכדי זיא זאל ניט קאנען עסען.

צו פרעסען א גירונגענע בהמה טאר מען אויך ניט פערצאמען דיא מויל.

## תקצז) לא תהיה אשת המת החוצה לאיש זר. (כה—ה)

דיא מצוה איז, ווען עס שטארבט איינער אהן קינדער טאר זיא ניט גינומען ווערין פיר א פרויא ביז זיא ווערט לויז פון איהר שוואגער דעם טאטס ברודער מיט חליצה, אז ער נימט איהר חליצה דאן מאג זיא נעמען א מאן.

## תקצח) יבמה יבא עליה. תקצט) וחלצה נעלו מעל רגלו.

דיא צווייא מצות איז, א) ווען איינער שטארבט אהן קינדער זאל דער ברודער פון טויטין וועלכער איז מיט איהם פון איין פאטער, נעמען דעם ברודערס פרויא. היינט עס מקיים געווען מצות יבום.

ב) אויב ער וויל איהר ניט נעמען דארף ער איהר געבין חליצה.

דער צוגאנג פון חליצה איז ערקלערט אין אבן העזר.

דיא תורה האט געהייסין דער שוואגער זאל איהר נעמען פיר א פרויא, איז דאס א זכות פאר דעם טויטין אונ דער קינד וועלכער ווערט געבארין פון זיא ווערט הייסין גלייך וויא ער איז פון איהם געבארין, דען דער קינד איז דאך געבארין פון טויטינס פרויא מיטין טויטינס ברודער, וועלכע זייא האבין געהאט מיטין טויטין א צוזאמען בשר, וויא אלעס פרויא אונ ער אלעס ברודער.

דאס איז אבער אלעס ווען מען זאל מיינען נור פון מצוה וועגין, יעצט אז מען אבער ניט בעטרויט מען זאל מיינען פון מצוה וועגין. מיגליך איז אז ער טוהט דאס נאר ווייל איהם געפעלט דיא שוועגערין. איז דאך גלייך וויא ער זאל נעמען דעם ברודערס פרויא ווען עס איז פון איהם געבליבין קינדער, דעס בייא אונז פערבליבין דער דין ער זאל איהר געבין חליצה 1).

## תר) וקצותה את כפה. תרא) לא תחוס עינך. (כה—יב)

דיא צוויי מצות איז, א) ווען מען זעהט איינער יאגט דעם צווייטין צו טויטין אדער ער יאגט זיך נאך א ערוה וועלכעס עס קומט מיתה בית דין אדער כרת, מוז מען איהם אב ווענדין פון דעם, ווען אויך איהם א גליד אויסצוברעכין אדער אפילו איהם דעם לעבין אויבער צו פירין נור ניט צו לאזין איהם דיא שלעכטעס טאהן.

ב) ניט רחמנות צו האבען אויף דעם יאגער אונ טאהן מיט איהם נאך דעם דין.



---

1) ווי כאבא שאול ובא״י מיבמין כרבנן.

אויב ער האט שוין דיא זאך אב גיטאהן מעהר ער איהם ניט מאהן נור אייזער דורך בית דין בעשטראפט ווערין.

דאס וואס מען מאג איהם טאהן אהן בית דין נור וויא מען נעהמט דיא זאך, איז דאס נור אויף דיא עבירות, אבער אויף אנדערע עבירות אפילו דיא האנדבקטע טאר מען איהם ניט טאהן אהן בית דין.

## תרב) לא יהיה לך בכיסך אבן וגו׳ איפה ואיפה. (כה—יג)

דיא מצות ל״ת איז, ניט צו האלטין ביי זיך ניט קיין ריכטיגע געוויכט אדער מאס, אונ נור וואס עס ווערט געברויכט צום וועגין אונ מעסטין, ווען אפילו ניט צו נוטצין צום וועגין אונ מעסטין, אפילו האלטין דיא כלי אויף אנדערע נוטצין אפילו פיר א נאכט געשיר אויך ניט, ווייל דיא פאלשע מאס אונ וואג איז זייער א הרבה עבירה וויא מיר האבין ערקלערט אין פ׳ קדושים, דארום האט דיא תורה פערזאגט עס זאל זיך דיא כלים גאר אין הויז ניט געפינען.

## תרג) זכור את אשר עשה לך עמלק.
## תרד) תמחה את זכר עמלק.
## תרה) לא תשכח. (שם—יז יט)

דיא דרייא מצות איז, א) צו דערמאנען מיט׳ן מויל אימער וואס עמלק האט אונז גיטאהן.

ב) צו פארניכטין דיא נאכקאמענדע פון עמלק.

ג) ניט צו פארגעסין דעם געדאנק פון הארצין וואס עמלק האט אונז גיטאהן.

ווען אויך מיר האבין גיליטין אונ ליידין עד היום פון פרעמדע פעלקער, דאך האט אונז דיא תורה אזויא פיל ניט פערזאגט נוטר שנאה זיין וויא אויף עמלק. אדום אונ מצרים איז נאך דא א צייט ווען מען קאן זייא נאך אריין נעמען צווישין יודין, וויא עס איז ערקלערט. אפילו עמון ומואב וואס זייא האט אונז דיא תורה פערזאגט אוים צו דאטין, דאך אבער האלטין אין געדאנקען זייא אונ אימער ניט פארגעסין דארף מען ניט.

ווייל עמלק איז דער ערשטער ארוים אויף יודין פריער פאר אלע, בעפאר עס האט נאך א פאלק אונ א קעניגרייך גיהויבין א האנד געגין יודין, פון דיא צייט פון ארויסגאנג פון מצרים, ווייל עס איז גיפאלין א מורא אויף אלע פעלקער וויא דיא תורה שרייבט שמעו עמים ירגזון וגו׳, נור עמלק מיט זייער שלעכטער פערדערליכע הארץ, מיט זייער מיט געבארענעם שלעכטין נאטור זייגען זייא ארוים מיט א אפענע מלחמה אונ האבין אראב גינומען דיא מורא וואס איז געפאלין אויף אלע פעלקער, וויא דיא חכמים זאגין עמלק איז גיגליכין וויא

איינער

איינער שפרינגט אריין אין א הייסע וואנע, וועט אויך ער ווערט פערברענט אבער פארין צווייטען איז דיא וואנע אב געקילט, דיא זעלבע האט ער גיצאפינט דיזע וועג פאר אלע פעלקער, אונ וואס מיר ליידען אימער אונ עוויג פון דיא אנטיסימיטען אונ פאגראמען אן צו פאלן אויף אונז איז דאס אלס צו דאנקען עמלקן, דארום מוזין מיר אויף איהם טראגין דיא שנאה אויף עוויג, דערמאנען מיט'ן מויל אונ נים פארגעסין פון הארצין.

איבערהויבט האט ער אונז מזיק גיוועזן מיט'ן געדאנק מעהר וויא מיט מעשה, וויא דיא תורה זאגט אשר קרך ער האט דיר קאלט געמאכט. עמלק האט אב געקילט דיא אמונה אויך, א שמייכלע א לאך פון א נס פון א מופת, פון א דין פון א מנהג, דאס ווילט זיך יעדערין מאכין, א גלייך וועדטיל פון זיך זעלבסט. אלעס מקרב זיין אל הטבע, וועלין זיין א קלוגער יונג לאכין פון כשוף פון גלגולים אונ שדים, אונ אנדערע לאכין אויס אין גאנצין פון שולחן ערוך פאר פון אלע היילינקייט פון תורה שבעל פה פון תורה שבכתב, ביז עס איז שוין געקומען א צייט וואס עס ווילט זיך זיין א נאציאן וויא אלע נאציאנען דיא עבריה אונ דער יודישער שטאלין זאל ניט זיין דער דת דיא תורה אונ מצות, דאס איז אלעס דיא בחינה פון עמלק, באלד נאך דיא נסים אונ מופתים פון מצרים האט זיך עמלק א לאך גיגעבין אונ זאגט איך האלט ניט פון דיא מופתים עס איז אלעס מיט דיא נאטור, וויא דיא היינטיגע וועלט זאגט א תורה דארף מען היטין אבער ניט תורה שבעל פה 1). דעפארמירען דיא פאלק אבער ניט אומברייגגען אונ מיט א צייט וועלין זייא ווערין אונזערע אין גאנצין 2).

דארום איז עמלק'ס מלחמה דיא שווערסטע, וויא דיא תורה זאגט ויהי משה הויבט אויף זיין קראפט שטארקט זיך ישראל, וויא משה לאזט אב זיין קראפט שטארקט זיך עמלק.

ווייל עמלק האט אונז גילאזין א מלחמה פון אינעווייניג אונ פון דרויסין מיט דיא אנטיסימיטין אין יעדער צייט, אונ מיט דיא יודישע אפיקורסים וואס זוכין צו רעפארמירען דעם דת קאלט מאכין דיא אמונה ביי יודין, פליישין אפיקורסות, אב לאכין פון דיא חכמים פון דיא נביאים, אויסרייסין דעם דת מיט א צייט אין גאנצין.

אונ אזוי וויא המן קומט ארויס פון עמלק, ער האט אויך געמיינט דער עיקר דעם דת 3). דארום איז ביי אונז אבגישטעלט איין מאהל אין יאהר צו ווייזין אפין מחית עמלק. איינפלאנצין אין אונזערע קינדער דיא ריינע אמונה. דאס איז דער געדאנק פון שלאגין המנ'ן דאס הייסט דער מאנען זיך איינע דיא אנדערע שלאגט פערנאנדער דיא שלעכטע געדאנקען טרייבט ארויס דיא המנ'ש

פון

---

1) חתך מילות וזרק בלעי מעלה, חיתוך דאורייתא הוי זריקה כלפי מעלה אבל פריעה דרבנן מצוה שאינה צריכה. 2) וזהו עצת בלעם לכה איעצך אשר יעשה העם הזה לעמך באחרית הימים. 3) ודתיהם שונות מכל עם.

פון יעדער דור, רייסט ארויס דעם עמלק וואס ליגט פערבארגען אין הארצען. האלט זיך פעסט אין דיא אמונה אין גאט אין דער תורה אין דיא נביאים אין דיא חכמים אין דיא דינים אין יודישע מנהגים אונ אין אלעם וויא אונזערע עלטערין האבין גיגלויבט, וויא עס זאגט אונז דיא מסורת אבות.

# תבוא.

## תרו) הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה' אֱלֹהֶיךָ. (כו—ג)

דיא מצות עשה איז, ווען מען ברייננגט בכורים זאל מען זאגין די פרשת פון בכורים וויא עס שטייט אין דער תורה.

דער צו גאנג פון בכורים ביז דעם בריינגען אין דער עזרה איז ערקלערט אין פ' משפטים מצוה צ"א.

יעדער וואס ברייננגט דיא בכורים זאגט דעם פסוק הגדתי היום לה' וגו' נאכהער נעמט ער אראב פון אקסיל דיא קארב מיט דיא פרוכט אונ האלט אין זאגט פאר דעם בּרעג קארב אונ דער כהן נעמט אב דיא קארב פרוכט אונ טוהט וויא דער רעכט איז. דער בריינגער זאגט ווידער פון ארמי אובד אבי ביז ער ענדיגט דיא פרשה.

## תרז) בִּעַרְתִּי הַקֹּדֶשׁ מִן הַבַּיִת. (שם—יג)

דיא מצות עשה איז, אין פירטין אונ אין זיבעטין יאהר ווען מען בריינגט דיא מעשר שני אין ירושלים זאל מען צו מנחה אחרון של פסח זיך מתודה זיין אין בית המקדש אונ זאגין דיא רייד, איך האב דאס היילינגע פון הויז אוועק גישאפט, איך האב אויך דעם לוי דעם יתום אונ אלמנה גיגעבין נאך אלע דיינע גיבאטע, איך האב פון דיין בעפעל נים איבער געטראטין אונ נים פארגעסין.

## תרח) לֹא אָכַלְתִּי בְאֹנִי מִמֶּנּוּ תרט) וְלֹא בִעַרְתִּי מִמֶּנּוּ בְּטָמֵא. תרי) וְלֹא נָתַתִּי מִמֶּנּוּ לְמֵת. (שם—יד)

דיא דרייא מצות איז, א) נים צו עסין קיין מעשר שני אין דעם טאג וואס מען איז א אונן.

ב) נים צו עסין קיין מעשר שני בעת מען איז טמא.

ג) דיא געלט וואס ווערט דערמיט אויס גילייזט דיא מעשר שני טאר נים געברויכט ווערין צו קיין געברויך אויסער שפייז אונ געטראנק.

## תריא) וללכת בדרכיו. (שם—יז)

דיא מצות עשה איז, וויא מעגליך אוים צו גלייכען זיך צו דיא דרכים פון השי"ת, אזוי וויא דער בורא איז א רחמן אזוי דארף יעדער יוד האבען רחמנות, אזויא וויא דער בורא טוהט חסד מיט דיא וועלט אזויא דארף מען זיין א גוטער בעל חסד בגוף ובממון. אזוי וויא דער זיגיל פון בורא איז אמת, אזוי דארף יעדער יוד ביידין אמת אונ דער ווארט זאל זיין הייליג. אונ דאס גלייכען אין אנדערע מדות. אזויא וויא דער בורא רופט זיך גבור דארף יעדער יוד זיין א גבור בייא צו קומען דעם יצר הרע, וויא דער תנא זאגט איזהו גבור הכובש את יצרו, אויסרייסין פון זיך די מדות רעות, נים זיין קיין כעסן, קיין אבער קיין בעל גאוה.

אזויא וויא דער בורא הייסט קדוש אזויא דארף יעדער יוד זיין גיהייליגט אין זיינע מעשים זייא זאלין זיין לשם שמים, ווי עס שטייט אין דער תורה והתקדשתם והייתם קדושים.

# וילך.

## תריב) הקהל את העם האנשים והנשים והטף. (לא—יב)

דיא מצות עשה איז, דאס אין דער צייט ווען יודין זיינען אין ארץ ישראל א הערשענדע נאציאן, זאל אין ירושלים איין הויבט פערזאמלונג זיין פאנקלייט אויף פרויענצימער פון גרוים ביז קליין, דיא געטליכע לעהרע אנצוהערין.

דיא פערזאמלונג איז גיווען דעם ערשטין טאג חוה"מ סוכות נאך דעם יאהר פון שמיטה.

דיא מצוה איז מים גרוים פאראד געשאהן געוואריין, מען האט מים פרויספייטין געשאלט אין שטאט ירושלים מען זאל אלע צו נאמען קומען אין בית המקדש.

מען שטעלט אריין אין עזרת נשים א האלצערנע בימה אונ דער מלכות זעצט זיך ארויף אין דער בימה, דער גאנצער נארד ארום איהם.

דער חזן נעמט דיא ס"ת אונ דער לאנגט דעם עלטסטין פון דיא סנהדרין ער האט איבער גיגעבין צו דעם סגן הכהנים אונ דער סגן האט איבער גיגעבין דעם כהן גדול אונ דער כהן גדול האט מיט גרוים כבוד דעם מלכות איבער גיגעבין, אונ דער מלכות ליינט פאר דעם עולם איניגע פרשות פון ספר דברים.

## תריג) כתבו לכם את השירה הזאת. (שם—יט)

דיא מצות עשה איז, יעדער יוד זאל שרייבין א ספר תורה, עס איז רעכט א אנדערער זאל שרייבין פאר איהם. ווען ער שטעלט נור איין אות אריין איז גלייך וויא ער האט גישריבין אין גאנצין.

דיא ספר תּוֹרָה דארף מֶען מגיה זיין און כָּל זְמַן מֶען איז ניט מגיה קאר מֶען אין איהר ניט לייענען, און מֶען האט א איסור פון אַל תַּשְׁכֵּן בְּאָהָלֶיךָ עַוְלָה.

אַלֶע פְּרָטֵי דינים פון דער מִצְוָה איז ערקלערט אין יוֹרֶה דֵעָה און ידיעַ צו סופרים.

דער רא"ש פסקנת אז דיא מִצְוָה פון שרייבן א סֵפֶר תּוֹרָה איז אז מען לערינט אין ס"ת אָבֶּער היינט אז מיר לערנען אין סְפָרִים, איז קויפן א סֵפֶר אויך א מִצְוָה וויא שרייבן א סֵפֶר תּוֹרָה, און נור א סֵפֶר אויף לְשׁוֹן קוֹדֶשׁ פאר א לַמְדָן אָדֶער א היילינגער ספר אויף דייטש איז פיל גלייך

דיא מִצְוֹת פון שרייבן א ס"ת איז נור אויף מאנסלייט, אָבֶּער קויפן סְפָרִים וועלכע נָשִׁים פארשטעהען וואס איז נייטיג פאר זייא צו וויסן אין דיא דינים וואס זייא זיינען מְחוּיָב אָדֶער דיא סְפָרִים וואס איז געמאכט אין חִיזּוּק הָאֱמוּנָה זיינען נָשִׁים אויך מְחוּיָב, און דיא מאנען טארין זייא ניט שטערין אין דעם, אין געגענטהייל דיא מאנען זיינען מְחוּיָב צו פערזארגין אזעלכע סְפָרִים אין זייערע הייזער, בִּפְרָט ביי יעצטיגע צייט וויא עס געפינען זיך אזעלכע וואס פְּלַייצִין מיט ביכלעך צו ברעכין דעם דת, מוזין מיר זעהען צו דרוקין און קויפן אזעלכע סְפָרִים צו שטארקין דעם דת, אזויא וויא אין דיא צייט וואס איז מצוי פאזארין שאפט מען זיך וואס מעהר כֵּלִים צום לעשין דעם פאזאר, דיא וועלכע דער יֵצֶר הָרָע הייסט אֵשׁ דיא תּוֹרָה הייסט מַיִם איז וְאָתָא מַיָא וְכָבָה לְנוּרָא, קומט דער וואסער פון דער תּוֹרָה און לעשט אוים דעם פייער פון יֵצֶר הָרָע. ביז עס וועט מְקוּיָם ווערין דער פָּסוּק וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים:

דאס איז דיא תרי"ג מִצְוֹת, ד"ה צוייא הונדערט אכט און פערציג מִצְוֹת עֲשֵׂה'ס און דרייא הונדערט פינף און זעכציג לֹא תַעֲשֶׂה'ס וואס מיר זיינען רעדענט געוואָרין אויף דעם באַרג סִינַי, דער וואס אַ זייא מְקַיֵּים איז ער זוכה צו עוֹלָם הַבָּא, דער וואס איז עובר אויף זיי ווערט געשטראפט נאך די הַדְקְדּוּקִים פון דיא עֲבֵירָה. דיא שטראף איז איינגעטיילט אין זיבן אוֹפַנִים און דאס זיינען זיי. א) סְקִילָה, ב) שְׂרֵפָה, ג) הֶרֶג, ד) חֶנֶק, ה) מִיתָה בִּידֵי שָׁמַיִם, ו) כָּרֵת, ז) מַלְקוּת. און זיבן מִצְוֹת דְּרַבָּנָן וועלכע אז מען איז עובר אויף זייא קומט מַכַּת מַרְדּוּת, און דאס זיינען זיי. א) צו מאכין א בְּרָכָה אויף וואס מען האט הֲנָאָה, און בִּרְכוֹת אויף מִצְוֹת, ב) נְטִילַת יָדַיִם, ג) הַדְלָקַת נֵרוֹת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, ד) עֵירוּבִין, עֵירוּבֵי חֲצֵרוֹת, עֵירוּבֵי תְחוּמִין, עֵירוּב תַּבְשִׁילִין, ה) הַלֵּל, ו) נֵר חֲנוּכָּה, ז) מִקְרָא מְגִילָּה, ז"ז זיינען איז דא זעכס הונדערט און צוואנציג מִצְוֹת, איז דער סִימָן „כֶּתֶר תּוֹרָה":